STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03043

ARABESKN

Abraham Blei

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם בליי / אַראַבעסקן

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

דאָס בוך איז געווידמעט מיינע שוועסטער

ח נ ה און א ס ת ר

אברהם בלײ

אראבעסקן

ABRAHAM BLEI / ARABESKN

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

שער־צייכענונג : אורה להב־שאלתיאל

★

אברהם בליי / אַראַבעסקן
פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

©
Copyright by A. Blei, Tel-Aviv

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1967

דפוס לינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, תל־אביב

אינהאַלט:

אַריינפיר	7
מעשה דערציילער	9
איבליס דער חייסער	12
אַבו־שושאַ	20
דזשיגוטי	24
אַ משל	34
די מעשה מיט די פיר קריגלעך	38
אַבו־דיאב דער העלד	46
דאָס שטיינדעלע אין דער בירקע	49
אין בעלעד	57
עקסטאַז	60
מערת תאומין	67
דער פעלדז פון בענקשאַפט	70
אַ גאַסט אין דאָרף	80
די שעכערעזאַדע פון זשאַמוסין	83
זעננאַ	91
אַ קניפל	106
די כישוף פּאַס	114
פאַרשאָלטענע חלומות	118
קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ	133
זאַאַריפע און דער רול	140
אומגליק	155

אַרײַנפֿיר

דאָס וואָרט „אַראַבעסק“ איז לויט וועבסטער און אַנדערע פֿילאָלאָגן: „אַ באַצירונג, וואָס באַשטייט פֿון פֿאַנטאַסטישע פֿיגורן אײַנגעפֿלאָכטענע אין בלומען, בלעטער אָדער פֿרוכטן. אויך פֿון פֿייגל און פֿון מענטשן, פֿיגורן װאָס אַמאָל זענען זיי געאָמעטרישע און אַמאָל חי פֿליסנדיקע. אויך הערט אַ געוויסער באַלעט־טאַנץ אָנגערופֿן מיטן נאָמען „אַראַבעסק“. אין אַלגעמיין ווערט אַראַבישער נוסח, אַראַבישער סטיל, אָנגערופֿן מיט דעם נאָמען. און הגם אַראַבעסקן איז לויטן ווערטערלעכן זינען נישט קיין דערציילונג אָדער מעשה, נוצן מיר דאָך דעם נאָמען „אַראַבעסקן“ פֿאַר דעם בוך, ווײַל עס האָט אַ שײַכות צו אַראַבישן נוסח, צו זייער לעבנס־שטייגער.

די דאָזיקע אַראַבעסקן זענען געשריבן אין פֿאַרשידענע תּקופֿות. מערסטנס אין דער, אַזוי גערופֿענער, ראָמאַנטישער תּקופֿה, די תּקופֿה פֿון דער פּערטער עליה און דאָס איז אויך געווען אַ צײַט, ווען דער אַראַבישער פֿעלאַך האָט געלעבט אין גאָר פּרימיטיווע באַדינגונגען, אָן די סאַמע נייטיקסטע באַקוועמלעכקייטן, ווי באַלײַכטונג, וואַסער אאַ״וו. וואַסער האָבן די פֿרויען געבראַכט פֿון אַ ברונעם אין קרוגן און בלעכן אויפֿן קאָפּ. דער ברונעם איז אין די מערסטע דערפֿער געווען ווייט, ווייט פֿון דאָרף.

די פֿעלדער האָט מען געאַקערט מיט אַן אַקער וואָס האָט אויסגעזען מער ווי אַ טשוואַק און עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז דאָס אַקערט נישט, נאָר עס קיצלט די ערד. צו דעם „אַקער“ איז געווען געשפּאַנט אַ מאָגער פֿערדל, אַן אייזל אָדער אַן אויסגעמאָגערטער אָקס א.א.וו. אויפֿגעשטאַנען צו דער אַרבעט איז מען מיטן זון־אויפֿגאַנג, ביים ערשטן קריי פֿון האָן און שלאָפֿן איז מען געגאַנגען נאָך זון־אונטערגאַנג. צווישן טאָג און נאַכט פֿלעגן זיך די מענער צונויפֿקומען אויף דער „מיזבעלע“ (דער פּלאַץ וווּ מ׳קלײַבט דאָס מיסט פֿון דאָרף) און דאָרטן זיצן, זיך דערציילן מעשׂיות וואָס זענען געשען אָדער כּלומרשט געשען. די פֿאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט. האָט מען דערציילט מעשׂיות מיט גוזמאות אָן אַ שיעור פֿון שדים און כּלערליי רוחות, זיי פֿאַרנעמען אַ גרויסן פּלאַץ אין אַט די מעשׂיות. דער געפֿערליכסטער פֿון די שדים איז דער „רול“ (זע די אַראַבעסק „זאַאַריפֿע און דער רול“).

פֿאַר יעדן שד האָבן זיי אַ נאָמען און יעדער שד האָט זײַנע אייגנשאַפֿטן און זײַנע צייכנס. אויך האָבן זיי אויסגעטראַכט לעגענדאַרישע חיות ווי, למשל, די דעבע, וואָס

קיינער קען נישט ביישטיין איר פאַרנאַרערישן בליק. קוים טוט זי אַ בליק אויף אַ מענטש אָדער אַ חיה, ציט עס זיי חי אַ מאַגנעט, מען מוז איר נאָכגיין. זי עסט נישט איר קרבן, נאָר זייגט אויס זיין בלוט, פאַרנאַרנדיק אים ערגעץ אין אַ פינצטערער הייל, ווייל זי שרעקט זיך פאַר בלוט. קוים זעט זי בלוט, פאַרלירט זי איר קראַפט, און אַנטלויפט פון פלאַץ, איבערלאָזנדיק איר קרבן. די בעדואינער האַנדערער אין דער מדבר דערציילן כלערליי גרויליקע מעשיות פון שלאַנגען.

הכנסת אורחים איז ביי די אַראַבער און ביי די פעלאַכן געווען, און איז אויך היינט, זייער אָנגענומען. עס איז אַ פרייד און אַ כבוד אויפצונעמען אַ גאַסט און אים מכבד צו זיין מיטן שענסטן און בעסטן. זייערע שמחות האָבן אַ באַזונדערן חן (זע אַראַבעסק „עקסטאַז"). יעדע שמחה איז ווי אַ ריטואַל, אמת, נישטאָ מער די אמאָליקע ראָמאַנטיק. מ'טאַנצט נאָך היינט אַ „דעבקע" מיט שווערן אין אַן אויסגעהאַלטענעם ריטעם מיט האַרץ און נשמה. עס קומט אָבער נישט מער צו יענע צייטן.

די אַראַבעסקן זענען געשריבן אין גייסט פון דעם אַלטן שטייגער. נישט אַלע מיטן זעלבן סטיל, נישט מיטן זעלבן נוסח.

די נעמען פון די העלדן און די נעמען פון די דערפער זענען נישט אויטענטישע. דער מחבר האָט אָנגעגעבן נעמען פון דערפער וועלכע עקזיסטירן ביי היינטיקן טאָג, אויך די נעמען פון די העלדן קענען זיך געפינען אין דעם אָדער אַנדערן דאָרף. דאָס איז אָבער בלויז אַ צופאַל! דער מחבר האָט זיך באַמיט צו ווייזן דעם אַראַבישן דאָרף אין זיין אמתער ליכט.

דער מחבר ווינטשט זיך, אַז זיינע לייענער זאָלן הנאה האָבן לייענענדיק די דאָזיקע אַראַבעסקן, פונקט ווי ער האָט אַ הנאה געהאַט שרייבנדיק זיי.

דער מחבר

אַ מעשה־דערציילער

אַראַביש קאַפע־הויז, ווענט באַמאָלן מיט פרענדזן. סטעליע באַמאָלט מיט ווייסע טויבן. פאַרקאָפּטשעט פון רויך איז דאָס געמעלעכץ. קליינע טישלעך מיט אייזערנע צודעקלעך. בענקלעך געפלאָכטענע פון טשערעט. אַרום זיי ברוין־פאַרברענטע פּנימער, אויגן פאַרפירערישע, וואָנצעס שטאַרב־דיקע. קאָלירטע אַבאַיעס מיט מאָסקאָבישע רעקלעך פון אויבן. בלעכענע און קופּערנע רינגען אויף די פינגער.

פאַרזוכט מען אַ פרישע קאַווע, רויכערט מען טאַבאַק פון נאַרגילעס. דריקט מען קרעלן ברוינע אין די הענט. דרייט זיך אַרום דער דערלאַנגער, גיסט צו קאַלט וואַסער, לייגט צו אַ ברענענדיקע קויל אויפן טאַבאַק אין דער נאַרגילע. אויף אַ בינע אינגאַנצן אַ באַמאָלענע זיצט דער מעשה־דער־ציילער אין אַ מלאך־קלייד: אַ ווייסער כאַלאַט פון זייד, ברייטע אַרבל, דינע זאָקן, גלאַנצנדיק אויסגעפּוצטע שיך, רויטער טאַרבוש אויפן קאָפּ, וואָנצעס מיט פּאָמאַדע אָנגעשמירטע, אַנדערש ווי אַלע אין קאַפע־הויז. זיצט ער אַ פוס פאַרלייגט אויף אַ פוס. אַרום אים אָן אוּד מיט סטרונעס אַ פּאָר, אַלע פון נידעריקע טענער. דערלאַנגט מען אים איינס נאָכן צווייטן אַ פרישע קאַווע, אַ גוטן ציגאַר, אויפן חשבון פון באַלעבאָס און די געסט.

זענען אַלע אויגן צו אים געווענדט. גיט ער אַ גלעט די וואָנצעס פון רעכטס און פון לינקס, מאַכט צו אויף האַלב די אויגן און הייבט אָן:

— קאַן ומאַקאַן — אַזוי איז עס געווען און אַזוי וועט עס זיין. איז געווען אַ מאָל אַ נישט גלויביקער אַזאַ, האָט ער קיין געבעט צו אַללאַ נישט געשיקט, אין די וועגן פון מוכאַמעד דעם הייליקן געפעלשט, און געמיינט האָט ער אַז שטענדיק וועט ער אומבאַשטראָפט זיין, אַז שטענדיק וועט וואַקסן זיין רייכקייט — ווייל רייך איז ער געווען — און געטראַכט, אַז אַ רחום וחנון איז אַללאַ דער הייליקער. איז ער אָבער איין מאָל אַרויסגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט, אין דער שטאָט פון גרויסע פאַלאַצן און רייכטימער. איז

ער פֿאַרבײגעפֿאָרן אַ װאָדי אַ גרױסע צװישן בערג. האָט זיך אַ מחנה פֿון װילדע פֿײגל אַ לאָז געטאָן פֿון הינטער די בערג. שװאַרץ איז געװאָרן דער הימל פֿון זײ, און פֿאַרנאַכט, ברידער, פֿאַרנאַכט איז דער אײזל אַלײן צוריק אין דאָרף געקומען. אַװו איז אומגעקומען דער נישט־גלױביקער? קען אַן אײזל נישט רעדן. װײסט ער נישט צו דערצײלן, װי גרױס עס זענען די װוּנדער און די שטראָף פֿון אַללאַ...

קרעכצן אַלע אָפּ מיט אַמאָל, מורמלען ליפּן שטיל:

— אַללאַ, יאַ אַללאַ!

װערט דאָס גאַנצע געזעמל װי אַ קינד. שרעקן זיך אױגן און קוקן גלײך אױף דער בינע. בולבען די נאַרגילעס. כאַפּט דער דערצײלער די אוד, שפּילט צו אַ פּאָר טענער און זינגט אױס:

אַמאָל אין פֿעלד
אין אַ פֿאַרנאַכט,
פֿון אַ זיס מײדעלע
האָב איך געטראַכט.

זינגען אַלע צו:

פֿון אַ זיס מײדעלע
האָב איך געטראַכט.

קומט צוריק דער גלאַנץ אין די אױגן. צעגיסט זיך אַ זיסער שמײכל אױף די ראַנדן פֿון די ליפּן. גיט דער מעשה־דערצײלער אַ הילכיקן זופּ פֿון דער פֿרישער קאַװע, צופֿרידן װאָס אָפּגעלעבט האָט דער עולם. דערצײלט ער װידער פֿון אַ װילדן פֿױגל, װאָס האָט זיך פֿאַר אַן אײזל פֿאַרשטעלט און האָט בײם זײען די גאַנצע זריעה אױפֿגעפֿרעסן. דערצײלט ער פֿון אַ שעפּעלע אַזאַ, װאָס האָט מיט אַ גאָלדן פֿישל אַ ליבע געפֿירט אין קװאַל. זינגט ער לידער פֿון גוט און שלעכט. פֿון הימל־מײדלעך און פֿון שדים, פֿון אַ שײנער נאַכט און פֿון טיפֿן טאָל.

קאָפּטשען די לעמפּלעך אין קאַפֿע הױז. דרימלען אײן אײנער און צװײ־טער. קומען חלומות און שלעפּן צו הימל־מײדלעך. װערט דאָס פּנים ברײטער

און ברייטער. קומען חלומות פון שוואַרצע שדים — ווערט אַ בייסעניש אין פלייצע און אין דער נאָז.

— הא? הא?

זינגט און דערציילט דער מעשה־דערציילער אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ער אַליין פאַלט אַריין אין אַ זיסן שלאָף און אין אַ ים פון חלומות — אויסגעטראַכטע חלומות...

קאַן מאַקאַן — וואָס געווען איז געווען.

חאַדי — אַ טאָל אַזאַ.

אוד — אַן אַראַבישער אינסטרומענט מיט איין סטרונע, אַ מין גיטאַרע.

מאָסקאָבישע — רוסישע. די אַראַבער רופן אָן יעדן רוס „מאָסקאָב.“

איבליס דער ווייסער

סולימאַן אל קוז, דער שייך פונעם שבט כאַוואַניך, איז געקומען צוצוקוקן זיך, ווי עס אַרבעטן זיינע מענטשן אויף די פעלדער. ער האָט געקוקט און געקוקט, געכאַפּט אַ וואָרט מיט דעם און מיט יענעם און נאָכדעם האָט ער זיך צוגעלייגט כאַפּן אַ דרימל אויפן פריש געשניטענעם גראָז. און ווען ער האָט שוין געפילט דעם טעם פון אַ זיסן שלאָף, האָט זיך צו אים באַוויזן אַ מלאך, אַ ווייסער מלאך און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

סולימאַן, הער סולימאַן, וואָס אַ ווייסער מלאך רעדט צו דיר! שטיי אויף און גיי גלייך צו דיין שבט, נעם צונויף דיין האָב און גוטס, דיין פאַמיליע און אַלע דיינע גלייביקע פון שבט און לאָז זיך אין וועג אַריין. איר וועט אַרויסגיין פאַרטאָג, ווען די זון וועט זיך אין הימל באַווייזן. נעם דיין וועג אויף יענער זייט פון די בערג, און גיין זאָלט איר אַזוי לאַנג, ביז וואַנען איך וועל זיך נאָך אַמאָל צו דיר באַווייזן און הייסן דיר שטיין בלייבן. און דאָרטן, וווּ איך וועל צו דיר נאָך אַמאָל קומען — דאָרטן ליגט דיין גליק גרייט פאַר דיר. אייערע פיס וועלן באַטרעטן פעלדער גאַנצע, פול מיט אוצרות פון גאָלד, זילבער און דימענטן. וועסט שעפּן פון זיי, וויפל דיין האַרץ אַליין וועט גלוסטן. גרויס וועסטו ווערן און רייכער פון יעדן לעבעדיקן מענטש אויף דער ערד. געדענק זשע, סולימאַן, נישט פאַרליר דיין מוט! גיי, ווייל אַזוי הייסט דיר אַ ווייסער מלאך פון הימל, אין זיינע אויגן האָסטו שטאַרק אויסגענומען...

אַז סולימאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין זיסן שלאָף, האָט ער צוערשט נישט געוווּסט, ווו ער געפינט זיך. גאָר נישט געפילט, אַז דאָס האָט ער אַ דרימל אַזאַ געכאַפּט אויף זיין אייגן פעלד, נאָר געדוכט האָט זיך אים, אַז ער הענגט צווישן הימל און ערד, אין אַ פּלאַץ אַזאַ, ווו ער איז נאָך קיינמאָל ביז איצט נישט געווען. פאַר די אויגן איז אים נאָך געשטאַנען דאָס געשטאַלט פון יענעם ווייסן מלאך, וואָס האָט צו אים אָקערשט גערעדט. אַ פּנים, ווייס ווי

מילך, אין אַ ברייטער ווייסער און לאַנגער אַבאַיע, אַ זיידענע, וואָס פאַר־דעקט זיין גוף און די פליגל. און יעדער שמייכל זיינער איז אַזוי זיס ווי דער האָניק פון די בינען און יעדער וואָרט פון זיין מויל איז ווי אַ שיינענ־דיקע פערל...

עטלעכע מינוט זענען פאַרביי, ווען דער שייך סולימאַן אַל קוז האָט זיך אויסגעשטוכעט פון זיין שלאָף, האָט ער ערשט דערפילט, אַז זיין האַרץ קלאַפּט אים פון אויפרעגונג און פון פרייד. האָבן אים די קעמלען אויפן פעלד דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צייט אַהיים צו גיין, און ער האָט זיך צוריק צו זיינע ביידלעך געלאָזט. עס האָט נישט לאַנג גענומען און דער גאַנצער שבט פון קליין ביז גרויס האָט זיך דערוווּסט פון דער גרויסער זעעניש־געשעעניש. אַלע האָבן זיך אַרום זייער שייך צונויפגענומען, ווער ס'איז געשטאַנען און ווער ס'איז אויף דער ערד געזעסן, און דער שייך אינמיטן. און ער האָט דערציילט מיט אַזאַ יראת הכבוד וועגן דעם וווּנדערלעכן ווייסן מלאך. אַלצדינג האָט ער זיי דערציילט: אַזוי און אַזוי, געלייגט זיך כאַפּן אַ דרימל, געקומען דער ווייסער מלאך, געזאָגט דאָס און דאָס... און דער שבט קאָכט, רודערט זיך... אַזאַ גליק! אַזאַ גאָלדן גליק! באַשערט, אַז אַ גאַנצער שבט זאָל מיט אַמאָל אויפגעריכט ווערן, און אַלץ דורך אים, דורך דעם קלוגן שייך סולימאַן אַל קוז! גרעסער און קליגער פון אַלע שייכן איז דער שייך פון כאַוואַנין!..

אויסגעהערט אַלצדינג האָט מען אָפּגערעדט, אַז קיינער, אויסער די מענטשן פון שבט, טאָר זיך דערפון נישט דערוויסן. און פאַרטאָג, ווי נאָר די זון וועט האַלטן ביים אויפגיין, וועט מען זיך לאָזן אין וועג אַריין אַהין, צום ווייסן מלאך, צו די פעלדער מיט די אוצרות.

✶

אַ גאַנצע נאַכט איז דער שבט געווען אויף די פיס. ווער וועט עס גיין שלאָפן, אַז פאַרטאָג דאַרף מען זיך אין וועג לאָזן? און לאָדענען דאַרף מען אַלצדינג פריער אויף די קעמלען און אייזלען. און אַז מ'וועט שוין די אוצרות געפינען, וועט מען נישט פאַרגעסן זיך אומצוקערן אַהער צום אייגענעם פּלאַץ און אויפבויען אין מיטן טאָל אַ הויכן טורעם פון גרויסע שטיינער. וועט דער טורעם זיין העכער פון די פּאַלמען און פון די הימלבוימער. וועט

די גאַנצע וועלט זען דעם שפּיץ פונעם גרויסן טורעם און וויסן, אַז דער רייכסטער און שטאַרקסטער שבט פון דער גאַנצער וועלט איז דער שבט.

און פאַרטאָג, ווען די זון האָט זיך גענומען אויסשניידן פון הימל, איז שוין דער גאַנצער שבט געווען אין וועג מיטן פּנים אַהין, וואַהין דער קלוגער שייך האָט געפירט, לויטן אָנווייז פון דעם ווייסן מלאך.

זענען זיי געגאַנגען און געגאַנגען ווייטער און ווייטער. זענען זיי אַריין אין דער טיף פון די וויסטעניש, און מער ווי הימל און זאַמד נישט געזען. האָבן שטעכערס פאַרבלוטיקט זייערע פיס, און שטרעקעס וויט האָט זייער אויג נישט געזען קיין פלאַץ פון וואַסער. גומענס האָבן געטריקנט פון דורשט, און מידקייט האָט זיך באַזעצט אין זייערע ביינער. מדבר־פליגן האָבן געזויגן זייער בלוט פון די ווונדן, וואָס די שטעכערס האָבן איינגעשניטן. די שטערן פון הימל זענען געווען זייערע היטערס ביינאַכט אויף די זאַמדן און וויסטע־נישן, ווו אַ שבט אַ גאַנצער האָט גערוט. האָט מען געציילט די טעג און נעכט, ביז מען האָט שוין אָפּגעציילט גאַנצע צען טעג און צען נעכט. און אַז ס'איז געקומען די צענטע נאַכט און דער שייך סולימאַן אַל קוז איז איינגעשלאָפן אין אַ שטאַרקן שלאָף, האָט זיך אין דער מחנה אַ ווינטעלע צעבלאָזן און זוימען פון יאוש פאַרזייט.

— נישט אמת איז די גאַנצע מעשה מיטן ווייסן מלאך!

— אָפּגענאַרט האָט אונדז דער שייך!

— וויפל איז דער שיעור? — וואָלט עס באמת אַ מלאך געווען, וואָלט ער זיך שוין לאַנג באַוויזן!..

— צוריק אין דאָרף לאָמיר זיך אומקערן!..

אַזוי האָבן די מענטשן פון שבט צווישן זיך גערעדט מיט כעס און מיט יאוש, און קוים האָט זיך פון איינעם דאָס ערשטע וואָרט דערהערט, האָבן שוין אַלע מיט אַמאָל אויסגעפּלאַצט און אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס יעדער האָט שטיל אין האַרצן ביי זיך געטראָגן.

און ווען דער שייך סולימאַן אַל קוז האָט אין דער פרי זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שטאַרקן שלאָף, האָט ער אין גרויס פאַרווונדערונג דערזען אַרום זיך נאָר זיין אייגענע פאַמיליע מיט די קנעכט און נישט געזען מער דיביידלעך פון זיין שבט מיט די מענטשן.

*

— וווּ זענען עס די גלויביקע ?

— וואָס האָט געטראָפן מיט זיי ?

האָט דזשעמילע, דעם שייכס יונגע שיינע ווייב, אים דערציילט: מיד איז געוואָרן דער שבט צו וואַרטן. פאַרבענקט האָבן זיי זיך צוריק צום טאָל. אין ווייסן מלאך האָבן זיי זייער גלויבן פאַרלוירן. און ווען נאַכט האָט גערוט, האָט זיך דער גאַנצער שבט ווי איינער אויפגעהויבן און זיך אין וועג גע־לאָזט אויף צוריק אַהיים.

— זאָל הייגטיקע נאַכט צו מיר גרייכן דער מינדסטער ווונק פון ווייסן מלאך, אַזוי זעץ איך זיך רייטנדיק אויף דער ברוינער שקאַפּע, איך וועל זיי דעריאָגן און אַזוי זאָגן:

אויף מיין קאָפּ! אַלעמען גיב איך עסן און טרינקען ביז ער וועט קומען, ביז די פעלדער מיט די אוצרות וועלן אין אונדזער רשות זיין, און זיי וועלן זיין!..

איז ער טאַקע פאַרנאַכט אויף דער ברוינער שקאַפּע אַוועקגעריטן אומ־צוקערן זיין שבט, וואָס האָט אין אים בוגד געווען און דעם גלויבן אין אים פאַרלוירן. איז ער געפלויגן ווי אַ וויכער אויף שטיין און אויף באַרג. זענען שטעכערס גרויסע צעטראַמפּלט געוואָרן פון פערדישע פיס. האָבן שטעכערס פון דער וויסטעניש זיך דערוווסט, אַז אויף דער גרויסער וועלט זענען דאָ חיות אַזעלכע מיט הייסע אייזנס אויף די פיס אַנשטאָט נעגל. האָט זיך נאַכט געלייגט אין דער וויסטע, און דער שייך איז אַלץ געפלויגן, נישט געטראַכט אַפילו וואָס עס טוט זיך אין זיין אייגענער משפּחה.

און דאָרטן, ווו די פאַמיליע האָט גערוט, האָט זיך שוין איינמאָל געטאָן: אַ גנב, מיט ברענענדיקע אויגן צוויי, מיט זיסע ריידעלעך אויף די ליפּן, איז געקומען פון ערגעץ, קיינער ווייסט נישט פון וואַנען, און פאַרנאַרט ווי מיט אַ כישוף דזשעמיליע די שיינע און אַוועק מיט איר. זי האָט געוויינט און געקלאָגט, אַז צוגענומען האָט מען זי פון איר מאַן, פון איר שיינעם און קלוגן שייך, פון אירע קינדערלעך צוויי. נאָר צום סוף איז זי אַנטשוויגן געוואָרן, צוגעוואַרט אויף אַ שעת הכושר, און זי איז טאַקע פון דעם פרעמדן אויסטער־לישן מאַן אַנטלאָפן און אַליין זיך אויף די וועגן געלאָזט.

און דער שייך? סולימאַן אַל קוז?

אומזיסט איז געווען זיין רייטן. נישט מיט דעם וועג איז ער געריטן, וווּ זיין שבט האָט זיך געלאָזט. און דערווייל, די צייט שטייט נישט. עס קען דאָך געמאָלט זיין, אַז דער ווייסער מלאך זאָל קומען און קיינעם נישט טרעפן און חלילה פאַראיבל האָבן? און ווער ווייסט, צי דערנאָך וועט ער זיך נאָך אַמאָל באַווייזן? — האָט ער אויסגעקערעוועט זיין ברוינע שקאַפּע אויף צוריק און געלאָזט זיך אויפן וועג צו דער פאַמיליע.

נאָר וואָס זשע איז עס אין דער נאַכט? דזשעמיליע? ווי קומסטו אַהער אויף די שליאַכן? ווער האָט עס דיך אַהער געבראַכט?

האָט זי אים דערציילט, אַזוי און אַזוי: געקומען איינער מיט אויגן צווי פאַרנאַרנדיקע, ווי ביי אַ דעבע, מיט ריידעלעך זיסע אויף זיינע ליפּן, האָט ער גערעדט און גערעדט און פאַרנאַרט ווייט, ווייט, ווייט פון קינדער און קנעכט, און נאָך האָט זי אים דערציילט, אַז זי האָט געוואַרט אויף אַ גוטער שעה און איז אַנטלאָפן, און דאָס גייט זי איצטער אַהיים.

— ווי זשע לאָזט זיך עס אַן אַראַבישע טאָכטער פון אַ פרעמדן מאַן פאַרנאַרן?

— מין אַללאַ! פון גאָט איז דאָס געווען!..

האָט סולימאַן אַל קוז אַנגעכמורעט זיינע אויגן. קנייטשן האָבן זיך באַוויזן צווישן די ברעמען און נאָז. האַסטיק האָט ער די וואָנצעס אַ שמיר געטאָן און דאָס האָט געהייסן: וואַרט, דו פאַלשעניצע, אויך מיט דיר וועל איך אַ חשבון מאַכן!

און די צייט שטייט נישט. און נישט דער שייך פון אַזאַ גרויסן שבט וועט זיך לאָזן אין דער קאַשע שפּייען. זיין בלוט אָדער דעם רוביבערס בלוט, וואָס האָט זיין ווייב פון אים רויבן געוואָלט און זיין כבוד און יחוס פאַרשוועכט! האָט־ער באַלד זיינע קנעכט אַ באַפעל געגעבן די ווירטשאַפט אויף די קעמלען צו נעמען און צוריק אין היימישן טאָל! אויף זיין ברוינער שקאַפּע האָט ער איין זון גענומען, און אויך דזשעמיליען, אויף אַ צווייט פערדל האָט ער דעם צווייטן זון געזעצט. און מיט גרויס אימפּעט האָט דער שייך זיך געלאָזט נאָכן רויבער, באַווייזן אים ווער עס איז אַזעלכער דער שייך פון כאַוואַנין!..

זיי זענען געפלויגן איבער בערג און טאָלן. אַ טאָג איז אַוועק און אַ טאָג איז געקומען; און זיי זענען אָנגעקומען צו אַ פּלאַץ, ווו אַ ברייטער טייך האָט זיך געפליסן. און די ברוינע שקאַפּע איז געווען די איינציקע וואָס האָט געקענט דעם טייך אַריבערשווימען. האָט דער שייך סולימאַן צוערשט איין זון זיינעם אַריבערגעפירט, אויף יענער זייט ברעג געלאָזט און צוריק זיך אומגעקערט דעם צווייטן זון צו נעמען און נאָכדעם אויך דזשעמיליען. איז ווי נאָר די ברוינע שקאַפּע האָט דעם ברעג פאַרלאָזט און צוריק אין טייך אַריין, האָט זיך אַ דעבע באַוויזן אויף יענער זייט ברעג און דעם קליינעם זון אַ כאַפּ געטאָן און מיט אים פאַרשוואונדן, ווי ער וואָלט דאָרטן גאָרנישט געווען. נאָר די ברוינע שקאַפּע האָט פון הינטן דערשפּירט דעם ברען פון דער דעבעס אויגן און איז ווילד געוואָרן. זי האָט פון זיך אַראָפּגעטרייסלט דעם שייך און מיטן צווייטן זון איז זי אין טייך פאַרשלונגען געוואָרן. דזשעמיליע איז אויף דער זייט טייך געשטאַנען און האָט זיך די הענט געבראָכן, אין קאָפּ זיך געשלאָגן. אַ גוטער שווימער איז סולימאַן אַל קוז געווען נאָך פון קליינערהייט אָן, נאָך יינגלווייז האָט ער זיך געקענט מיטן קאָפּ אַראָפּלאָזן אויפן גרונט פון טייך און פון דאָרטן אַ שטיינדל אָדער אַ וואַסער־בלימל אַרויסברענגען. האָט ביי אים לאַנג נישט גענומען און ער איז צו זיין ווייב צוגעשוווּמען. שווער איזביידן געווען איינס דעם צווייטן אין פּנים צו קוקן. ווער איז דער שולדיקער?

אַ ווײַלע זענען זיי ביים ברעג פון טייך זיצן געבליבן און אין די געדאַנקען האָט דער גרויסער שייך זיך אַ חשבון געמאַכט: מיין שבט פאַרלוירן, מיין ברוינע שקאַפּע פאַרלוירן, אַזוי פיל אויגן זענען שטענדיק צו איר, צו דער ברוינער געוועגדט געווען... צוויי זין פאַרלוירן, אַזוי פיל האָפענונג אויף זיי געלייגט און איצט געבליבן ביי דזשעמיליע די פאַלשעניצע און אַ פערדל אַ מאָגערס, וואָס קען מער ווי אומכבוד נישט פאַרשאַפן. און דער ווייסער מלאך ווו איז ער?

דערווייל איז ווידער נאַכט געוואָרן און פון טייכל האָבן פישלעך אַרויסגעקוקט, צו זען וואָס עס טוט זיך עפּעס אויף דער גאָרער וועלט! האָבן זיי מיט זייערע פליספעדערן אין דעם שטילן וואַסער געפליעסקעט און געפרייט זיך, וואָס ס׳איז נאַכט און מ׳דאַרף נישט ציטערן פאַר די פיסקעלעך פון

די ווילדע קאַטשקעס, וואָס טוען אַזוי גנביש אַ טונק אַריין דעם פּיסק און כאַפּ לאַפּ — אַ פישל אין מויל...

האָבן זיך די גלויביקע דערמאָנט, אַז דריי טעג און דריי נעכט האָבן זיי נישט געגעסן. וואָלט גוט געווען, מ׳זאָל קענען ביי דער שיין פון דער לבנה אַ פרישע פּיטע באַקן. קען מען דאָך אָן מעל קיין פּיטעס נישט באַקן! און אויך אין האַלדז איז טרוקן סיי פון הונגער און סיי פון דורשט, און ווער וועט דען טרינקען וואַסער פון דעם פאַרשאָלטענעם טייך?

איז מען געזעסן אַ שטיקל צייט און געשוויגן, דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגן. סולימאַן אַל קוז האָט נישט געפילט אַפילו, ווי ער האָלט אַ שטיינ־דעלע אין האַנט, שטופּט עס אין זאַמד און זוכט דאָס ווידער אויף. און דזשע־מיליע איז געזעסן און געשאָקלט זיך אין דער שטיל, ווי זי וואָלט תפילה געטאָן צו אַללאַ, אויסדערציילט אַלץ וואָס אויפן האַרצן.

מין אַללאַ! פון גאָט איז עס אַזוי!..

מיט אַמאָל האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט און דערזען, ווי עס פינקלט אַ קליין ליכט אין אַ שטיבעלע נישט ווייט. ווער וווינט עס דאָ אַליין נעבן פאַר־שאָלטענעם טייך? זענען זיי געגאַנגען, ביז זיי האָבן אַ מענטשן דערזען. אַ שוואַרצער איז ער געווען מיט גרויסע וואָנצעס צוויי, מיט אַ רינג אַ גרויסן אַרום זיין לינקן אויער. האָבן זיי אים באַגריסט און דערציילט אַזוי און אַזוי:

געוואָלט דעם טייך אַריבערגיין, האָט דאָס וואַסער איינגעשלונגען די שענסטע ברוינע שקאָפּע אין דער וועלט און זייערע זין צוויי. און נאָך האָבן זיי אים דערציילט, אַז שוין דריי טעג און דריי נעכט, וואָס וואַסער האָט נישט באַנעצט זייערע ליפּן און ברויט האָט נישט פאַרזוכט זייער מויל.

האָט אים דער פרעמדער מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די ליפּן צו זיך אין שטוב פאַרבעטן, זאָל ער עסן און טרינקען און נאָכדעם אויך דזשעמיליען געבן, ווי עס פירט זיך ביי לייטן. האָט ער געגעסן און געגעסן און אויך דזשע־מיליען נישט פאַרגעסן. אין בוזעם אַ ביסן פאַרלייגט, טאָמער וועט איר קאַרג זיין, וועט ער איר צוגעבן. און מיטן פרעמדן האָט ער גערעדט אַזוי און אַזוי וועגן דעם, אַז אַללאַ איז איינער און מוכאַמעד דער צווייטער, אַז אַ קללה איז דאָס יאָר געקומען אויף די איילבערטן און נאָך און נאָך האָבן זיי גערעדט, ביז וואַנען סולימאַן אַל קוז האָט דערפילט, אַז וואָס אַ מינוט

אַלץ מער ווערט ער אָפּגעשוואַכט, און אַ שטאַרקער שלאָף פאַרכאַפּט אים. מאַסכין! אומגליקלעכער! ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער דערזען, אַז ער ליגט ערגעץ אין מיטן פון אַ פרעמד פאַרלאָזט פעלד, ווו שטוב? ווער שטוב? און ווער ווייסט, ווי לאַנג ער איז אַזוי געלעגן? נישטאָ! און פאַר־פאַלן, נישטאָ מער דזשמיליע! אויף אייביק ערגעץ אַוועק, קיינער ווייסט נישט ווּהין...

✶

נאָר דער שבט האָט אויך נישט גערוט. ווי קען דאָס אַ שבט זיין שייך פאַרלאָזן? האָט זיי איינמאָל בייניאַכט אַ בענקשאַפט פאַרכאַפּט, און זיי זענען אַרויס אויף די מדבר־וועגן פרעגן דעם ווינט, ווו איז ער, זייער שייך? לאַנג לאַנג האָבן זיי אים געזוכט. און אַמאָל אין אַ הייסן נאָכמיטיק האָבן זיי אים געפונען אַ פאַרחלשטן ליגן אויף אַ זאַמד־בערגל. האָבן זיי אים מיט וואַסער געמינטערט, מיט רויכוואַרג דאָס לייב געריבן און צו זיך געבראַכט. און איצט זיצט ער אויפן בערגל און דער גאַנצער שבט אַרום אים, און ער דערציילט אַזוי און אַזוי:

אַריינגעגאַנגען צום פרעמדן אין שטוב עפּעס עסן און אין דרויסן דזשע־מיליען מיטן פערדל געלאָזט. געגעסן, געגעסן און אויך דזשעמיליען נישט פאַרגעסן, און וואָס ווייטער געדענקט ער גאָרנישט. ער ווייסט נאָר, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ פרעמד פאַרלאָזט פעלד און קוים צום שבט זיך דערשלעפּט.

— און וואָס איז מיטן ווייסן מלאך געבליבן?

— נישט דערמאָנט זיין נאָמען, זינדיקע! — האָט דער זקן פון שבט זיך אויפגעכאַפּט — דאָס איז „איבליס”, אָט דער שד! ער האָט עס דעם חורבן געבראַכט! — איז מען שטיל געבליבן און איבער אַלעמען האָט שרעק געשוועבט.

אָ, אַללאַ! פאַרגיב דיינע זינדיקע קנעכט און פאַרטרייב דעם ווילדן גייסט פון אונדז. אין אַרבעט אויף די פעלדער פון טאָל איז אונדזער גליק! דאָ זענען אונדזערע אוצרות באַגראָבן! אָ, אַללאַ! פאַרגיב דיינע זינדיקע.

מין אַללאַ — פון גאָט.

איבליס — אַ נאָמען פון אַ שד.

אַבו־שושאַ

אַבו־שושא איז דער נאָמען פון אַ שייך און דער נאָמען פון אַ דאָרף. דער טייטש פון אַבו־שושא זאָג איך אייך גלייך. עס איז אַזוי פשוט: דער טאַטע פון טשוב. און אַז אַ גאַנץ דאָרף האָט זיך אַזוי גערופן, איז דאָך מסתמא אַ מעשה דערביי. וואָס הייסט עפּעס וועט איר זאָגן, ווי איז דאָס געמאָלט, אַז אַ דאָרף זאָל זיך אַ נאָמען געבן מיט אַ נאָמען פון טשוב? — אַז איר ווילט, וועל איך אייך די מעשה דערציילן:

נישט ווייט פון אַ וועלדל ליגט זיך אויסגעשפּרייט דאָס דאָרף אַבו־שושאַ. די מעשה, פאַר וואָס דאָס דאָרף רופט זיך אַזוי, איז שוין אַ סך, גאָר אַ סך עלטער פון די, וואָס לעבן איצט אין דאָרף, טאַקע נאָר אַ זקן קען זיך נאָך געפונען אין דאָרף, ער זאָל דערציילן, וואָס ער האָט אין זיין יוגנט געהערט, נאָר אייך דערצייל איך דאָך!

געבענטשט געווען איז דער שייך פון דאָרף מיט מעלות פון דער גאָרער וועלט: אַ קלוגער, אַ רייכער, אַ גיבור און אַ פרומער. צו זיין גבורה איז גאָר קיין שיעור נישט געווען. אָנהויבן אייך צו דערציילן פון אַלע זיינע גבורות, ווי די גאַנצע געגנט האָט געציטערט פאַר זיינס אַ פּיפּס און ווי אַזוי ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט זיינע שונאים — וואָלט מען באַדאַרפט זיצן טעג און נעכט און נאָך אַלץ נישט ענדיקן, הייגט ווען זשע וועל איך אייך קאָנען דערציילן, פאַרוואָס דאָס דאָרף הייסט אַבו־שושאַ?

נאָך מער ווי שטאַרק און קלוג, איז ער פרום געווען. ער האָט אָפּגעהיט אַלע דינים פון הייליקן קאָראַן, געבראַכט קרבנות צו אַללאַן ווען מ'האָט באַ־דאַרפט, און כאָטש ער פון זיין זייט האָט קיין מאָל אַ וואָרט נישט געזאָגט, האָבן אַלע געוווּסט, אַז זיינס אַ וואָרט איז ווי אַ גאָלדן רענדל אין די אויגן פון אַללאַ און זיינס אַ געבעט ביי מוכאַמעדן דעם הייליקן וועט קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט ווערן. האָבן אים אַלע נישט נאָר גרויס כבוד אָפּגעגעבן פאַר זיין גבורה, נאָר מער נאָך פאַרגעטערט און געהאַלטן פאַרן הייליקסטן, וואָס

לעבט מיט זיי אויף גאָטס ערד. איז ביי איינעם אַ קראַנקער געווען, איז ער צו אים געקומען און די רפואה אויפן פלאַץ געקראָגן, און האָט עמיצנס אַ פערד אָדער אַן אָקס מיט אַמאָל אָנגעהויבן צו הינקען, איז גענוג געווען זיינער אַ קוק בלויז, דער הינקענדיקער זאָל אַ גלייכער אַוועקגיין, פּונקט ווי מיט אים וואָלט גאָר נישט געווען. דער נאָמען פון דעם שייך איז געווען גרויס נישט נאָר אין אייגענעם דאָרף, נאָר אַפילו אין גאַנץ ווייטע מדינות.

אָבער קיין מענטש איז נישט ריין פון חסרונות. דוכט זיך, אַזוי פיל מעלות האָט אַבו־שושאַ פאַרמאָגט, און דאָך איז ער אויך פון חסרונות נישט ריין געווען. און הגם ס׳איז נאָר אַ קליינינקער חסרון, מוז איך אייך דאָס דערציילן, אַז נישט וועט די מעשה זיין אָן אַ סוף. אַ גרויסן טשוב האָט ער געהאַט אויף זיין קאָפּ. וויפל ער האָט נישט געשוירן איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן זיין טשוב.

מאַכט זיך איינמאָל אַ יאָר, אַז די רעגנס זענען געווען קנאַפּע און די זון אַ שטאַרקע, האָט די ערד געדאַרשט נאָך וואַסער און די זון האָט די זאַנגען פאַרברענט. איז דער שניט קיין שניט נישט געווען און דער שייער איז פאַרבליבן פּוסט, אַ פאַרשעמטער. האָט זיך אַ טרויער באַוויזן אין דאָרף, קינד און קייט האָט געזאָרגט און אַפילו בהמות און יונגע לאַשעקלעך זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. עפּעס אַ קלייניקייט!

אַז אַבו־שושאַ האָט דערזען, וואָס ביי אים אין דאָרף טוט זיך, האָט ער געלאָזט רופן צו זיך עטלעכע פון די זקנים און זיי אַזוי געזאָגט:

— זינדיקע מוזן זיין ביי אונדז אין דאָרף, די קללה פון אַללאַ האָט זיך אויף אונדז אויסגעלאָזט. ביזן שורש מוז דאָס שלעכטס פון דאָרף אויס־געוואָרצלט ווערן, — אַז נישט זענען מיר פאַרלוירן. געדענקט זשע, פאַרפאַלן איז שוין היינטיקס יאָר, מ׳וועט מוזן אויפעסן פון דעם, וואָס איז אין די שפּייכלערס געבליבן, און אַז דאָס דאָרף וועט ווערן ריין פון זינד, וועל איך שוין צוזען, אַז ס׳זאָל גוט זיין, איך וועל תפילה טאָן צו אַללאַ אונדזער גאָט, און דאָס צווייטע יאָר וועט זיין רעגן בשפע און אַ גערעטעניש פאַר צווי.

און אַז די זקנים האָבן דאָס אויסגעהערט, האָבן זיי צונויפגערופן ס׳גאַנצע דאָרף אויף אַן אסיפה. דערציילט זיי וואָרט פאַר וואָרט, וואָס דער הייליקער גרויסער שייך האָט צו זיי געזאָגט, און פון זייער זייט האָבן זיי

נאָך מוסיף געווען, אַז אַ סוף מוז ווערן צו דעם, אַז גאָר אָן אַ רחמנות מוז יעדער איינער צוהעלפן אויסרוימען די זינד פון דאָרף און נאָך און נאָך... אַז דאָס דאָרף האָט דערהערט אַזעלכע דיבורים, איז דאָס אויפגעקאָכט געוואָרן, און אַ גרויסע מחלוקת האָט זיך אין דאָרף צעפלאַקערט: איינער האָט דעם צווייטן חושד געווען, אַז ער איז דאָס דער זינדיקער און צוליב אים טאַקע ליידט דאָס גאַנצע דאָרף, אַ צווייטער האָט אַ דריטן חושד געווען. דערווייל האָט מען זיך אַ נעם געטון צום אויסרייניקן די זינד. מ׳האָט אָפּגעזוכט גניבות פון יאָרן לאַנג, וואָס דאָס דאָרף האָט געגנבעט פון אייגענע און פרעמדע, אַלץ האָט מען צום שייך געבראַכט. ביינאַכט פלעגט מען צוריק פּאַרקנס איבערשטעלן, נישט צו האָבן אויף זיך די זינד פון אַ שטיק געגנבעט ערד אַריבער דעם שכנס גרענעץ. אַלצדינג האָט מען געטאָן און ס׳האָט אַלץ נישט געהאָלפן. דאָס צווייטע יאָר איז נאָך ערגער געווען. די פעלדער האָבן קיין תבואה נישט געהאַט, קיין סימן פון שפּראָצונג האָט די ערד נישט באַגרינט. גרויסע הונגעריקע מייז זענען ווילד אַרומגעלאָפן איבער די פעלדער און נאָכדעם מיט אויפגעשוואָלענע בייכער פון הונגער אויסגעשטאָרבן. די טשערעדעס האָבן נישט געהאַט קיין פּאַשע, זענען איינגעשרומפּן געוואָרן די אייטערס פון קי, שאָף און ציגן, קליינע קינדער האָבן נישט געהאַט וואָס צו זויגן, ווייל ליידיק און אויסגעדאַרט זענען געווען די בריסטן פון זייערע מוטערס. דער הונגער האָט זיך מיט זיינע שאַרפע נעגל אין דעם דאָרף אַריינגעריסן און אַ דאָרף אַ גאַנצס האָט געדאַרפט פון דער ערד אָפּגעווישט ווערן, ווי קיינמאָל נישט געווען; ווען נישט...

אַ שטייגער וואָס טראַכט איר זיך איצט? איר טראַכט אוודאי גאָרנישט... טאָ הערט בעסער ווייטער, איך דערצייל דאָך אייך, און איך ווייס אַלצדינג וואָס דאָרטן איז געוואָרן: טאָ זאָלט איר עס טאַקע וויסן. ווען נישט אַבו־שושא, ווען נישט ער, ווער ווייסט?

אַז ער האָט דאָס אַלץ צוגעזען, האָט ער שוין מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם צער און די ליידן פון זיין דאָרף, האָט ער זיך פאַרשפּאַרט ביי זיך אין שטוב אין אַ פינצטערן אַלקער און גאַנצע דריי טעג און דריי נעכט, איז ער פון דאָרטן נישט אַרויס. נישט געגעסן, נישט געטרונקען און וואָס ער האָט אין פינצטערן אַלקער געטאָן ווייסט קיינער נישט ביז

הײנטיקן טאָג. נאָך דעם האָט ער זיך אָנגעטאָן אין גאַנצן אין װײסן און מיט באָרװעסע פּיס האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום באַרג, װוּ דאָס דאָרף איז אױסגעשפּרײט. אַלע האָבן זײַן תּפֿילה געהערט, אױף אַ קול מיט גרױס כּעס און אימפּעט האָט ער געזאָגט:

אַללאַ, אַללאַ! הער מיך אױס, הײליקער אַללאַ, זיך אַלײן בין איך איצט מקריב צו דיר פּאַר אַ קרבן, שטעל אָפּ דײַן צאָרן און כּעס אױף אַ גאַנץ דאָרף, װאָס גײט אױס פֿון הונגער, מוטערס װײנען דאָך אױס זײערע אױגן, װאָס די קינדער האָבן נישט װאָס צו זױגן, מענער קוקן צו, װי זײערע פֿרױען שטאַרבן אױס װי פֿליגן, פֿאַרטריקנט זענען פֿעלדער און פֿאַרשעמט די שײַ־ערס, הײליקער אַללאַ, גיב רעגן! גיב רעגן! נעם מיך צו צו דיר פֿאַר אַ קרבן און זאָל אַ רעגן קומען, אַללאַ, אַללאַ!

די לעצטע װערטער האָט שױן אַבו־שושאַ אַרױסגערעדט מיט אַ הײזע־ריקן קול, און גרױסע טרערן האָבן זיך פֿון זײַנע אױגן געקײַקלט. און מיט אַמאָל האָבן זיך כּמאַרעס באַװיזן, דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן פֿון בליצן, דונערס האָבן געקנאַלט און אַ שלאַקס רעגן האָט געגעבן אַ גאָס פֿונעם הימל. דער רעגן גיסט און פּליעצט. דאָס װאַסער הײבט זיך און דער שײך אַבו־שושאַ שטײט אַלץ אױפֿן באַרג אױסגעצױגן װי אַ לולב. און אַזאַ רעגן האָט נאָך די װעלט נישט געזען! און דאָס װאַסער הײבט זיך מיט דער גרעסטער גיכקײט, אָט האָט עס ערשט געגרײכט די לענדן בײם שײך און שױן באַלד בײַ די אַקסלען, אױערן און אָט באַלד װערט ער שױן אײַנגאַנצן פֿאַרשװוּנקט. נאָר װען דאָס װאַסער האָט דערגרײכט ביזן טשוב פֿון אַבו־שושאַ, האָט דער רעגן מיט אַמאָל אױפֿגעהערט. עס האָט זיך אױפֿן באַרג בלױז געזען דער גרױסער טשוב פֿון שײך. ערשט נאָך דעם האָט זיך דאָס װאַסער אַ לאָז געטאָן אױף די פֿעלדער און אַ יאָר פֿון ברכה געבראַכט.

דאָרף איך אײַך נאָך דערצײלן, אָדער איר פֿאַרשטײט עס שױן אַלײן, אַז אַ גאַנץ דאָרף האָט דאָס אַלץ מיט אײגענע אױגן צוגעזען, פֿאַר װאָס מ׳האָט דאָס דאָרף אױף זײַן נאָמען גערופֿן? און איר װאָלט דען אַנדערש געטאָן?

אַבו־שושאַ — דער פֿאָטער פֿון טשוב.

דזשיגוטי

עס קען אַ באַרגיקער נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי לעבן עס די מענטשן אין טאָל ? — „ס׳איז דאָך דאָרט קוים דעם אָטעם צו כאַפּן, דאָס ווינטל פון טאָל וועט אַפילו קיין צוגעקלעפּטע באָרד מיט זיך נישט פאַרטשע־פּען״ — טענהט אַלע מאָל זשאַסמין פון באַרגיקן דאָרף ראַנטיע. עס האָט נאָך, וואָס אַן אמת, קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז עמעצער פון די באַרגיקע זאָל זיך אים אַנטקעגנשטעלן און געפינען אַ גוט וואָרט סיי פאַרן טאָל און סיי פאַר די טאָליקע.

— „דאָס זענען מענטשן ווי שמאַטעס, אַן רוקנביינער, אַזוי ווי דאָס מיסט פון אייזל אין צייט פון אָנהייב שניט, כע כע״.

און דעריבער איז צו פאַרשטיין, וואָס דאָס גאַנצע דאָרף ראַנטיע האָט געמאַכט מיט די פּלייצעס, געלאַכט אין די הויפּנס און נישט געקענט זיך קלאָר מאַכן, וואָס האָט אַזוינס געטראָפן? און ווי איז עס געקומען דערצו, אַז דער יונגער ראַכמאַן האָט פּלוצלינג פאַרלאָזט דעם באַרג, אַוועק אינעם טאָל, כדי קיין מאָל מער נישט צוריקצוקומען.

— סיידן ער איז פון זינען אַראָפּ!

און אַ גלויביקע האָט איינגערוימט די שכנות אַ סוד:

— נישט אַנדערש, ווי דאָס איז די אַרבעט פון שד עפאַריט, אַז מ׳קען גאָרנישט וויסן!..

אַזוי צו אַזוי איז ראַכמאַנס אַוועקגיין אינעם טאָל לאַנג געווען דאָס געשפּרעך פון באַרג. און האָט מען אַמאָל פאַרנדיק אין שטאָט אַריין באַדאַרפט פאַרבייפאָרן דעם פּלאַץ אין טאָל — ווו מען האָט געהערט, אַז ראַכמאַן געפינט זיך — האָט מען האַסטיק אַ קלאַפּ געטאָן דאָס אייזל פון הינטן און פאַרקערעוועט אַן אַ זייט, נישט צו זען און נישט צו קענען אים מער.

אַזוי לויפן פאַרביי טעג און וואָכן, פון וואָכן ווערן חדשים. און כאָטש

דער באַרג האָט נישט פאַרגעסן און געהאַלטן, אַז ראַכמאַנען האָט ער אויס־געשפּיגן פון זיך אינעם טאָל אַריין, האָט מען אָבער אויפגעהערט אַזוי אָפט דערפון צו רעדן, און אַ פרעמדער וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געוווסט מיט וואָס פאַראַ שאַנד דער באַרג טראָגט זיך אַרום.

✶

— וואָס זשע איז טאַקע מיט ראַכמאַנען געשען?

— צי האָט אים טאַקע עפּאַריט פאַרכאַפּט, צי וועך ווייסט?

— עפּעס מוז דאָך זיין, וואָס אָט דער לוסטיקער ראַכמאַן, דאָס שיינדל פון באַרג, זאָל זיך מיט אַמאָל אויסקערעווען אַזוי מיט דער פּלייצע צום באַרג!

— צי איז דאָ אַמאָל נישט אַ ליבע פאַרמישט?

האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן או צו פאָרשן, קיינער ווייסט נישט און קיינער זאָגט נישט אַ וואָרט. נאָר אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט זיצן די מיידלעך פון ראַנטיע אויף די פעלדזן און מ׳רייצט זיך מיט דער שיינער זשעמינע, וואָס ראַכמאַן, איר געליבטער, האָט זי אויסגעלאַכט און איז גאָר אַ טאָליקער געוואָרן. ווערט זי אַזש בלייך פון כעס, שטייט אויף פון פעלדז, וואַרפט זיך אויף די מיידלעך מיט אירע נעגל, יאָגט זיך נאָך זיי אַ פאַרסאַפּעטע:

— „די צינגער פון מויל וועל איך אייך אַרויסרייסן!..״

לאַכן די מיידלעך נאָך מער, לויפן אָפּ ווייטער און שרייען נאָך:

— ראַכמאַן... ראַכמאַן...

איז וואָס, אַז די מיידלעך רעדן דאָרטן? די קנאה פרעסט זיי אויף — רעדן זיי. דער שיינער ראַכמאַן האָט מיט קיינעם פון זיי אַפילו אַ וואָרט נישט געוואָלט פאַרבייטן, און זשעמינען פלעגט ער דאָך העלפן די קרוג וואַסער אויפן קאָפּ צו שטעלן, צי אַמאָל אַ סטאַס מיט צווייגן העלפן אַרויפ־לייגן. איז וואָס?

נאָר די קנאה איז גרויס!

און אויב צווישן זיי וואָלט טאַקע עפּעס געווען, וואָלט זיכער דערפון קיינער נישט געוווסט. גרויס איז דער באַרג און פיל זענען די היילן אין אים. און וויפל זענען עס די פעלדזן, אַזוי הויך, אַז קענסט פאַרבייגיין און נישט זען אַפילו. צי עמעצער באַהאַלט זיך אין זייער שאָטן?

און אַז כאַדידזשע אַבו־יעמינס דערציילט:

— „וואַלאַ! אַז איך זאָג וואָר. מיט אייגענע אויגן געזען. ביינאַכט, שפּעט ביינאַכט איז עס געווען, העט... העט... די קי מיט די הינער זענען שוין לאַנג געשלאָפן, וואַלאַ! האָב איך אַליין געזען ווי ווייט־ווייט פון די ווייסע פעלדזן איז זיך פריער ראַכמאַן אַרויסגעגאַנגען און געלאָזט זיך אין זיין וועג און ערשט נאָך דעם איז אויך זשעמינע פון דאָרטן אַרויסגעקראָכן".

צעלאַכן זיך מיידלעך אויפן קול:

— און דו, כאַדידזשע, וואָס האָסטו אַזוי שפּעט ביינאַכט געטאָן ביי די ווייסע פעלדזן? כאַ כאַ כאַ...

האָט שוין כאַדידזשע חרטה און וויל שוין צוריקציען, וואָס זי האָט געזאָגט, כלומרשט זאָגן, אַז זי האָט די מעשה אויסגעטראַכט איצט, נאָר סיי ווי גלייבט מען איר נישט מער. לאַכן די באַרגיקע מיידלעך נאָך מער און זי, כאַדידזשע, אַ פאַרוויטיקטע און פאַרשעמטע, לאָזט זיי איבער און גייט זיך אַליין אַ היים. די מיידלעך לאַכן נאָך אַלץ און מיט זיי אויך זשעמינע.

— וואָס, דו לאַכסט אויך?

— ראַכמאַן!.. ראַכמאַן!.. כאַ כאַ כאַ!..

פון דעסטוועגן האָט ראַנטיע אין דער מעשה נישט געגלייבט. איז, וואָס. אַז ראַכמאַן האָט זיך געליבט אין זשעמינען? צי האָט ער זי דען פאַר זיין ווייב נישט געקענט קויפן? נישקשה, ס'איז דער באַרג צו אים נישט שלעכט געווען: אַ יונג מיט ביינער, און געלט האָט ער אויך גענוג אָפּגע־שפּאָרט. טאָ וואָס זשע?

איז עס געבליבן אַ סוד ביז היינטיקן טאָג. אַ בלבול אפשר און נישט מער...

✶

ווען עמעצער פון די באַרגיקע וואָלט זיך אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט אַראָפּ־געכאַפּט צו די וועגן פון מאַדזשלול אינעם טאָל און צוגעהערט זיך, ווי ראַכמאַן, אַ פאַרטרויערטער און פאַרטראַכטער, מיטן פּנים צום באַרג, זינגט אויף אַ קול:

— זשעמינע, דו ביסט אויפן באַרג
מיט אויגן פריש ווי דער ווינט.

אַראַבעסקן

זשעמינע, איך בענק אויס מיין האַרץ,
רוף מיך שוין, רוף מיך געשווינד...

וואָלט מען זיך דערפון אַליין געקענט אָנשטויסן, אַז עפּעס איז יאָ דאָ אמת דערפון, וואָס מיידלעךביים פעלדז דערציילן. נאָר קיינער איז אין טאָל נישט געקומען. איז זיך ראַכמאַן אַלע אָוונט פאַרגאַנגען אין געזאַנג, אויסגעזונגען זיין פאַרבענקט האַרץ, געלאָזט זיך גלעטן פונעם ווינט, וואָס אפשר האָט ער ערגעץ אויך אויפן באַרג פריער זשעמינעס אויגן געגלעט. און פאַרטרויט האָט ער פאַרן ווינט זיין גרויסן סוד, אַז וואָס אַ טאָג אַלץ מער נאָגט ס'האַרץ ביי אים און עס ווערט שטאַרקער די בענקשאַפט נאָך איר, נאָך זשעמינען פון באַרג, וואָס ליב האָט ער זי מער ווי דאָס לעבן, אַפילו מער ווי זיך אַליין, אַז שענער איז זי פון דער זון ביי טאָג און פון דער לבנה ביינאַכט. און נאָך האָט ער דערציילט, דערציילט מיט כעס, אַז דאָס האַרץ האָט זיך אַזש געהויבן ווי כוואַליעס ביים ברעג ים, אַז פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער באַרג, וואָס האָט אים דאָס געשאַנק פון זשעמינען נישט פאַרגונען, וואָס האָט אַ בייזן גיפט אין איר האַרץ געגאָסן. צי איז ער נישט געזונט, צי איז ער נישט דער באַרג געטריי געווען? טאָ ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס זי האָט אים אויסגעלאַכט און געשטשירעט צו אים מיט אירע ווייסע ציין:

— ראַכמאַן, איך האָב דיך פיינט ווי אַ שפּין! איידער דיין ווייב ווערן — בעסער דער טויט!

— פאַרוואָס זשע איז עס?

צי רייצט זיך נישט מיט אים דער באַרג?

איך וויל דיך נישט קענען מער, באַרג פון ראַנטיע, אויף שטענדיק וועל איך דיך פאַרלאָזן, בענקען נאָך דיר און דאָך שפּייען!..

— אַך זשעמינע! זשעמינע!..

די צייט וויל נישט וויסן און פרעגט נישט ביי ראַכמאַנען, וואָס אַזוינס זי האָט צו טאָן.

ווערט דער הימל אַלץ מער פאַרוואָלקנט. דער ווינט אינעם טאָל בלאָזט שוין מיט שטויב אין די אויגן און וואַרפט צו צו זיינע פיס אַ פאַרדאַרט

בלעטל, וואָס ווער ווייסט פון וועלכן דאַרף עס קומט, געוויס נישט פון באַרג! און אָט הויבן זיך באַלד די רעגנס אָן, אָפּגעהאַקט אויפן גאַנצן ווינטער ווערט דער וועג נישט נאָר פון באַרג צום טאָל, נאָר אין טאָל אַליין. טיפע בלאָטעס פאַרשטעלן דעם וועג און נישט קיין פוס פון אַן אייזל, אַפילו אַ קעמל וועט פון דער טיפער בלאָטע נישט אַרויסקריכן.

האָט ראַכמאַן אַריינגעקלאַפּט אין אַ ווינקל פיר דרענגלעך, פאַרדעקט מיט צווייגן, געפלאָכטן זיי און אַ ביידל זיך געמאַכט. פאַרפאַלן; מען דאַרף אויך דאָ אַ שטיקל באָדן צעגראָבן. פאַרזייען אַ רעטעכל, אַ קוסעלע און אַ ציבעלקע און אפשר אויך רויטע פּאָמידאָרן. די צייט פרעגט אים נישט. אַן עק! עס גיט זיך נישט אונטער דער באַרג. ער אויך נישט. אָדער דזשע־מינע — אָדער דאָ אין טאָל וועט זיין ווייטיק באַגראָבן ווערן!..

ווערט אַלץ גרעסער דאָס פאַרזייטע פעלד. ליגט ראַכמאַן דעם גאַנצן טאָג אויפן באָדן. נאָך אַ בייטל רעטעך און נאָך קוסעלעך, מ׳דאַרף אַ סך. מ׳מוז נאָך פאַרן רעגן צוגרייטן פאַרן ווינטער מעל, צוקער, טאַבאַק און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס האַלטן אויף דעם גוף.

און אָט וועט שוין דער רעגן קומען. נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג און ער איז דאָ. נעמט ראַכמאַן זיין שטעקן אין האַנט און לאָזט זיך אַוועק ווייטער צו דער גרויסער רינווע, פון ביידע זייטן באַדעקט מיט הויכע טשערעטן, און דאָרטן זענען אַ סך די קוסטעס מיט שוואַרצע אַזשענעס. מ׳דאַרף זיי רייסן. זאַפטיק זענען זיי און קיינער קומט נישט אַהער רייסן זיי.

שטעכט ער זיינע שפּיץ פינגער און פּליקט די ווילדע יאַגדעס. ווערט זיין ברוין פאַרהאַרטעוועטע האַנט נאַס אין דער דלאָניע פון צו רייף גע־וואָרענע און ווייכע ווילדע יאַגדעס. זעט עס אויס, ווי דער קוסט וואָלט אים צעבלוטיקט. נאָר גאָרנישט. און אַז די האַנט איז צעבלוטיקט איז וואָס? אָט וויל מען אָפּ מיט דער אַבאַיע און שוין נישטאָ!

דערזעט ער נישט ווייט פון אים, ביים גרויסן עקאַליפּטוס בוים זיצט עמעצער. אַ פרוי איז עס. יאָ, געוויס אַ פרוי! און זי שרייט עפּעס צו אים, רופט און ווינקט צו אים. גייט ער צו. בלייבט ער שטיין און צעלאַכט זיך אויפן הויכן קול. אויפגעדעקט איז איר פּנים. צעפּאַטלטע האָר אויף איר קאָפּ, מיט אַ סך גרינע בלעטער אין אירע האָר, שיינע אויגן צווי און ווייסע

ווי קרישטאָל די ציין. זיצט זי און עסט אַ פּיטע מיט גרינסן. עסט מיט אַ פולן מויל און לאַכט:

— הי... —הי... דזשי...

ווערט ראַכמאַן לוסטיק. ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס? אים געפעלט ווי זי לאַכט. גיט ער איר אַ זשמעניע פול מיט שוואַרצע יאַגדעס. זי נעמט, לאַכט נאָך מער. כאַפּט זי אָן זיין האַנט און ווידער אַמאָל:

— דזשי־דזשי... גו... גוגו...

— ווער זשע ביסטו און ווי קומסטו אין אָט דער צייט פון יאָר אין בלאָטיקן טאָל?

האָסטו גאָר קיין מורא נישט צו פאַרבלייבן אַליין אינעם טאָל, ביז דער פרילינג וועט קומען, אָפּגעריסן פון חיה און מענטש?

פאַרשטייט זי נישט וואָס ער זאָגט צו איר. זי זעט ער רעדט עפּעס צו איר. עסט זי געשמאַק די שוואַרצע יאַגדעס. קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין. שטופּט אים אין מויל אַריין עטלעכע געשענקטע יאַגדעס און לאַכט ווידער:

— הי... הי... דזשי... גו... גו... טי... טי...

אירע ברעמען באַוועגן זיך. איר נאָז. ס'גאַנצע פּנים. זי וויל אים עפּעס זאָגן. נאָר ער פאַרשטייט זי נישט.

עס האָט איר דער טאָל אַזוי פאַרשעמט!

לאָזט ער זיך גיין צוריק צו זייןביידל און פילט נישט אַפילו ווי זי, די שטומע, גייט אים נאָך טריט ביי טריט. ער גייט — זי נאָך אים. און ביים שוועל פון זיין ביידל האָבן זיי זיך ביידע אָפּגעשטעלט.

✶

און זי, די שטומע פון טאָל, האָט נאָך טשערעט פון דער רינווע גע־בראַכט, און זעק, דורכגעווייקטע פון פּעטס, און דאָס ביידל אַלץ פאַרשטאַרקט און פאַרדעקט. דעם גאַנצן טאָג מיט ראַכמאַן אויפן פעלד געווען. גערייניקט די בייטן פון ווילדע גראָזן. אַ צווייגל אונטערגעשפּאַרט ביי די פּאָמידאָרן קוסטעס. און ביים ביידל האָט זי אַ פּייער צעלייגט. אויף אַ בלעך פרישע פּיטעס געבאַקן און געקוקט מיט פרייד ראַכמאַנען אין מויל אַריין, ווען ער האָט געגעסן, צי אַ נאַרגילע פאַרויכערט. און האָט ער זיך פאַרטראַכט און

אויפן באַרג זיך פּאַרקוקט — איז זי אַ ווילדע געוואָרן. דאָס בלוט איז איר אַריין אין פּנים. מיט די נעגל האָט זי אים געוויזן און אויף איר לשון אים געוואָרנט:

— דזשי... דזשי... גו... גו... טי... טי...

האָט ער זי גוט פאַרשטאַנען און באַרויקט סיי מיטן מויל און סיי מיטן ווונק:

— נישקשה, נישט קיין בויגיקע צווייג אין ראַכמאַן, געטריי איז ער געווען דעם באַרג, נאָר קוים האָט ער זיך דעם טאָל איבערגעגעבן — וועט ער אים אויך געטריי דינען!

האָט זי זיך מיט אַמאָל צופרידן צעשמייכלט, ווי זי וואָלט אים פאַר־שטאַנען:

— הי... הי...

און אַ גלעט געטאָן אים ביי דער האַנט.

און ווען ראַכמאַן האָט זיך אַמאָל צעזונגען, איז אַ טרויער געלעגן אויף איר פּנים, כאָטש שטום איז זי געווען און נישט געהערט. נישט פאַרשטאַנען די ווערטער, וואָס ער זינגט — האָט זי אָבער געפילט, אַז דאָס זינגט איצט ראַכמאַן פון גרויס בענקשאַפט.

— נאָך וואָס זשע בענקט ער?

— איז זי, די טאָליקע, אים נישט געטריי?

— גיט זי זיך דען אים נישט איבער מיטן גאַנצן לייב אין די פינצטערע אומעטיקע נעכט? און צי וואַרעמט אים דען נישט איר קערפּער, וואָס ברענט און פלאַקערט נאָך מער ווי די זון אין זומער?

— איז עס דערפאַר, וואָס זי קען נישט רעדן? צי פאַרשטייט ער זי דען נישט? איז עס נישט גענוג, וואָס ער פילט איר אַזוי שטאַרק?

און ראַכמאַן האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס די שטומע לעבט איבער. ער האָט אין איר האַרץ נישט אַריינגעקוקט. גוט און וואַרעם איז אים די נאַכט — פּוסט און אומעטיק דער טאָג. זינגט ער:

— „אינעם טאָל בין איך געבליבן
איינער אויף דער גאַנצער וועלט,

אַראַבעסקן

וואַרעמט מיך באַנאַכט אַ קערפּער
און בייטאָג עס בלאָזט מיט קעלט...

✶

די בלאָטעס אינעם טאָל זענען נאָך די רעגנס אַלץ טיפער און טיפער געוואָרן. אַפילו אַ שאַקאַל פאַרבלאָנדזשעט נישט ביינאַכט דאָ. ערגעץ פון דערווייטן הערט זיך ביינאַכט זייער געוויין. מ׳הערט אויך, ווי עס צערעוועט זיך אַן אייזל ווייט אין אַ דאָרף, און אויפן באַרג זעט מען, ווי עס פינקלט אַ פייערל, אַ פלעמל און עס רייצט אַזוי!

די פאַרזייטע גערטנער האָבן שפע און ברכה געבראַכט. פון אַלדאָס גוטס: רויטע פּאָמידאָרן, ווי קאַוועגעס די גרויס, קוסעלעך, בורעקעס און פרישע גרינע ציבעלקעס. אַ מחיה! אַ זיסקייט פאַרן האַרצן צוצוקוקן, וואָס דער גאָרטן האָט אַלץ געבראַכט. קלייבט מען אין די פּאָלעס די פרישע גרינסן. ווערט אַ גרויסער קויבער אָנגעפילט מיט זיי. די שטומע נעמט עס אויף איר קאָפּ. לאָזט זיך פאַרטאָג אַרויס זוכן אַ קליינע סטעזשקע דורך די בלאָטעס אין די וועגן, וואָס פירן אין שטאָט אַריין. פאַרשווינדט זי אויפן גאַנצן טאָג. בלייבט ראַכמאַן אַליין אין טאָל. ווערט אים אומעטיק. צוגעווינט זיך. כאָטש זי רעדט נישט — איז זי פאַרט לעבן אים און אַזוי געטריי! און אפשר האָט ערגעץ אַ טיפע בלאָטע זי איינגעשלונגען? אָט זעצט זיך באַלד די זון און זי איז אַלץ נישטאָ. קוקט ער אַרויס, זיינע אויגן זוכן אַהין און אַהער, ביז ענדלעך דערזעט ער פון דערווייטנס, ווי עס רירט זיך עפּעס, נישט אַנדערש, אַז דאָס איז זי. לויפט ער איר אַנטקעגן און בלייבט שטיין ביי אַ גרויסער בלאָטע. מ׳טאָר נישט וואַגן אַריין. ווער ווייסט?

דערנענטערט זי זיך אַלץ מער און מער און אָט איז זי אַ פריילעכע, מיט בלאָטע איבער די קני. דאָס קלייד פאַרריסן ביז דאָס נאַקעטע לייב זעט זעט זיך אַרויס. דערזעט ראַכמאַן, אַז עפּעס איז גרעסער געוואָרן איר בויך. טראָגט זי אַלץ דעם קאָשיק אויפן קאָפּ און אין אים, אַנשטאָט די גרינסן, מעל און זאַלץ, געמאָלענע קאַווע, טאַבאַק און צוקער און פאַר ראַכמאַנען אויך אַ מתנה פון שטאָט: שוואַרצע קיכלעך פון האָניק זיס, וואָס עס באַקן די שטאָטישע. אַך, ווען זי וואָלט געקענט רעדן, וואָס וואָלט זי איצט ראַכ־מאַנען געזאָגט?

✶

לויפט אַזוי דער ווינטער פאַרביי. רעגן נאָך רעגן. און עס קומט דער פרילינג. אַרבעטן זיי ביידע מיט פּיאַשן אויפן פעלד. מ׳צעאַקערט און מען גראָבט. שוואַרצע פרישע קערנער פון קאַוועגעס ווערן פאַרזייט. אַט וועט זיין אַ לעבן! עס לויפן דאָך גיך פאַרביי דער פרילינג און דער זומער! אַט דאַרף מען די גאַנצע נאַכט אויפן גאָרטן ליגן, שרייען און רופן. טרייבן די שאַקאַלן, וואָס האָבן ליב זייערע לאַנגע פּיסקעס אין די זאַפטיקע רויטע קאַוועגעס צו שטעקן. דער טאָל לעבט אויף. פאַרן פאַרביי פעלאַכן אויף אייזלען, וואַנדערנדיקע בעדואינער אין קאַראַוואַנען מיט קעמלען. שטעלט מען זיך אָפּ אַ קריגל פריש וואַסער צו טרינקען. וואונדערן זיך אַלע, וואָס זי, די טאַליקע פאַרדעקט אַפילו נישט איר פּנים, פרעמדע מאַנסבילן און זי? גאָרנישט. סיידן נישט קיין אַראַבישע טאָכטער איז זי אָדער אַן אומגליי־ביקע?..

באַוווּנדערן אַלע די גוטע גערטנער פון ראַכמאַן. בייט מען זיך מיט אים מיט אַ ביסל זריעה. און די גרינע געדרייטע צווייגן פון די קאַוועגעס פאַטלען זיך און שפרייטן זיך אויף דער ערד איבערן גאַנצן פעלד.

— אַ אַ אַ אַ אַ! ש... אש... אש...

שרייט ראַכמאַן אַרויס ביינאַכט. און אין ביידל ליגט זי, די שטומע, און מאַטערט זיך אין גרויסע ווייען. זי ווייסט אַליין נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. עפּעס פילט זי, אַז ס׳דרייט איר אין בויך. דער בויך — אַט פּלאַצט ער... אַט ווערט אַ סוף פון איר... און ווו איז ראַכמאַן ערגעץ איצט אויף די פעלדער? זי וואָלט געלאָפן צו אים, פילט זי ווי עס גיסט זיך פון איר דאָס בלוט. אַט אַן עק!.. ס׳איז איר סוף... זי וועט מער נישט לעבן!.. וויל זי שרייען און קען נישט... לאָזט זי דאָך אַרויס אַזעלכע ווילדע משונהדיקע קולות, וואָס נישט נאָר ראַכמאַן, נאָר זי אַליין שרעקט זיך פון זיי איבער...

נאָר אָט פילט זי, עס ווערט איר אַזוי גוט, אַזוי לייכט אויפן האַרצן, אַזוי וואַרעם און ווייך. עפּעס אַ זיסקייט צעגייט זיך איר אין האַרצן. גיט זי זיך אַ קוק אום און ביי אירע פיס ליגט אַ קינדעלע, אַ מיידעלע מיט שוואַרצע געקרייזלטע הערעלעך ווי ביי ראַכמאַן. און עס ווייגט. זי הערט נישט — נאָר זי פילט. ווייסט אַליין נישט, פאַרוואָס און פון וואַנען ס׳איז

געקומען. ווי קלט זי דאָס קינד איין אין איר שוואַרצער אַבאַיע, טוליעט עס צו אירע בריסטן און דערפילט ווי עס קיצלען איר די נאָפּלען פון אירע בריסטן. אָט פילן זיי זיך אָן פאַרן קליינעם קינד.

— אַך ווי גוט עס איז איר!

קומט ראַכמאַן צו גיין פון גאָרטן. דערזעט ער ווי זי ליגט אַ גליקלעכע. טוליעט עפּעס צו אירע בריסטן. דעקט ער אויף אַ שפּיץ פון שוואַרצן כאַלאַט און דערזעט, אַז די נאַכט האָט אים אַ קינד אויף דער וועלט געבראַכט. פאַרדריסט עס אים, וואָס אַ מיידל איז עס. נאָר פאַרפאַלן. ס'איז פון אַללאַ באַשערט! און ער האָט זי מיטן נאָמען דזשיגוטי גערופן. און אַזוי אויך דעם טאָל. דעם טאָל דזשיגוטי האָט די קליינע דזשיגוטי אַרויסגעגעבן.

און דער באַרג ראַנטיע האָט געלאַכט אין די הויפנס:

— אָט וואָס דער טאָל קען געבן! נישט מער ווי אַ מיידל פון אַ שטומער אומגלויביקער. נאָר וואָס גייט עס איצט אָן ראַכמאַנען, וואָס דער באַרג רעדט, אַז ער האָט זיין גורל מיטן טאָל פאַרבונדן!..

חאָלאַ — אין גאָטס נאָמען.

קוסעלע — אַ גרינס אַזאַ.

אַבאַיע — אַן אַראַבישע פאַלערינע (כאַלאַט).

פּיטע — אַ פּלעצל.

נאַרגילע — אַ פלאַש וואָס דעסטילירט דעם רויך פון טומבאַק ווען ער איז נאַס, דורך אַ רער.

פּיאָש — אַ ברייטער גראָב־אייזן (אַ פראַנצויזיש וואָרט גענוצט אויך אין אַראַביש).

פעלאַכן — פויערן.

אַללאַ — גאָט.

אַ משל

טול כרם. נאַכט. שלאָפן שטיין, בערג און טאָל אַרום. קלינגט אָפּ פון דערווייטנס דאָס איינטאָניקע געקלאַנג פון גלעקער אַרום די העלדזער פון וואַנדערנדיקע קעמלען אין טאָל. שלעפּט איינער אַ זאָטל צו פאַרריכטן, כדי מאָרגן פרי צוריק אויפן אייזל רייטן אין פעלד. קומט אַראָפּ פון בערגל אַן אַלטיטשקער און טרייבט אַ קיעלע, וואָס איז צווישן בערג פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. פאַרריגלט איז טיר און טויער. אייזערנע גראַטעס ווערן גרויער און גרויער, גרייט צו דינען דער נאַכט פון רו און פון חלום. הערט זיך דאָס כראָמטשען פון קי אין די הויפן, און דאָס שטילע שנאָרכן פון די שאָף. נאָר אינעם שטאָטישן קאַפע־הויז זשומעט דער ברענענדיקער לוקס, דער אָנזאָג פון נאַכטיקן לעבן.

ביי אַ טישל מיט מיר זיצט פעזי און טרינקט אַ קאַווע. גלאַנצן זיינע וואָנצעס, אויפגעהויבן שטייף ווי זיי וואָלטן אים געקראָכן אין די אויגן אַריין. פאַרטראַכט ער זיך אין טיפע מחשבות. ער שטעלט אַוועק דאָס טע־פּעלע אויפן טיש. גיט אַ מאַך מיט דער האַנט. נעמט גיך אַרויס אַ סיגאַרעט פון פּושקע, פאַררויכערט. פאַרגנבעט זיך צו אים אַ פאַרוויטיקט שמייכעלע און מיט אַמאָל גיט ער אַ זאָג :

— „גוט איז אייך, מאַסקאָב, איר דאַרפט קיין געלט נישט צאָלן פאַר קיין ווייב, זי צאָלט נאָך צו און זי גייט אין מאַרק יעדן טאָג, ברענגט פון אַלדאָס גוטס אין שטוב אַריין : פּאָמידאָרן, אוגערקעס, טייטלען און אַלץ פון פרוכט און פון גרינס — ביי אונדז אָבער, כאַוואַדזשאַ, ביי אונדז איז שלעכט, גאָר אַנדערש. דאַרפסט שפּאָרן טאַאַריפע צו טאַאַריפע יאָרנלאַנג פון אייגע־נער האָרעוואַניע, כדי אַ ווייב זיך איינצושאַפן, און ערשט נאָכדעם דאַרפסטו גיין אין מאַרק אַריין ברענגען אַלץ. ניין, נישט גוט ביי אונדז".

גיט פעזי נאָך אַ זופּ קאַווע, פאַרטראַכט זיך מער, ווערן די אויגן פאַר־

זשמורעט. הויבן זיך די וואָנצעס פונעם בלאָז פון די נאָז־לעכער, פאַררוי־כערט ער נאָך אַ סיגאַרעט, פאַרקריצט מיט די ציין:

טרינק, כאַוואַדזשאַ, הייס דערלאַנגען. אויף מיר! איך וועל צאָלן, אָט נעם אויך אַ סיגאַרעט און פאַררויכער.

דערמאָנט זיך מיט אַמאָל פעזי, אַז פאַלש זענען די ווייבער און פאַרפי־רעריש, זעט ער שוין זיין אייגן ווייב אַ פאַלשע. לאָזט ער מיט אַמאָל אַראָפּ די אויגן און קרעכצט אָפּ אין דער שטיל.

— וואָס זשע איז דיר, פעזי — זאָג איך — וואָס האָסטו פלוצלינג פאַר־לאָרן דעם גלאַנץ פון די אויגן?

— און אַז איך וועל שוין האָבן איינגעשאַפּט אַ ווייב און זי וועט נישט גיין אין גלייכן וועג, שווער איך ביי אַללאַ, אַז איך וועל נישט זשאַלעווען די האַרעוואַניע פון אַ לעבן לאַנג, מיטן קורבאַטש וועל איך איר קאַטעווען, ביז בלוט וועט רינען, און נאָכדעם וועל איך זי אַרויסשליידערן אויף שליאַכן, ווי אַ קרעציקן הונט.

— אָבער, פעזי, חביבי, אַזוי פיל יאָרן וואַרטן אויף אַן אייגן ווייב און נאָכדעם זי אַזוי באַהאַנדלען? יעדער גליטשט זיך אַמאָל אויס, שטייט מען אויף און מ׳גייט ווייטער. נישט שיין, פעזי, פון אַן אייגן ווייב אַזוי צו טראַכטן...

— נישט רעד אַזוי, כאַוואַדזשאַ, אַ ווייב, ווייסטו, אַ ווייב איז צו אַן אייזל געגליכן, צו אַן אייזל און נישט מער. אָט זע!

שאַרט פעזי אַוועק אַלץ אַרום זיך פון טיש. ברויזט ער אויף נאָך מער, ער לייגט אַוועק זיין האַנט אויפן אָפּגעליידיקטן פלאַץ פון טיש:

— אָט זע, כאַוואַדזשאַ, אָט דאָ איז דער וועג, דער גלייכער וועג. זיצסטו אויף דיין אייזל, רייטסט און טראַכסט צי פון די גרויסע בערג, צי פון טיפע טאָלן, צי פון פאַרזייטן פעלד אָדער גאָר פון גרויסן מאַרק. און דו פאַרלאָזט זיך אויף דיין אייזל, אַז פירן וועט ער דיך אויפן גלייכן וועג. אָט אַזוי! און ווען דער אייזל פאַרקערעוועט זיך גאָר אָן אַ זייט און וויל דיך ערגעץ אויף פאַלשע וועגן פאַרפירן, כאַפּסטו דען נישט גלייך דעם קורבאַטש און האַקסט אין אים, וויפל נאָר עס גייט אַריין? האַ? זאָג, כאַוואַדזשאַ, נישט ריכטיק אפשר? אַ יאָ? — אַזוי איז אויך אַ ווייב. גייט זי אויפן גלייכן וועג —

איז גוט. ברענגסטו איר פון מאַרק אַלדאָס גוטס: טאָמאַטן, קוסעלעך, טייטלען און ראָזשינקעס, יאַדערלעך און וואָס דען נישט? האָט זי דיר קינדער. וואַקסן זיי גרעסער, גרעסער. אָבער, אַז זי גייט אַראָפּ פון גלייכן וועג, כאַוואַדזשאַ, איז נישטאָ קיין בעסער מיטל ווי דער קורבאַטש...

— יאָ, פּעזי, אַ ווייב איז אָבער נישט קיין אייזל!

גיט פּעזי אַ קליין שמייכעלע אונטער די וואָנצעס. כאַפּט ער אַ קוק אויף מיר פון אויבן אַראָפּ. כמעט מיט רחמנות ווי אויף איינעם, וואָס פאַרשטייט נישט די פּשוטע וועגן פון דער וועלט.

— נו כאַוואַדזשאַ, דו ביסט דאָך אַ מאָסקאָב, ביי אייך איז דאָך אַנדערש. אָבער זע, ווער רייט אויף וועמען, דער אייזל אויף דיר צי דו אויפן אייזל?

— געוויס איך אויפן אייזל.

בלייבט שוין נאָכדעם פּעזי שטיל און באַרויִקט, זיכער, אַז ער האָט מיך איבערגעצייגט. באַשטעלט ער נאָך אַ קאַווע פאַר זיך און פאַר מיר, דעם מאָסקאָב. קומען געסט נאָך געסט אין קאַפע־הויז אַריין. ווערט אַ טומל. רוקן זיך טישלעך. דרייט זיך אַ פּלאַטע אויפן גראַמאָפאָן און זיס זינגט אויס די זינגערין אום קולסום אין דער נאַכט אַריין:

יאַ לַיִל... יאַ לייל...
יאַ לַיִל... יאַ לייל...

קלאַפּן די ביינדלעך פון שעש־בעש, אַ שוואַרצס־אַהער און אַ ווייס אַהין. בולבען פלעשער פון נאַרגילעס, צעגיסט זיך מער דאָס געזאַנג פון אום קולסום. פאַרזשמורען געסט די אויגן, פאַרנעמען דאָס געזאַנג און אַ קרעכץ אַ שותפותדיקער דערהערט זיך מיט אַמאָל:

יאַ לַיִל... יאַ לייל...

אַראַבּעסקן

הייסט פּעזי ברענגען די דאָמינאָ־ביינדלעך, צו שפּילן מיט מיר. לייגט ער יעדן ביינדל אויפן טיש מיט אַ קלאַפּ צו, מיט אַ זיכערקייט. זיכער איז פּעזי מיט אַלץ, מיט זיך, מיט די דאָמינאָ־ביינדלעך און מיט זיין רעכט אויף אַ ווייב.

כּאַחאַדזשע — הער (אדון אויף העברעיש).

טאַאַריפּע — אַן עגיפּטישע קליינע מטבעה וואָס האָט פיגורירט אין לאַנד ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

קורבאַטש — אַ בייטש.

חביבי — מיין ליבער.

אום קולסום — דער נאָמען פון אַ באַוווסטער און באַליבטער עגיפּטישער זינגערין.

שעש־בעש — אַ שפּיל אַזאַ אין ביינדלעך.

די מעשה מיט די פיר קרײַגלעך

ווען דער אַלטער שייך האָט זיך דערוווּסט די נייַס מיט אַכמעדן, איז עס שוין קיין נייַס נישט געווען. דאָס גאַנצע דאָרף פון קליין ביז גרויס האָט עס שוין לאַנג געוווּסט. און ווען אַכמעדס ברוינער אייזל און קעמל, וואָלטן געקענט רעדן, — וואָלטן זיי אויך געהאַט אַסך צו דערציילן.

פאַרוואָס איז די נייַס אַזוי שפּעט אָנגעקומען צו די אויערן פון קלוגן שייך, איז שווער צו פאַרשטיין! אפשר דערפאַר ווייל אַלע האָבן געמיינט, אַז ער ווייסט שוין, און אויב ער שווייגט איז גלייכער נישט צו דערציילן אים. נאָר ביים ברונעם, אין פעלד און אַפילו אויף דער „מיזבעלע", האָט מען וועגן עפּעס אַנדערש נישט גערעדט.

— „נעכטן אין מיטן העלן טאָג — דערציילט זיך מוסטאַפאַ האָב איך געאַקערט אין פעלד מיט מיינע שוואַרצע אָקסן, די זון האָט געברענט און פון פּנים האָבן זיך מיר געגאָסן טייכן שווייס, גיי איך מיר נאָך מיינע אָקסן. דערזע איך פונדערווייטנס, ווי עס שטייען זיך אין מיטן די פאַראַקערטע ערד אַכמעדס אייזל און קעמל געשפּאַנט. קוק איך, אפשר האָט אַכמעד זיך אָנגעבויגן אַראָפּצוקראַצן די חמרה, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צום שאַרף פון אַקער. נאָר כ׳זע נישט קיינעם. שטעל איך שוין אָפּ די אָקסן און לאָז זיך אַהין גיין, אפשר האָט עפּעס מיט אים געטראָפן? איך קום צו נענטער, אַכמעד ליגט זיך אַזוי אויסגעצויגן אויפן גראָז, ליגט און קוקט אַ פאַרטראַכ־טער אין הימל אַריין, די אויגן האַלב פאַרמאַכט און אין מויל האָט ער אַ שטרויעלע געהאַלטן און געקײַט. אַזוי פאַרבענקט און פאַרטיפט אין זיינע מחשבות איז ער געווען, אַז ער האָט אַפילו נישט געפילט, ווען איך בין צו אים צוגעקומען.

„אַכמעד! אַכמעד! וואָס האָסטו זיך צעלייגט אין מיטן העלן טאָג? האָסט דאָך נאָך היינט אַפילו קיין דריי תלמס נישט געמאַכט, ווען זשע וועסטו באַווייזן דאָס פעלד אויפצואַקערן, און דער רעגן הענגט שוין אָט אָ ביי דער נאָז?

— מאַאַלעש! מאַאַלעש!

מער האָט ער קיין וואָרט נישט געזאָגט.

— סיידן משוגע געוואָרן!

און אפשר איז ער געוואָרן אַ טרעפער און זוכט די סודות פון אַללאַ אין הימל צו דערגיין?

דערציילט אַ צווייטער:

— „פאַרנאַכט, ווען די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין — בין איך ביי זיין פעלד פאַרבייגעפאָרן. זע איך, אַכמעד קלייבט זיך נאָך אַפילו נישט אין דאָרף אַריין. די פליגעלעך זשומען, קריכן אין די אויערן, דער אייזל רעוועט, און ער אַקוראַט עס גייט אים גאָרנישט אָן".

— שוין צייט אַ היים, אַכמעד!

— „מאַאַלעש! מאַאַלעש!"

— אין שטאַל — דערציילט אַ דריטער — האָב איך געהערט, אַכמעד רעדט צו זיך אַליין, שעלט און שלאָגט דעם אייזל אין בויך: אַ בראָך זאָל דיך נעמען אין איינעם מיט פאַטמען!

— מיט פאַטמען?

— אָט וואָס עס ווערט פון אַזאַ גרויסער ליבע! וויפל יאָרן האָט ער געאַרבעט און געשפּאָרט טאַאַריפע צו טאַאַריפע, צו קענען קריגן פאַטמען פאַר אַ ווייב? און ווער געדענקט נישט די גליקלעכע חתונה ערשט פיר יאָר צוריק, ווי מ'איז זיך צונויפגעפאָרן צו דער גרויסער שמחה פון גאָר אַרום? און איצט?

אַזוי האָט מען גערעדט און גערעדט, אַז ס'איז נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט, אַז קיינער קען נישט וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען און נאָך אַזוינע זאַכן, ביז די זון האָט שוין לאַנג איר פּלאַץ פאַרלאָזט, די לבנה האָט דערטרונקען דאָס ליכט פון די שטערן און האָט זיך אַוועקגעשטעלט פּונקט אין מיטן פון דאָרף און באַלויכטן די קופּעס מיט מיסט ביי יעדן נעבן שטוב. נאָכט האָט זיך געגומען פאַרקלייבן אויף די שטרויענע דעכער פון די ליימענע הייזקעס, שאָף און רינדער און קליינע קינדער האָבן שוין אויגן צוגעמאַכט. פון די שטאַלן האָט זיך בלויז געהערט דאָס שטילע מרוקען פון די בהמות און דאָס שאָרשקען פון די קרעלן אויף די העלדזער

פון די קעמלען. אין אַ הינער־שטייג האָט געקוואָקעט אַ הון, וואָס איז פון געזעס אַראָפּגעפאַלן און מער איר פלאַץ נישט געקענט געפינען אין דער פינצטער. פון דערוויטנס האָט זיך געהערט דאָס פייפן פון אַ באַן, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין שטילן טאָל. און דער רויך צעקייקלט זיך און ווערט צו־נישט צווישן די בערג. ערשט שפּעטער, אַ סך שפּעטער, איז זיך איינזאַם, אַ פאַרטראַכטער, אָנגעקומען אין דאָרף אַכמעד מיט זיין אייזל און קעמל.

עס איז שוין מער קיין סוד נישט געווען. אַלע האָבן געוווּסט, אַז אַכמעד איז פאַרבענקט, אַז ער וויל פּטור ווערן פון פאַטמען, עס ציט אים ערגעץ אין דער גרויסער שטאָט.

— אַכמעד בענקט! אַכמעד בענקט! דאָס איז געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן.

און אַז דער אַלטער שייך האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער באַפוילן, אַז אין אָוונט זאָל אַכמעד צו אים קומען.

אַז אַ שייך רופט — מוז מען גיין!

געקומען, האָט דער אַלטער קלוגער אַלטער שייך אים וואַרעם אויפ־גענומען, מכבד געווען מיט קאַווע, ניסלעך און זיסע ראָזשינקעס, געגעבן אַפילו אַ גוטן ציגאַר צום רויכערן, געפרעגט אים, וואָס ער מאַכט, וואָס מאַכט זיין כודאַבע, צי האָט ער שוין פאַרזייט זיינע פעלדער — געוועדט פון אַלץ צו ביסלעך, ביז מ׳איז צוגעקומען צו די לעצטע געשעענישן.

— „איך האָב נישט ליב צוצוהערן זיך און גלייבן אַלץ, וואָס בייזע צינגער דערציילן, נאָר יעדער ליגן האָט אין זיך עפּעס אַן אמת. כ׳האָב געהערט, אַכמעד, אַז ביסט פאַרבענקט, אַז דו ווילסט פאַטמען איבערלאָזן און אין דער גרויסער וועלט זיך לאָזן, אַוועקגיין פון דאָרף, ווו דו ביסט אויסגעוואַקסן, פון דאָרף, ווו עס האָבן געלעבט דיינע עלטערן און אור־עלטערן. דו, אַכמעד, הער מיך אויס! איך וויל דיר נישט זאָגן, וואָס דו זאָלסט טאָן, איך וויל דיר נאָר דערציילן אַ מעשה, וואָס כ׳האָב געהערט נאָך פון מיין זיידן אין די קינדער־יאָרן. הער אויס די מעשה און נאָכדעם וועסטו טאָן ווי דו פאַרשטייסט״.

אַזוי האָט געזאָגט דער אַלטער שייך, אָנגענומען אַכמעדן ביים האַנט,

אַריינגעגאַנגען מיט אים אין צווייטן חדר. זיי האָבן זיךביידע אַוועקגעזעצט אויף די אויסגעשפּרייטע ראָגאָזשעס, פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, אַריינ־געלייגט צוויי רויטע קוילן אין די פלעשער פון די נאַרגילעס, געפּיפּקעט ביז דאָס פייער האָט זיך צעבלאָזן, און דערנאָך האָט דער שייך אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף אַכמעדס אַקסל, אַזוי גוט־ברודעריש, אַז באַלד, באַלד האָט אַכמעד פון צופיל נאָענטקייט אויסגעפּלאַצט אין אַ גרויס געוויין. און אפשר האָט די ווייכקייט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין בענקשאַפט?

און דער אַלטער שייך הייבט אָן:

„אָט די מעשה, וואָס איך וויל דיר דערציילן האָט געטראָפן אין אַ גרויסער מדינה, אין דעם רייכסטן לאַנד פון דער וועלט. דער קייסער דאָרטן איז אַזוי רייך געווען, אַז ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיין האָב־און־גוטס. חיילות האָט ער געהאַט פון די שטאַרקסטע און בעסטע, און איז גוט געווען צו זיין פאָלק און דאָס פאָלק האָט אים ליב געהאַט און געאַכפּערט. דעריבער איז קיין שום מלוכה נישט געווען דרייסט אַרויס־צורופן דאָס לאַנד אויף אַ מלחמה, ווייל אַלע האָבן געוווּסט, אַז קיינער וועט די מדינה נישט באַזיגן.

און דער קייסער האָט געהאַט אַ פרוי, אַ שיינע און אַ גוטע. האָט ער זי ליב געהאַט פאַר איר שיינקייט און פאַר איר גוטסקייט. און דאָס פאָלק האָט זי ליב געהאַט דערפאַר, וואָס זי האָט זיך אַלע מאָל געוויזן ביי די אָרעמע און אומגליקלעכע, יעדן געהאָלפן און פאַר יעדן אַ גוט וואָרט געהאַט. גליקלעך איז דער קייסער געווען מיט זיין פאַמיליע און מיט זיין פאָלק.

און זיבן וויזירן האָט דער קייסער געהאַט. מיט זיי האָט ער זיך אָן עצה געהאַלטן אין אַלע זאַכן. זיי אַלע זענען געווען גרויסע חכמים. זיי האָבן געקענט וויסן דעם סוף פון יעדן אָנהויב לויט סימנים פון שטערן און הימל. זיי האָבן דורך קרייטעכצער פאַרשידענע גנבות אויפגעדעקט און נאָך אַזעלכע זאַכן האָבן זיי געוווּסט. קליגער פון זיי אַלעמען איז געווען דער עלטסטער. אים האָט מען טאַקע מער כבוד אָפּגעגעבן, ווייל צו זיין חכמה איז קיין גרענעץ און קיין שיעור נישט געווען. אָבער נישט אַלץ וואָס שיינט איז גאָלד!

— ווער, דאַכט זיך, האָט באַדאַרפט זיין גליקלעכער פון דעם אַלטן

וויזיר, וואָס סיי כבוד און סיי עשירות האָט אים נישט געפעלט? איז אָבער דאָ אַ וואָרעם אַזאַ, וואָס פּויזעט און פּויזעט און לאָזט נישט רוען: קיין זון האָט ער נישט געהאַט, ער זאָל אים ירשענען נאָך זיין טויט און אָנהאַלטן זיין גרויסן נאָמען און יחוס. אַלע זיינע חברים האָבן יינגלעך, נאָר ער אַליין איז פון אַללאַ באַשטראָפט און קיין זון האָט ער נישט. אמת, עזיזה, זיין טאָכטער, זיין בת יחידה, ווער פון איר איז שענער? ווער פון איר איז קליגער? איז זי פאָרט נאָר אַ מיידל און נישט מער...

איז דער אַלטער וויזיר שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און אַ פאַרזאָרגטער. שטענדיק האָט ער גערעכנט, אָט זענען נאָענט די טעג, און ער וועט אַוועקגיין אַהין פון וואַנען ער איז געקומען, פון וואַנען מ׳קערט זיך קיינמאָל נישט אום צוריק, עס וועט פאַרווישט ווערן דער יחוס פון זיין משפחה. דאָס פאָלק וועט אים פאַרגעסן און קיינמאָל נישט געדענקען, אַז אַמאָל, און אפשר גאָר נישט לאַנג צוריק, איז ער געווען דער גרעסטער און באַליבטסטער חכם פון לאַנד.

האָט ער אַזוי לאַנג געטראַכט און געטראַכט, ביז איין מאָל איז ער פאַרשוווּנדן פון שטאָט אויף אַ שטיקל צייט. ער האָט קיינעם גאָרנישט געזאָגט און קיינער האָט טאַקע נישט געוווּסט, ווו זיין וועג איז געווען. און אַז ער האָט זיך אומגעקערט צוריק, איז ער שוין נישט געווען אַליין נאָר אין צווייען. ער האָט געבראַכט פאַר זיין טאָכטער, פאַר עזיזהן, אַזאַ חתן, וואָס זאָל נישט פאַרשעמען דעם יחוס. אויב נישט קיין זון, זאָל כאָטש זיין אַן איידעם. ער איז אויסגעפאָרן די גאַנצע מדינה און געזוכט און געזוכט, ביז ער האָט דעם בעסטן יונג פון לאַנד זיך אויסגעקליבן. און ווער וועט עס נישט וועלן זיין אַן איידעם פון דעם גרעסטן וועלט־חכם? און בפרט נאָך, אַז צו עזיזהס שיינקייט איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען. אויגן האָט זי געהאַט, ווי צוויי שוואַרצע פּערל, וואָס מ׳טרעפט איינמאָל אין הונדערט יאָר. שלאַנק איז זי געווען, ווי אויסגעטאָקט פון שענסטן מירמלשטיין, איר נאָז און קנעכל פון די פיס אַזוי שיין, ווי די גאָלדענע רינגען, מיט וועלכע זיי זענען באַהאַנגען. גוט איז זי געווען, ווי אַ ווייסער מלאך אין הימל, און קלוג ווי דער ליכטיקער טאָג.

עזיזה האָט זיך אויך שטאַרק געפרייט מיט איר מאַן, וואָס דער פאָטער

האָט געבראַכט, און דאָס יונגע פּאַרפאָלק האָט זיך געלעבט אַזוי שיין און ריין, פּונקט ווי אַ פּאָר ווייסע טויבן אין אַ ווייך אויסגעבעטן נעסט.

אַלע מאָל ווען די וויזירן האָבן באַדאַרפט וועגן עפּעס אַן עצה פּרעגן, זענען זיי זיך צונויפגעקומען ביי עזיזהס טאַטן אין הויז. אַהין פלעגט אויך דער קייסער קומען, הערן די חכמה פון זיינע וויזירן און דערוויסן זיך, וואָס דאָס פאָלק טראַכט און רעדט וועגן אים. עזיזה פלעגט אַלע געסט אויפנעמען און יעדעס מאָל אַרויסגעוויזן מער און מער פון איר קלוגשאַפט.

איז אַוועק אַ שטיקל צייט, עזיזהס מאַן האָט זיך פאַרוואָלט פאָרן צו זיינע אייגענע, וואָס ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען, האָט זי אַרויס־געקוקט פון איר פענצטער און געפרייט זיך מיט די פייגעלעך, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף די ביימער נעבן איר פענצטער. אויך די בלומען פון איר גאָרטן האָט זי מיט פריש וואַסער באַשפּריצט און נישט דערלאָזט, אַז ווילדע גראָזן זאָלן זיך אין די בייטן פאַרשפּרייטן. ווי אַ פריילעך זומער־פייגעלע איז זי אַרומגעלאָפן אין גאָרטן און געוואָלט, איר מאַן זאָל שוין וואָס גיכער צוריק קומען, ווייל שטאַרק האָט זי אים ליב געהאַט און שטאַרק האָט זי געבענקט נאָך אים.

אַ פאַרנעפּלטער וואָלקן האָט זיך באַוויזן אויפן הימל און אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד אַ שלעכטן ווינט. און פּלוצים האָט דער קייסער דערפילט, אַז וואָס אַ טאָג אַלץ מער ציט אים צו אָט דער פריילעכער און קלוגער עזיזהן. געוווּסט, אַז איר מאַן איז איצט אין דער היים נישטאָ, נאָר טיף אין זיך האָט ער זיינע געדאַנקען באַהאַלטן, צוגעגרייט אַ סך מתנות, בריל־יאַנטן און פּערל, און מיט זיי זיך אַוועקגעלאָזט צו עזיזהן אַהיים.

ווען דער קייסער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, איז עזיזה געווען שטאַרק איבערראַשט און אַפילו, דערשראָקן — וואָס עפּעס פּלוצעם איז דער קייסער צו איר געקומען? זי האָט אָבער איר שרעק נישט אַרויסגעוויזן, קלוג איז זי געווען גענוג, איר שרעק נישט אַרויסצוווייזן. נאָר אַז דער קייסער האָט זיך צו איר אַ לאָז געטאָן מיט אַ שטאַרקן ברען, מיט פייער אין די אויגן זיינע, געוואָלט זי אַרומנעמען און אַ קוש טאָן, האָט זי זיך מיט גוואַלד פון זיינע הענט אַרויסגעריסן און שמייכלענדיק געזאָגט?

הויך געאַכפּערטער קייסער! איך וועל דיר לאָזן מיך אַ קוש טאָן און

ליבן, נאָר צוערשט ביסט דו דאָך מיין גאַסט. שטאַרק האַלט איך פון אויפ־נעמען געסט, לאָמיר דיר פריער ווי אַ גאַסט מכבד זיין און נאָכדעם וועל איך דיר לאָזן מיך קושן.

זי האָט אָנגעשטעלט אַ טיש פון די בעסטע זאַכן, פול מיט גוטס און אין מיטן אויף אַ גאָלדענער טאַץ האָט זי אַוועקגעשטעלט פיר קריגלעך ווייַן. יעדער קריגל פון אַן אַנדער קאָליר.

— פאַרזוך דעם ווייַן — האָט עזיזה אָנגעגאָסן אַ גלעזל פון ערשטן קריגל — דאָס איז דער ווייַן פון די זיסטע טרויבן אין אונדזער ווייַנגאָרטן. דער קייסער האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזל, און מודה געווען, אַז דער ווייַן איז גוט. נאָכדעם האָט זי אים געגעבן אַ גלעזל פון צווייטן קריגל, אַן אַנדער מין שויך, און ער האָט אויך שטאַרק הנאה געהאַט אויך פון דעם צווייטן מין ווייַן, און אַזוי פון דריטן און פון פערטן קריגל. און ווען ער האָט געענדיקט טרינקען פון פערטן קריגל, האָט ער שוין מער נישט גע־טראַכט פון אַ קוש טאָן זי, דער גלאַנץ פון זיינע אויגן איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערער, דאָס פּנים איז אים רויט געוואָרן. און אַזוי ווי אַ פּייכטער טוי האָט זיך באַוויזן אויף זיינע גלאַט פאַרקעמטע האָר.

— „פאַרוואָס האָסטו מיר געגעבן טרינקען דווקא פון פיר פאַרשיידענע ווייַנען?" — האָט דער קייסער געפרעגט עזיזהן.

„ליבער קייסער, אַלצדינג אין לעבן — האָט די קלוגע עזיזה געענט־פערט — איז אַזוי. האָסט געטרונקען פון ערשטן קריגל, און דיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון צווייטן איז בעסער, און פון דריטן נאָך בעסער, אָבער אין דער אמתן זענען זיי אַלע פון איין מין, נאָר די קריגלעך זענען אַנדערע. און אַזוי איז אויך מיט דיר. האָסט אַ ווייב, אַ שיינע און אַ גוטע, דאַכט זיך דיר, אַז איך בין בעסער, עס איז די זעלבע זאַך, מיין ליבער קייסער...

דער קייסער האָט אויסגעהערט אירע קלוגע ווערטער, אַ שטאַרק פאַר־שעמטער האָט ער באַוואונדערט איר גרויס קלוגשאַפט. און צוריקגייענדיק אין זיין פּאַלאַץ, האָט ער נישט געפילט אַפילו, אַז ער האָט זיינע גאָלדענע פּאַנ־טאָפל ביי איר אין שטוב איבערגעלאָזט.

ער האָט איינגעזען, אַז גערעכט איז עזיזה, ער האָט פאַרלאָרן די בענק־שאַפט נאָך פרעמדע, און צוריק ליב געקראָגן זיין אייגן ווייב.

✶

אַכמעד איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי צוגעקלעפּט צו די ראָגעזשעס און נישט געפּרוווט אַפילו זיך אַ ריר טאָן. נאָר איצט האָט אים דער שייך גענומען פאַר דער האַנט און אויפגעוועקט פון פאַרטראַכטקייט: איצט פאַרשטייסטו שוין. דיר דאַכט זיך, אַז אין דער גרויסער וועלט וועסטו קריגן אַ בעסערע און שענערע ווייב פון פאַטמען און אַ בעסער לעבן און וועסט גליקלעך זיין. אומעטום, ברודער, איז די זעלבע זאַך, דער זעלבער ווייך אין אַלע פיר קריגלעך, נאָר די קריגלעך זענען אַנדערש. שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ די נאַרישקייט. אין דעם דאָרף ביסטו געבוירן, דאָ האָסטו דיינע יאָרן פאַרבראַכט און אין ערגעץ, ערגעץ וועט דיר בעסער נישט זיין...

✶

ווען דאָס דאָרף איז שוין געווען איינגעהילט אין דער טיפער נאַכט, ווען אויפן הימל האָבן לויפנדיקע וואָלקנס געיאָגט זיך, ווי אין אַ געוועט, און די לבנה איז געלעגן אויסגעלייגט אין אַ פולן פאַס וואַסער אין מיטן דאָרף, און בייזע הינט האָבן געלאָזט זייער קול הערן, איז זיך אַכמעד איינער אַליין מיט אַ געהויבענעם קאָפּ געגאַנגען איבער די שמאָלע געסלעך. ער האָט געשפּרייזט און געשפּרייזט, ביז ער איז אַריין צו זיך אין שטוב און אין דער שטיל אַ קוש געטאָן פאַטמען אויפן שטערן.

און אַז די זון האָט אויפן פרימאָרגן ווידער אויפגעשיינט, האָט קיינער נישט געוווּסט דעם סוד פון דער נאַכט, קיינער און אויך נישט אַכמעד אַליין האָבן געוווּסט, וואָס אַזוינס האָט די נאַכט מיט זיך געבראַכט.

מיזבעלע — אַ מיסט פּלאַץ.
תלם — אַ פּאַס ערד צו פאַראַקערן.
חמרה — ערד וואָס האָט אַ טונקעלן קאָליר.
מאַאַלעש — עס מאַכט נישט אויס!

אַבו־דיאַב דער העלד

אין דעם מדבר באר־שבע, ווייט, ווייט אין דער וויסטעניש, צווישן הימל און זאַמד, זענען געווען אויסגעשפּרייט די געצעלטן פון דעם שבט „ערב אַבו ראַשיד“. אַ שבט פון בעדואינער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט האָדע־ווען שאָף און רינדער און אויך קעמלען.

די גאַנצע געגנט איז געווען פאַרפּלייצט פון דערנער און שטעכערס. מיילן האָט מען באַדאַרפט גיין צו אַ פלאַץ, ווו עס געפינט זיך וואַסער. די גאַנצע געגנט איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט סטעזשקעס און סימנים פון קעמל־טריט האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן. פון פלאַץ צו פלאַץ האָבן זיך אויך געוויזן טריט פון פאַרשיידענע מדבר־חיות און שפּורן פון שלאַנגען.

דאָ איז געווען דער איינציקער פלאַץ, ווו ביינאַכט האָט זיך אויף שטרע־קעס ווייט דורכגעפינקלט אַ שיין פון ליכט. די בעדואינער־וואַנדערער האָבן גוט געקענט דעם פלאַץ, ווייל דער שבט איז געווען באַוווסט אין דער גאַנצער געגנט און ער האָט געשמט מיט זיינע גרויסע העלדן.

דער גרעסטער העלד איז געווען אַבו־דיאַב (פאָטער פון וואָלף). ער איז געווען אַ ריז, וואָס האָט זיך פאַר קיין זאַך נישט געשראָקן און מיט זיין העלדישקייט האָט ער אויפגעהאַלטן דעם גוטן נאָמען פון זיין שבט.

אַבו־דיאַב פלעגט קענען שיסן אַ פייגעלע אין דער הייך, זיצנדיק אויף אַ שקאַפּע. די גרעסטע און ווילדסטע חיות האָבן פאַר אים געציטערט.

איינמאָל זענען געזעסן די מענער פון שבט אין „מאַדאַפע“ און גערעדט, ווי געווײנלעך, פון פאַרשיידענע העלדנטאַטן, פון חיות, שלאַנגען און אַנדערע באַשעפענישן. אַזוי איז מען זיך געזעסן געמיטלעך, פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, ווער עס האָט גערויכערט און ווער עס האָט דערוויל מיט די הענט געשטריקט עפּעס פון וואָל: די הענט אַרבעטן שנעל, נישט פילנדיק אַפילו, אַז זייער באַלעבאָס איז פאַרנומען אין אַ גרויסן געשפּרעך. פון דערווייטנס האָט זיך שוין גענומען די זון זעצן, דער הימל איז רויט געוואָרן אַזוי, אַז

עס האָט זיך ווי באַוויזן פון דערווייטנס די גרינקייט פון ים. אַ קליין ווינטעלע האָט געבלאָזן און געהאָלפן פאַרטרייבן די קליינע פליגעלעך, וואָס האָבן געזשומעט און געקראָכן אַלעמען אין די אויגן אַריין, אין נאָז און די אויערן. מיט אַמאָל זענען מיט גרויס אימפעט צוגעלאָפן עטלעכע פּאַס־טעכער, דעם אָטעם קוים געקענט כאַפּן, פאַרסאַפּעטע און דערשראָקענע האָבן זיי אויסגעשריגן:

— אַ דעבע! אַ דעבע!..*

שוין איז אַבו־דיאב געזעסן רייטנדיק אויף זיין שקאַפּע מיט אַ ביקס אין האַנט און שנעלער ווי אַן אָדלער האָט ער זיך רייטנדיק געלאָזט אַהין, פון וואַנען די פּאַסטעכער זענען געקומען. די לופט האָט געפייפט פון זיין שנעלן רייטן, און ער איז געפלויגן ביז ער האָט זיך דערנענטערט צו די „ביאר אַבו כאַדרע". דאָ האָט זיך באַוויזן די דעבע מיט אירע ברענענדיקע אויגן.

אַבו־דיאב האָט געוואָלט גלייך זיך כאַפּן פאַרן ביקס און אויסשיסן, אָבער אומזיסט! פאַרגליווערט זענען געוואָרן אַלע אברים פונעם גרויסן העלד. ער איז שוין געווען פאַרבלענדט און נאָכגעגאַנגען נאָך דער דעבע מיט אירע ברענענדיקע און פאַרנאַרנדיקע אויגן.

זי איז געגאַנגען אויף צוריק קוקנדיק אויף אים און ער נאָך איר. אַזוי זענען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זיי זענען געקומען צו דער הייל פון דער דעבע, דאָרטן, וווהין זי פאַרפירט אירע קרבנות.

אַריינגייענדיק אין הייל, האָט שוין די דעבע נישט געקענט גיין אויף צוריק. זי האָט געמוזט אויף אַ רגע אירע אויגן אַוועקנעמען פון אים און די מינוט האָט דער העלד אויסגענוצט. אין דעם עק פון הייל האָט ער זיך אַליין אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן אין שטערן, כדי עס זאָל זיך ווייזן זיין אייגן בלוט און די דעבע זאָל זיך דערשרעקן. אַזוי איז טאַקע געווען. ווי נאָר זי האָט דערזען, ווי עס רינט דאָס בלוט פון זיין פּנים, אַזוי האָט זי אַ דערשראָקענע אָנגעהויבן צו אַנטלויפן.

אַבו־דיאב איז שוין דעמאָלט געקומען צו זיך און האָט זיך נישט פאַר־לאָרן. ער האָט געכאַפּט די ביקס, געצילט אין דער אַנטלויפנדיקער דעבע און ער האָט, ווי אַלע מאָל, נישט פאַרפעלט צו טרעפן. זי איז געפאַלן טויט.

ווען אַלע פונעם שבט האָבן שוין אין דער „מאַדאַפע״ באַקלאָגט זייער העלד, ווען מענס בלוט די דעבע האָט אויסגעזויגן, איז ער מיט אַמאָל אַ צובלוטיקטער געקומען, רייטנדיק אויפן פערד און נאָכשלעפנדיק די טויטע דעבע.

אַבו־דיאבס נאָמען איז געוואָרן באַוווסטער און באַוווסטער.

די אַראַבער פון שבט האָבן גענומען אַ גרויסן דראָנג, אַריינגעקלאַפּט אין דער ערד נעבן זייערעביידלעך און אויפן שפּיץ פון דעם דראָנג איז געהאָנגען די באַזיגטע דעבע. דאָס איז געווען אַ צייכן פאַר אַלעמען, אַז צו דער גבורה און גרויסקייט פון דעם שבט איז גאָר קיין גרענעץ נישטאָ!..

1) **אבו־דיאב** — דער פאָטער פון וואָלף.

2) **„מאַדאַפע״** — אַ פּלאַץ, ווו אַראַבער זיצן און פאַרברענגען און נעמען אויף געסט.

3) **דעבע** — זע אַריינפיר.

4) **ביאר אַבו כאַדרע** — דער ברונעם פון אַבו־כאַדרע.

דאָס שטיינדעלע אין דער בירקע

באַזיצן אַ פרוי ?

— וואָס ווייסן מיר פון באַזיצן אַ פרוי ? אַ פייגעלע אין אַ שטייגל שפּרינגט און זינגט און דערפרייט די נשמה — און אָט איז געווען אַ פייגעלע, עפּן נאָר אַ קליין טירעלע — שוין נישטאָ. אויס פייגעלע ! עס איז אַ סוד אַ גרויסער דאָס באַזיצן אַ פרוי. הערט וואָס האָט פּאַסירט מיט כאַסאַן אַראַנדעסן, און כאַסאַן מעגט איר וויסן האָט קיין ביכער נישט געלייענט און נישט פון פּאַפּירענע קוועלן האָט ער זיין חכמה געשעפּט. ווי אַ גראָז אין פעלד האָט ער פון דער ערד געזויגן. זיין ווייטיק וואַקסט גלייכער, זיין נסיון איז קלאָרער ווי אונדזערע פּאַרפּלאָנטערטע, און צוגעפּוצטע אַלעען און גאָרטן־שטעגן.

איז גוט צו זיצן אין אַ פאַרנאַכט ביים טויער פון אַ פּרדס און זיך צוצוהערן, וואָס כאַסאַן אַראַנדעס דערציילט.

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגייען. דאָס קלאַפּן פון די פּיאָשן האָט אויפגעהערט אָפּצוהילכן איבערן דאָרף. עס הערט זיך נאָך דער לעצטער טאַק־טאַק פונעם מאָטאָר ביים ברונעם. אויפן שפּיץ פון אייזערנעם טויער פון פּרדס האָבן זיך נאָך צוויי פייגעלעך געריינֿיקט די שנעבעלעך אין אייגענעם פּוך און נאָכדעם געשאַרפּט זיי אָן דער שאַרף פונעם אייזן. נאַקעט און אָפּגעשאָרן זענען געווען די געלע אַקאַציע־ביימער און צווישן זיי האָבן זיך געפּויזעט יונגע דינע יאַשטשערקעס, און טשערעפּאַכעס, געשלעפּט זיך ווי אַ שווערער אָנגעלאָדענער וואָגן מיט משא. אַ קליין ווינטעלע האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן פון די בערג אַרום און האַרבער געמאַכט דעם ריח פון מאַראַנצן־בלי, וואָס האָט אַרום ווי פאַרשיכורט.

פאַרכמורעט נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט איז זיך געזעסן ביים טויער כאַסאַן אַראַנדעס, דער יונגער באַיאַרדזשי. מיט די שפּיץ פינגער האָט ער געהאַלטן ביים שטענגל פון אַ גרין בלעטל און נישט אַראָפּגעלאָזט דערפון די אויגן. איך בין גראָד געקומען צו אים. אַ גרויסער טרויער האָט זיך באַזעצט אויף זיין פּנים.

— וואָס איז דיר, אַראַנדעס, וואָס זיצסטו אַזוי פאַרטראַכט און פאַר־זאָרגט? זאָרגסט דו וואָס דער מלקוש (רעגן) האָט זיך פאַרשפּעטיקט? אָדער אפשר טרויערסטו גאָר נאָכן קעלבעלע, וואָס דער עפענדי האָט פאַרקויפט צו שחיטה? זאָג אַראַנדעס, וואָס נאָגט דיר אַזוי אויף דער נשמה?

אַראַנדעס איז דערציטערט געוואָרן, ווען ער האָט פּלוצלונג, אין אָט דער פאַרטראַכטעניש, לעבן זיך דערהערט מיין קול. דער אַמאָליקער „שאַ־באַב" האָט זיך אין אים אָנגעצונדן. פלינק ווי אַ וועווערקע האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי דער רעכטער זייט, אַקוראַט ער וואָלט דאָרט נאָך אַ שווערד געהאַט, צי אַ בליאַסקענדיקן קינזשאַל, ווי אין די גוטע צייטן. ער האָט אָבער מיך, זיין פריינט דערזען, און האָט זיך אָפּגעקילט.

— קוק, כאַוואַדזשאַ, — האָט ער מיט אַ ציטערדיק קול אַרויסגעזאָגט — זאָג מיר פון וועלכער זייט בלאָזט עס דער ווינט? אויף וועלכער זייט דרייט זיך דאָס בלעטל?

זיינע מאַטעווע אויגן זענען נאָך אומרויקער געוואָרן. דאָס מויל געעפנט, גרייט צו הערן אַ תשובה, און די תשובה איז אים קענטיק געווען אַזוי חשוב, פונקט ווי די וועלט קען דערפון אונטערגיין.

— אַראַנדעס! — האָב איך געזאָגט — קוק זיך צו און זע, אַז קיין דרום בלאָזט דער ווינט.

— קיין דרום? האָט ער אויפגעציטערט — פאַרפאַלן... פאַרפאַלן... גרויס איז די שטראָף פון אַללאַ!..

— ווערסט נישט פאַרשטיין, כאַוואַדזשאַ, נישט ווי ביי די מאָסקאָב איז ביי אונדז... בעדואינער זענען אַנדערש...

דאָס ווינטל איז שטאַרקער געוואָרן און אָנגעטראָגן אַ פייכטקייט. די געלע טרוקענע זאַמד ביים טויער האָט פון דער פייכטקייט אַ טונקל־ברוינעם קאָליר געקראָגן. שטיל איז ביים טויער, עס הערט זיך, ווען אַ טרוקן בלעטל פאַלט אַראָפּ פון בוים און גוססט. אַראַנדעס רירט זיך נישט פון פלאַץ און דאָס בלעטל צווישן זיינע פינגער איז ווי צו דער האַנט צוגעקלעפּט.

— פון איין ברונעם טרינקען מיר דאָך וואַסער — האָב איך געזאָגט מיט מיטגעפיל. — וואָס האָט עס דיר דער דרום־ווינט אַזוינס געבראַכט? דערצייל, אַראַנדעס!

פּאַמעלעך, אַפילו נישט פילנדיק, האָט ער אַרויסגעלאָזט דאָס בלעטל פון צווישן די פינגער, אָפּגעזיפּצט, די קופּערנע ברוינע ברוסט האָט זיך געהויבן הין און צוריק, ווי אַ כוואַליע ביים ברעג פון שטורעמדיקן ים. ווי אַ צאַפּלדיק קינד צו דער מאַמען, אַזוי האָט ער זיך געריסן צו עפּעס, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין גאַנצן לעבן. צום סוף האָט ער זיך נישט איינ־געהאַלטן און אָנגעהויבן אַרויסרעדן, דערציילן פון אַלץ, וואָס דריקט אים אַזוי אויפן האַרצן.

און אַזוי האָט ער דערציילט:

איינמאָל האָב איך מיין אַסילע אויסגעפּוצט. אויסגעוואַשן, אויסגעקעמט, יעדן האָרעלע האָט מען געקענט איבערציילן, גלאַט איז זי געווען, ווי דינער דורכזיכטיקער זייד. איך אַליין בין געווען אויסגעפּוצט אין אַ נייער אַבּאַיע און מיין שווערד האָט געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל קעגן דער זון. געלאָזט זיך צו די געצעלטן פון די עראַב אויף אַ גרויסער „פאַנטאַזיע". די זון האָט שטאַרק געברענט און איך אויף אויף דער אַסילע בין געפלויגן ווי אַן אָדלער איבער טאָל און בערג. אַ שאָטער בין איך דעמאָלט געווען, און איין רייטן אויף פערד, ווער האָט מיך געקענט איבעריאָגן? און דאָ האָט זיך מיר שטאַרק פאַרוואָלט אַ טרונק. האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי די געצעלטן אויפן וועג. אָנגעקלאַפּט אין אַביידל און אַ טרונק וואַסער געבעטן. האָט זיך אַ מלאך פון הימל צו מיר באַוויזן און מיר אַ קריגל וואַסער דערלאַנגט. יאָ, איך בין זיכער געווען, אַז דאָס איז אַ מלאך געווען! ווי נאָר איך האָב אויף איר אַ בליק געטאָן, אַזוי האָב איך דערפילט, אַז מיין האַרץ ווערט שוואַכער און שוואַכער. דער קאָפּ איז מיר מיטאַמאָל שווער געוואָרן און איך האָב דערפילט, אַז מיין האַרץ קלאַפּט ווי די רעדער פון אַ באַן, ווען זי לויפט... אַזוי שיין איז זי געווען! האָב איך פון איר קריגל וואַסער גע־טרונקען און נישט געקענט אַהינרייטן צו דער „פאַנטאַזיע". איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אַהיים, אָפּגעלאָזט מיין אַסילע אַ פאַרשעמטע און אַליין האָב איך זיך געדרייט אויף דער קילער ערד, דאָ אַהער, דאָ אַהין און קיין פלאַץ זיך נישט געקענט געפינען. מיין האַרץ איז שוין מער מיט מיר נישט געווען — דאָרט ביי די עראַב, דאָרטן ביים ביידל וווּ זי איז, דאָרטן איז מיין האַרץ פאַרבליבן. איך האָב דערפילט, אַז אָן איר וועל איך נישט קענען

לעבן און בין צו מיין אַלטן פעטער אַוועק. כ׳האָב אים אַלצדינג אויסדער־ציילט.

— דו, דזשאַכעש איינער — האָט דער פעטער האַלב אין שפּאַס און האַלב אין כעס געזאָגט — גיי און האָב אין זינען דיין אַרבעט, ווייסטו כאָטש דעם גרויסן יחוס פון יענע עראַב? קאָן די זון צו דער ערד קומען? אַזוי קאָנסטו פון דאָרטן אַ טאָכטער אַרויסנעמען...

— נאָך פינף טעג און די לבנה וועט פון הימל נישט בלייבן, ווען די לבנה וועט זיך מער נישט באַווייזן אָנהייב נאַכט, דאַרף לאַטיפאַ מיינע זיין, ווען נישט — דיין נשמה!... — אַזוי האָב איך געענטפערט.

די גאַנצע צייט האָב איך זיך נישט באַוויזן פאַרן פעטערס אויגן, און אַז די לבנה האָט זיך שוין מער אָנהייב נאַכט נישט באַוויזן, האָב איך אָנגעגאַרט מיין שווערד און בין אַוועק צום פעטער.

— קום נאָר אַהער דו, דזשאַכעש — האָט מיך דער פעטער שוין באַ־געגנט — הער מיך גוט אויס און מיט אַללאַס הילף וועט אַלצדינג גוט זיין!..

האָב איך צוגעהערט און דער פעטער האָט דערציילט: ער האָט שוין גאָרנישט געשוויגן אין דער מעשה, ער האָט שוין אַפילו מיט איר משפחה גערעדט און זיי זענען שוין דורכגעקומען אויך: זיי וועלן מיר לאַטיפאַן פאַר אַ ווייב געבן, נאָר מיין שוועסטער כאַדידזשע דאַרף צו זיי אין שבט איבערגיין. חוצדעם וועל איך נאָך דאַרפן צוצאָלן צוואַנציק גאָלדענע נאַפּאָ־לעאָנס. און מער האָט דער פעטער דערציילט, ער האָט זיך שוין מיט אונ־דזערע קרובים דורכגערעדט און מ׳וועט מיר די צוואַנציק נאַפּאָלעאָנס בסוד אויסבאָרגן. איר משפחה דאַרף פון דעם נישט וויסן און נאָכדעם וועל איך פון מיינע פאַרדינסטן בגנבה מוזן אָפּשפּאָרן ביסלעכווייז און דאָס געלט אָפּצאָלן. דער פעטער האָט געענדיקט מיט אַ שטורך מיר אין זייט: דו, העלד מיינער!...

אַזוי קליין און נישטיק האָב איך זיך דעמאָלט געפילט מיט מיין אַלטן, שוואַכן פעטער. מיין גליק האָט אָבער קיין גרענעץ נישט געהאַט!..

נאָכדעם זענען די משפחות פון ביידע צדדים געגאַנגען צוגאַסט איינע צו דער אַנדערער. אַהין, צו איר, זענען די ווייבער געגאַנגען, אויסגעפּרוּווט זי, צי איז זי אַ גוטע באַלעבאָסטע, צי וועט זי זיין אַ געטרייע ווייב, און ווען

זי האָט זיי מכבד געווען פון איר אייגן געקעכץ, האָבן די ווייבער בגנבה אין איר טעלער זאַלץ געשאָטן, צוצוזען, צי ווייס זי די מאָס פון זאַלץ אין גע־קעכץ. און מיט נאָך אַזוינע זאַכן האָט מען זי געפּרוּווט, ווי דער שטייגער איז. די מענער, ווידער, פון איר משפחה, זענען אַהער געקומען צו זען, ווער איז דאָס דער, וואָס האָט דעם כבוד איינע פון די שענסטע טעכטער פון זייער שבט אַרויסצונעמען? געזען, צי בין איך אַ גוטער רייטער, צי קען איך טרעפן ווו מ׳באַדאַרף ביים שיסן. נאָכדעם האָט מען זיך מיט מיר געבאָרעט און אין נאָך אַזוינע זאַכן מיך געפּרוּווט. און ווען ביידע צדדים זענען אויפן שידוך איינגעגאַנגען, האָט מען זיך געזעגנט, מיטגעגעבן איינער דעם צווייטן מתנות, אַ געשאַנק אין נאָמען פון אַללאַ, און פאַר איינוועגס באַשטימט, ווען די חתונה וועט פאָרקומען. איז דאָס, כאַוואַדזשאַ, געווען אַ חתונה! נישט אַלע מאָל זעט מען אַזאַ. ביזן ווייסן טאָג אַריין האָט מען געטאַנצט, געהוליעט און געלאָזט זיך ווילגיין, ווי עס פּאַסט פאַרן יחוס פון די עראַב.

יאָרן זענען פאַרביי, און איך האָב זיך רויִק געלעבט מיט מיין לאַטיפאַן. וואָס אַ טאָג אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן מיין ליבשאַפט צו איר. זי איז געוואָרן דאָס שוואַרצאַפּל פון מיין אויג. דריי קינדער האָט זי מיר געבוירן, און געדוכט האָט זיך מיר, אַז דער מלאך פון גוטסקייט און האַרציקייט האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקלשטוב פון מיין משפחה. די טעג זענען געווען ליכטיקע, ווי די שטראַלן פון דער זון, און די נעכט גאָלדענע, ווי גאָלדענע קינדער פון דער לבנה.

פלוצלונג האָט אַראַנדעס איבערגעריסן, פאַרטראַכט זיך, און אַ שטאַר־קער זיפץ האָט אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט. זיינע אויגן האָט ער אַרונ־טערגעלאָזט. די ערד האָט דערפילט, אַז דאָס קוקט אויף איר איינער, וואָס טראָגט אויס אַ גרויס ווייטיק און פאַרדרוס אין זיך.

— וואָס־זשע האָט געטראָפן אַראַנדעס? פאַר וואָס נעמט עס אַ מענטש און ציט אויף זיך אַליין אָן אַ מאַנטל פון טרויער און יאוש, דעמאָלט ווען דאָס גליק שיינט אַריין אין זיין שטוב?

— יאָ, עס איז גרינג צו פרעגן, ווען מען ווייס נישט; אַ תהום איז די מענטשלעכע נשמה — האָט אַראַנדעס פאָרגעזעצט — אָן אַ גרונט איז זי און גיי דערגיי וואָס דאָרטן טוט זיך!

און איצט איז לאַטיפּא אויפן גרויסן געוועש צו איר משפּחה געגאַנגען, אַהין אין דרום־זייט, ווו עס זענען אויסגעשפּרייט די געצעלטן פון די עראַב, איר שבט. דאָרט וועט מען אַלצדינג וואַשן, סיי די לייוונט פון די ביידלעך און סיי די טאַרבושן פון די קעמלען. אַלצדינג ווערט ריין געוואַשן און גע־טריקנט אויפן פרייען פעלד ביים שיין פון דער זון, און הגם איר אייגענע משפּחה וועט שוין אַליין גוט אַכטונג געבן, זי זאָל אַפילו אין געדאַנק נישט בוגד זיין קעגן איר מאַן, — איז דאָך קיינער נישט זיכער, אַז ערגעץ אונטער אַ ביידל ליגט פאַיז, דער אַלטער בחור, דער וואָס איז נאָך ביז היינטיקן טאָג אַ בחור געבליבן, ווייל זיין האַרץ האָט ער נאָך פון דער יוגנט אָן אַוועק־געשענקט איר, לאַטיפּאַן. אין דער שטיל האָט ער עס געטאָן, קעגן דעם ווילן פון די עלטערן און ברודער, זי האָט ער ביי זיך אין האַרצן פאַרפלאַנצט און טיף, כאַוואַדזשאַ, זענען די וואָרצלען, קענסט זיי קיינמאָל נישט אַרויסרייסן, סיידן אינאיינעם מיט זיי אויך דעם גאַנצן קערפּער פון פאַיז. און זיכער איז דאָך, ווי דער טאָג, אַז ער וועט זיך נישט קענען באַגעגענען מיט איר, אַפילו איין־איינציק וואָרט וועט ער נישט קענען מיט איר אויסריידן, דערויף וועט שוין איר משפּחה צוזען. אָבער ווער קען דאָס קאָווירן, כאַוואַדזשאַ, אַז אַזוי ליגנדיק לאַנג אונטערן ביידל און אַרויסקוקן פון אונטן וועט זיך דאָך זיין בליק מיט אירן נישט אָנטרעפן? און וועט זי נאָר איין מאָל אירע ברענענדיקע אויגן אויפהייבן, אַזוי ווערט פאַיז אָן אַנגעצונדענער פון גליק, און ביי מיר דאָ פלאַצט גלייך די נשמה. און אַז דער ווינט האָט אויף דרום געבלאָזן, האָט ער זי שוין פון מיר אויף אייביק פאַרטריבן. פאַרפאַלן!.. פאַרפאַלן!.. נישט אַללאַ איז דער, וואָס שפּילסט זיך מיט אים!..

די באַיאַרע איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ שוואַרצן שאָטן. לויפן שאַ־קאַלן פאַרביי די ביימער, פינקלען זייערע אויגן. גראָבט אַ קראָט שטילערהייט די ערד איבער זיך און לאָזט איבער פון אויבן בערגלעך נאַסע און שוואַרצע ערד. האָט זיך אויבן, אויפן דאַך פון מאַטאַר־שטיבל באַזעצט אַ שוואַרצע קראָ און אונטן אין זיין אייגענעם שטיבל ליגט אַראַנדעס אויף דער ערד אויף אַ ראָגאָזשע. ער קען נישט איינשלאָפן און ראַנגלט זיך מיטן שטן, וואָס האָט דעם שלעכטן דרום־ווינט געבראַכט און זיין גליק פון אים אויף שטענדיק גערויבט...

✶

איז אַ וואָך אַריבער און לאַטיפאַ האָט זיך פון גרויסן געוועש צוריק־געקערט.

— אַראַנדעס, אַראַנדעס! — האָב איך אים געזאָגט מיט שמחה — אומזיסט איז דאָך געווען דיין צער! אומזיסט האָסטו וועלטן איינגעלייגט! אַ ליגנער, אַ ליגנער איז דער דרום־ווינט! כ׳האָב דאָך היינט לאַטיפאַן מיט מיינע אייגענע אויגן געזען!

— ניין, כאַוואַדזשאַ, נישט אמת, האָסט לאַטיפאַן נישט געזען.

— וואָס הייסט, איך האָב זי נישט געזען? כ׳קען זי דאָך שוין באַלד דריי יאָר! עס איז דאָך נישט מעגלעך, איך זאָל קוקן אויף אַן אַנדערער און מיינען אַז דאָס איז זי? אָט ערשט מיט אַ האַלבער שעה צוריק איז זי פאַרביי־געגאַנגען פון ברונעם מיט אַ קרוג וואַסער אויפן קאָפּ! אַראַנדעס, כ׳האָב זי דאָך אַליין געזען!..

— ניין, כאַוואַדזשאַ, דאָס האָסטו נאָר איר גוף געזען, אָבער נישט איר נשמה; איר נשמה איז פאַרבליבן דאָרטן ביי די עראַב, דאָרט וווּהין דער דרום־ווינט האָט געטריבן. קום, כאַוואַדזשאַ, מיט מיר צו דער בירקע וואַסער, וועל איך דיר עפּעס באַווייזן...

דאָס וואַסער אין דער בירקע איז געווען ריין ווי קרישטאָל, ווי אַ גלאַ־טער סאַמעט. האָט דאָס אויסגעזען, אַז דאָס וואַסער איז געגאַנגען שלאָפן און האָט דעם לעצטן אָטעם אין זיך איינגעשפּאַרט.

— קוק, כאַוואַדזשאַ, זעסטו ווי אַלץ איז אַזוי דורכזיכטיק? מ׳קאָן דאָך אַלצדינג זען, וואָס עס טוט זיך אויפן גרונט פון דער בירקע, זעסטו?

— יאָ, אמת.

— איצט קוק!

אַראַנדעס האָט אַריינגעוואָרפן אין דער בירקע אַ צוגעגרייט קליין שטיינ־דעלע. דאָס וואַסער האָט אויפגעברויזט. זיך גענומען בולבען, רעדעלעך זענען געוואָרן ברייטער און ברייטער, גרעסער און גרעסער.

— איצט, כאַוואַדזשאַ, קוק, צי קען מען עפּעס אַרויסזען וואָס עס טוט זיך אויפן גרונט פון דער בירקע? און זעסטו, אַז דערצו איז גענוג געווען אַ קליין שטיינדעלע אַריינצוואַרפן? דאָס אייגענע איז אויך דאָ: גענוג איז,

אַז אַ בליק פון פּאַיז און לאַטיפּאַן זאָל זיך צונויפטרעפן, מ׳זאָל מער נישט קענען זען, וואָס עס טוט זיך אויפן גרונט. פּאַרפּאַלן... אַזוי, כּאַוואַדזשאַ, איז דאָס געווען און אַזוי וועט עס שטענדיק בלייבן...

— אָבער אַראַנדעס, זע נאָר די בירקע, זי איז דאָך שוין ווידער קלאָר! מ׳קאָן דאָך שוין ווידער זען, וואָס אויפן גרונט טוט זיך, דאָס וואַסער האָט זיך דאָך זייער גיך איינגעשטעלט!

— יאָ, אָבער דאָס שטיינדעלע, כּאַוואַדזשאַ, דאָס שטיינדעלע וועט דאָך אויף שטענדיק דאָרט אין דער בירקע בלייבן, און זאָל אַפילו דאָס וואַסער נאָך לויטערער ווערן ווי פריער, וועט דאָס שטיינדעלע אַלץ פון דאָרטן נישט אַרויס!..

✶

זשומען די בינען און טרינקען דעם זאַפט פון די בליענדיקע מאַראַנצן. ברענט די זון און פאַרברענט אַלע גרינע גראָזן, וואָס קענען זיך נישט ראַטעווען און גייען אויס פון דאָרשט. אַרבעטן האַסטיק פּיאָשן און צעשטערן נאָרעס פון מוראַשקעס. ווערט אַ געפּילדער, אַ געלויף פון די קליינע באַשע־פעניש... האָט דער גרויסער הונט זיך צעלייגט אויף די טרעפּ פון דער בירקע, די צונג אין דרויסן, די אויגן פאַרמאַכט און אָטעמט אַזוי האַסטיק, פּונקט ער וואָלט וועלן נאָכמאַכן דעם טאַק־טאַק פון מאָטאָר. זיצט לאַטיפּאַ ביי אַ קליין פייערל און באַקט פּיטעס אויף אַ בלעך. דעמאָלט פּאַרטוט זיך אַראַנדעס שטאַרק אין זיין אַרבעט און אויף זיינע ליפּן אַ קללה דעם דרום־ווינט, וואָס האָט זיין גליק אויף שטענדיק געראַבט...

באַיאַרדזשי — אַן אַרבעטער אין אַ פּרדס וואָס אַרבעט ביים ברונעם.
שאַטר — חברה מאַן.
דזשאַכעש — אַ קליין אייזעלע.
נאַפּאָלעאָנס — גאָלדענע מטבעות מיט נאַפּאָלעאָנ׳ס בילד אויף זיי אויסגעקריצט.
באַיאַרע — אַ פּרדס פון ציטרוס פרוכט מיט אַ ברונעם אינוויינ׳יק.

אין בעלעד

1. פֿרימאָרגן

אַ קילער ווינטל לויפֿט פֿאַרביי, פֿאַרטראָגט זיך ווייט, ווייט צווישן די בערג. לעצטע שפּורן פֿון שטילער נאַכט, אויף די בערג באַדעקטע מיט גרויען הייטל לייגן זיך אויס טראָפּנס טוי איינע לעבן דער צווייטער און דערקוויקן דאָרשטיקן שטיין און פֿעלדז פֿון באַרג. יאָגט דער הימל און פֿאַריאָגט געדיכטע וואָלקנס שפּאַצירנדיקע, טרייבט און פֿאַרטרייבט זיי אין ווייטע עקן פֿון דער וועלט. טראָגן וואָלקנס מיט זיך שטילע סודות פֿון רויִקער נאַכט. לעשן זיך איינציקווייז אויס און פֿאַרגייען שטערנדל נאָך שטערנדל. רוקט זיך אָפּ אַן אַ זייט די פֿאַרגייענדיקע לבנה און פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, מיט גרויס גאווה שיילט זיך די זון פֿון הימל אַרויס. גלייכן זאַנגען זיך אויס אַנטקעגן דער זון, ווערן ביימער פֿריילעכער, בלעטלעך איינגעקאָרטשעטע צעלייגן זיך אין דער ברייט. צווישטשען פֿייגעלעך, גלייכן הינער און קאַטשקעס אויס ביינער אין די שטייגן און וואַרטן ביז דאָס טירל וועט פֿריי ווערן. ווערט אויפֿגעריגלט טויער, אויפֿגעפּראַלט טיר. לאָזן זיך קיעלעך, שאָף און ציגן פֿון טויער אַרויס גרייט אַ גרעזעלע צו זוכן. שלעפּט אַן אייזל אַן אַקער אויף זיין קאַרק. שאָרשקען קרעלן און גלעקלעך קלינגען אויף די העלדזער פֿון קעמלען. ווערן קלייטן אויפֿגעעפֿנט. ליגט דער מאַרק אויסגעשפּרייט מיט אַל דאָס גוטס. שטעלט מען בענקלעך אויס אין הויף פֿון קאַפֿע־הויז. פֿירט אַן אייזל קעסטלעך פֿול מיט עופֿות איינגעקאָרטשעטע צום מאַרק. מולטערס פֿול מיט פּיטעס ווערן געטראָגן אין דער לופֿטן אויף די קעפּ פֿון די בעקערס און פֿאַרקויפֿערס. ווערט די זון ליכטיקער און ליכטיקער. איילן זיך גלייביקע פֿון מעטשעט און צום מעטשעט, דאַנקען זיי און לויבן אַללאַ פֿאַר דעם אָנהייב פֿון אַ נייעם טאָג.

2. מאַרק

קעמלען אָנגעלאָדענע און אויסגעלאָדענע; אייזלען מיט פולע און ליי־דיקע זעק פוןביידע זייטן אויף זייערע רוקנס; קעסטלעך פול מיט טרויבן איינגעדעקט מיט גרינע ווײַנשטאָק־בלעטער. שטעלן פול מיט גרינסן: רויטע פּאָמידאָרן, קוסעלעך, אוגערקעס, פעפערלעך רויטע און גרינע און גראָזן כלערליי. יאָדערן געטריקנטע, פון מעל געמאַכטע זיסוואַרג. געפלאָכטענע ראָגאָזשעס, קעמעלעך, קרעלן און פּאַטשערקעס. קליינע שפּיגעלעך מיט אַ רויטער בלום אויסגעמאָלט. שיך פון האָלץ געטאָקטע, ליימענע טעפּ און קריגלעך פון די בערג געבראַכטע, זעקלעך תבואה. קעסטלעך אָנגעפּאַקע־וועטע מיט הינער און פאַרשמאַכטע טײַבעלעך. שטעלן פולע מיט פרישע פאַרברויניטע פּיטעס, בייגל מיט סומסום־קערנער אויסגעבאַקטע, קיכן גאַנצע מיט געפּרעגלטע פליישן. געפעפערטע קאָטלעטן. שיסעלעך מיט סמעטענע און זויערמילך, קעז געזאַלצענע געוויקעט אין בוימל. בהמות, אייזלען און געוואַשענע אויסגעפּוצטע פערד צו קויף און פאַרקויף. קוקט מען זיי אין די ציין. הילכט אָפּ אַ פּאַך פון אַ בייטש אין דער לופטן. קלינגען ברוינע קופּערנע טעצעלעך און פון לאָגלען ווערן זיסע, רויטע געטראַנקען פאַרגעלייגט און אויסגעזונגען: בוזאַ יאַ בוזאַ!..

זיצט אין אַ ווינקל די טרעפּערקע און פּאָר עטלעכע מטבעות דערציילט זי פון גליק און פון אומגליק. דרייען זיך קינדער אין די העמדלעך, באָר־וועסע, מיט אייגעלעך פאַרקלעפּטע, מיט נעזלעך באַנעצטע און שלעפּן מיט אויפן פּנים אַ סטאַדע מיט פליגן. שיינט די זון אַריין. דרייט מען וואָנצעס. קלאַפּן צו הענט. איינס־צוויי און מער. זשומעט דער מאַרק אַרום:

— פייגן, פרישע, פייגן, זיסער פון האָניק!

— בוזאַ יאַ בוזאַ. זיס און קאַלט!

— קויף, ברודער, זע ווי יונג דאָס פערדל, פלינק ווי אַ הירש!

— טרינק זשע ברודער מיין געטראַנק,
ס׳איז פון אַללאַ אַ געשאַנק!

ווערט אַן אוגערקע צעשניטן. סטאַרטשען קליינע קערנדלעך אַרויס:

— זע ברודער, פריש און געשמאַק ווי דער גאָרטן אַליין!

אַראַבעסקן

— פיטעס און אייער, לאָזט אייער האַרץ נישט פאַרשמאַכטן!

— בחיאַט אַללאַ! איך קען נישט ברודער!

— קויף די שקאַפּע, אַן אַסילע איז זי, פון גרעסטן יחוס!

— בוזאַ, יאַ בוזאַ!..

דער געפילדער, די אויפגעדעקטע פרוכטן און גרינסן אויף דער ערד, הירזשענדיקע פערדלעך און רעווענדיקע אייזלען מישן זיך אויס — טראָגט זיך אין דער לופטן אַ מיש־מאַש און פאַרטראָגט מיט זיך דעם געשריי: מ אַ ר ק!..

בעלעד — אַ שטאָט.
גאָרען — אַ שייער.
בוזאַ יאַ בוזאַ — אַ נאָמען פון אַ געטראַנק.
פּיטע — אַראַביש ברויט.
בחיאַט אַללאַ — ביי גאָט!

עקסטאַז

עס קענען שאָף אויף דער פּאַשע היינט מוסטאַפּאַן נישט פּאַרשטיין. נישט פון היינט איז ער דאָך מיט זיי. און אפשר איז ער היינט גאָר נישט ער?

— טאָ וועד זשע איז עס אָט דער, וואָס שטעלט זיך אויף די קני און שפּרינגט אין איינעם מיט זיי?

— וועד זשע איז עס אָט דער, וואָס עפנט ברייט זיינע אויגן און קוקט טיף, טיף אין הימל?

— וואָס זשע זוכט ער היינט אין הימל?

— ס׳איז דאָך נישט קיין שעפּעלעך און נישט קיין לעמעלעך וואָס שוועבן פון אויבן אין הימל. עס זענען דאָך בלויז וואָלקנדלעך, וואָס לויפן און ווערן דערטרונקען אין אַ גרויסער כמאַרע. טאָ וואָס זשע טראַכט ער מוסטאַפּאַ?

— אַך מוסטאַפּאַ, דו יונגער פּאַסטעך פון זאַרנוקאַ! גיי דערצייל זיי, דיינע שעפּעלעך, כאַפּ אָן דעם אַלטן באַראַן ביי די הערנער, שלעפּ אים צו צום פעלדז, זעץ זיך און דערצייל. זאָלן אַלע הערן, זאָלן אַלע וויסן. דערצייל זיי אין דער שטיל און זאָל דער קול דיינער ווערן העכער און העכער, זאָל ער זיך דערטראָגן דורכן טאָל, זאָלן שעפּעלעך וויסן, אַז מוסטאַפּאַ איז אַזוי גליקלעך, אַז ער ווייסט אַליין נישט וואָס צו טאָן מיט זיך... שווער זיך ביים קליינעם טייכל, מוסטאַפּאַ, לייג זיך אויס אויף דער ערד און שריי!.. שריי!..

נאָר עס שלעפּט נישט מוסטאַפּאַ צו זיך דעם אַלטן באַראַן. ער לאָזט אים אָפּ פון אויג, זאָל ער שפּרינגען אויף די שאָף, היינט מעג מען! היינט איז אַלץ!..

ער קוקט אויפן הימל, אויף די בערג אַרום. ער הערט זיך צו די גלעקער פון קאַראַוואַנען, וואָס גייען ערגעץ ווייט, און ער אַליין טרינקט זיך אין זיסע געדאַנקען. פון דערוווייטנס פילט זיך אַ רויך פון דאָרף זאַרנוקאַ. ער ווייסט גוט, וואָס דער רויך באַדייט. ער וואָלט איצט דעם רויך געשלונגען, נאָך

און נאָך... דאָס באַקט זאַרנוקאַ גוטע זאַכן און גרייט זיך צו דער גרויסער „פאַנטאַזיע״ היינט ביינאַכט. מוסטאַפאַ וועט היינט חתונה האָבן מיטן שיינדל פון דאָרף, מיטן שטאָלץ פון זאַרנוקאַ, מיט דער שיינער טעלידזשע, פאַר וועלכער ער האָט גאַנצע אַכט יאָר געפּאַשעט שאָף. אין זיינע אָרעמס קומט זי היינט און, פּונקט ווי ער, איז זי צופרידן און וואַרט אויף דעם גליקלעכן טאָג. ליב האָט זי אים ווי ער זי. און היינט! היינט!

טאָ גיי מוסטאַפאַ דערצייל די שעפעלעך, ווי עס קלאַפּט דיין האַרץ! דערצייל זיי, אַז נאָך מער ווי דער הימל איז די ערד געטריי!.. אפשר, מוסטאַפאַ, וועסטו דאָך שרייען אַביסל אויפן קול, האַ, מוסטאַפאַ? צו לאַנג איז דער טאָג, און די זון זי רירט זיך היינט פון אָרט נישט — שריי, מוסטאַפאַ, שריי!..

קומט אַ יונג שעפעלע און רוקט דעם קאָפּ אַריין צווישן זיינע קני, צעלאַכט זיך איצט מוסטאַפאַ אויפן קול. בלאַנקען זיינע ווייסע ציין. דעקט ער צו דאָס שעפעלע מיט אַ שפּיץ פון זיין אַבאַיע, דריקט עס זיך מער צו אים. לאַכט מוסטאַפאַ נאָך הילכיקער און קוקט אויפן רויך וואָס גייט פון זאַרנוקאַ. שטאָלצער פון דער גאַנצער וועלט איז ער! און אַז ער איז איצט אַליין מיט די שאָף אין טאָל איז וואָס? אָט וועט זיך באַלד די זון זעצן, וועט ער אַריינקומען מיט זיינע שאָף אין דאָרף און אַלע וועלן צו אים שמייכלען:

— היינט, מוסטאַפאַ, היינט?

— וועט ער אַלעמען ענטפערן. פאַר יעדן אַ גוט וואָרט:

— היינט!..

— היינט!..

— היינט!..

*

דאָס דאָרף זאַרנוקאַ האָט ריין געמאַכט אַ פּלאַץ ביים שייער. מיט וואַסער אויסגעשפּריצט דעם זאַמדיקן באָדן. אַ גרויסן שטורקאַץ מיט אַ קנויט פון נאַפט אָנגעצונדן. טעלעכע בענק פאַר חשובע געסט צוגעשטעלט און שיסעלעך קליינינקע, פול מיט פיסטאַשקעס, צוקערלעך רויטע און געטריי־קנטע, אַרבעס מיט האָניק באַשמירט, אַ מחיה! ווער ווייסט נאָך בעסער דעם טעם פון גוטע זאַכן? און דער אַלטער סאַלים האָט שוין די אוד מיט די

סטרונעס געבראַכט, און קיין פּייקל פּעלט אויך נישט, און ווער ווייסט דען נישט, אַז בעסער, ווי עס שפּילט יאַסין אויפן פּייפל, שפּילט נישט קיינער אויף דער וועלט. און אין טאַנץ ביזן טאָג אַריין וועט זיך זאַרנוקא היינט ביינאַכט צעלאָזן. ווייבער פון דערוויטנס מיט פאַרדעקטע פּנימער וועלן אויסרופן, צוגעבן לוסט צום טאַנץ, און אַליין אין אַ זייט צווישן זיך אויך טאַנצן. און מ׳וועט ביים חתן טאַנצן און מ׳וועט ביי דער כלה טאַנצן און שיינע ווערטער פון קאָראַן וועט מען זאָגן און זאָל דער הימל אַן עדות זיין, אַז עס ווייסט זאַרנוקא, דאָס אַלטע דאָרף, ווי מ׳דאַרף אַ יונג פּאָרל אין זייער ניי לעבן אַריינפירן...

טראָגן מענער מוסטאַפאַן איבערן דאָרף אין דער הייך. אַרום און אַרום די דאָרפישע מיט ברענענדיקע שטורקאַצן. גייט מען איבער דער גאַס. קינדער לויפן נאָך און דער יונגער אַכמעד גייט פאָרויס מיט שווערד אין האַנט. זינגט ער פאָר:

— נישט אויף הימל
נאָר אויף דער ערד
לאָמיר זי פרייען
טאַנצט נאָך מיין שווערד !...

ענטפערן אַלע און פּלעסקען מיט די הענט:

פון זאַרנוקא היינט דער האָר
מוס־טאַ־פּאַ, מוס־טאַ־פּאַ
ס׳ווייסט די נאַכט נישט היינט פון צער...

און מוסטאַפאַ טראָגט זיך אין דער לופטן. בייטן זיך די הענט. אָט טראָגן אים די און אָט שוין אַנדערע. מ׳רייסט זיך איבער אים. אַ זכיה איז עס צו טראָגן אַ חתן אין דער נאַכט פון זיין חתונה. און ביי דער כלה זענען אַלע ווייבער פון דאָרף. מ׳פּייקלט און מ׳קלאַפּט צו אויף אַ בלעך, מ׳טאַנצט, ס׳איז פריילעך. און אַן אַלטיטשקע רוימט איין טעלידזשען אַ סוד אין אויער

און אַזוי אַ צווייטע און אַ דריטע. און מ׳טאַנצט און עס דרייט זיך איר דער קאָפּ. ווען וועט מען שוין אויפהערן צו טאַנצן? ווען וועט מען שוין איר מיט מוסטאַפאַן איבערלאָזן?

נאָר ווי קען זי נאָך מער טראַכטן, אַז אַרום איר דרייט זיך דאָס שטיבל און אין הויף איז לעבעדיק און אויפן שייער איז ליכטיק און קולות טראָגן זיך צום הימל, און פיס רוען אַ מינוט נישט, און אָטעם פעלט... און האַנט צו לענד איז געקייטלט און נאָך און נאָך... געטאַנצט זאָל זיין היינט!

און מוסטאַפאַ, אויסגעפּוצט אין זיין נייער אַבאַיע, וואַרפט אַ בליק צו יענעם שטיבל פון דערווייטנס. אפשר וועט ער איצט איר קול דערהערן? און די ווייבער גריסן זיך דורך פון דערווייטנס מיט די מענער אויפן שייער, רופן אויס זייערע נעמען:

— אַ אַ אַ אַ אַבו מאַכמוד!
— מוסטאַפאַ!
— הע פעזי! הע פעזי!

און פאַרלייגן אַ פינגער איבערן מויל און טרילן אויס:

— לאַ... לאַ... לאַ... לאַ...
— לאַ... לאַ... לאַ... לאַ...

✶

אויפן הימל פינקלען שטערנדלעך. קוקן אַרונטער צום שייער. זעען זיי, ווי פּאַמעלעך, פּאַמעלעך רוקט זיך איינער נאָכן צווייטן אַוועק צו זיך אין שטיבל, נאַס פון שוויס און שוואַרץ פון שטויב. מ׳דאַרף נאָך אויך אַ שלאָף כאַפּן. קענסט דעם מאָרגן מיט היינט נישט צאָלן! און דאָס פייער פון די שטורקאַצן לאָזט זיך אויס. ס׳ווערט פינצטער. און ערשט דאַן זעט מען, ווי פון שייער טראָגן זיך אין דער הייך קנוילן גאַנצע פון שטויב געמישט מיט שוויס.

אַ קליין הינטל האָט זיך צעבילט און נישט דערקענט טעלידזשען, די פּרעמדע, וואָס איז אין שפּעטער נאַכט צו זיין באַלעבאָס. צו מוסטאַפאַן אין שטיבל אַריינגעקומען.

*

— טעלידזשע !..

— מוסטאַפאַ !..

האָבן צוויי פּנימער געשיינט. האָבן צוויי הערצער געקלאַפּט. היינט איז גליק נישט מער קיין חלום. יאָ, עס איז טעלידזשע. יאָ, עס איז מוסטאַפאַ. נאָר ווו זענען ווערטער ? וואָס שטיקן זיי זיך ? פאַרוואָס קען מוסטאַפאַ אַ וואָרט נישט זאָגן ? פאַרוואָס שווייגט טעלידזשע ?

לויפט ער צו איר און זי פאַלט אַריין אין זיינע אָרעמס. אַך, וואָס ווייסט טרוים פון אַזאַ גליק ! אָט טוט ער זיך אַליין אַ טאַפּ, איז עס ער ? און זי האָט איינגעקלאַמערט אירע הענט אַרום אים. ער פילט, אַז ער ברענט, עס פלאַקערט ביי אים אין האַרצן, עס טראָגט אים דער קאָפּ. ער דריקט זי נאָך מער צו זיך. עס שמעקן אירע האָר. ער אָטעמט טיף איין און וויל דעם אָטעם נישט אַרויסלאָזן. ניין, זאָל ער נישט אַרויס !

— טעלידזשע, אַך ווי גוט דו שמעקסט !..

— מוסטאַפאַ, דריק מיר נאָך צו זיך, שטאַרקער נאָך...

אַזוי פיל יאָרן געוואָרט...

הייבט מוסטאַפאַ אויף איר קאָפּ, קוקט איר אַריין אין די אויגן, ווערט ער פאַרכישופט. קושט ער איר אין איין אויג, אין צווייטן, אויפן שטערן, אויף דער נאָז, אין די פינגער. כאַפּט ער אַריין אירס אַ פינגער אין מויל און באַנעצט עס מיט זיין צונג. דער אָטעם ווערט שטאַרקער ביי אים.

— טעלידזשע !..

— מוסטאַפאַ !..

און אויף זיין בעטל איז זי געלעגן. זיינע הענט אין אירע האָר. און נאָכדעם האָט ער אירע פיס געקושט. און דאָס נאַקעטע לייב אירס האָט אים גערייצט. און זי איז ווי אַ פאַרחלשטע פון צופיל גליק געלעגן. איר איז אַזוי גוט !

— דיינע בין איך, מוסטאַפאַ, דיינע ! דיינע !

— יאָ, טעלידזשע, מיינע וועסטו שטענדיק זיין !..

און זיינע פינגער האָבן געגלעט אירע יונגע בריסטן און זיינע ליפּן האָבן באַנעצט אירע. ער האָט געזאָגט עפּעס ווערטער און זי אויך. און אָט

וויינט ער באַלד פון צופיל גליק מיט אַמאָל. און ווי גוט ס׳איז, צו ליגן איינגעקלאַמערט אין איר, אין זיין טעלידזשען. זיינע איז זי! זיינע!..

— טעלידזשע!..

— מוסטאַפאַ!..

און צוויי קערפּערס האָבן צווישן זיך וואַרעמקייט געטיילט, הענט האָבן זיך געפלאָכטן, ליפּן זיך באַגעצט.

— דו וועסט שטענדיק מיינע זיין, טעלידזשע!

— שטענדיק דיינע, מוסטאַפאַ!

ס׳האָט גליק אין דעם שטיבל געהערשט. צוגעקוקט זיך פון דער זייט, ווי דאָס יונגע פּאָרל, געטוליעט איינער צום צווייטן, שלאָפט אין אַ זיסן שלאָף.

שמייכלנדיק מיט אַ פרישקייט האָט דער מאָרגנשטערן דורכן קליינעם פענצטערל אַריינגעקוקט און ווי צו זיך געזאָגט:

— אַ שאָד מיין קומען איצט. אַ שאָד צו רויבן געציילטע מינוטן ביי זיי. נאָר טאָג איז טאָג. עס וויל דער היינט פון אַ נעכטן נישט וויסן!

הייבט זיך שטיל אויף מוסטאַפאַ פון זיין בעטל. קוקט אַזוי זיצנדיק אויפן בעט אויף זיין טעלידזשע, וואָס שענער פון אַ מלאך איז זי. קוקט אויף איר נאַקעטן לייב, אויף אירע אויפגעדעקטע בריסטן, און אים ווערט נאָך קלאָרער פאַרוואָס ער האָט אַכט יאָר אַלס פּרייז פאַר איר די שאָף געפּאַשעט.

וואָלט ער נאָך אַזוי לאַנג געזעסן. אים ציט צו איר. ער פילט, ווי עס פלאַקערן אים זיינע ליפּן. ער וואָלט גאָר היינט מיט די שאָף אויף פּאַשע נישט געגאַנגען. איצט וואָלט ער זי כאַטש נאָך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך. נאָר עס העלפט נישט. וואָס פאַראַ פּאַסטעך איז עס, וואָס קען זיינע שאָף פאַרלאָזן? און ווי קען ער זי איצט וועקן? אַ שאָד, זאָל זי שלאָפן, טעלידזשע. אָט וועט זי אפשר שפּעטער צו אים אויף פּאַשע קומען? געוויס וועט זי קומען!

—טעלידזשע, טעלידזשע!

איינגעוויקלט אין זיין אַבאַיע, נעמט ער זיין פּאַסטעך־שטעקן מיטן פייפל. שטייט לאַנג ביי דער שוועל און קוקט אויף טעלידזשען, ווי זי שלאָפט מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף אירע ליפּן.

כאַפּט אים גלייך די גאַס אויף. דער טוי אויף דער ערד נעצט איין זיינע פאַרהאַרטעוועטע באָרוועסע פּיס. עס וואַשן זיך פייגעלעך די שנאָבלעך און טרייסלען אָפּ פון זיך טראָפּנס טוי. קומען שעפּעלעך פון אַלע עקן דאָרף און מוסטאַפאַ לויפט זיי אַנטקעגן. כאַפּט אָן יעדע שאָף באַזונדער, גלעט זיי ביי די מיילער. און די בערג אַנטקעגן וויקלען זיך אַרויס פאַמעלעך, פאַ־מעלעך אין ברענגען אַריין אין טאָל דעם נייעם טאָג.

*

עס וועלן שעפּעלעך היינט זייער פאַסטעך נישט פרעגן, פאַרוואָס שיינט אַזוי דער טאָג? ער וועט נישט רעדן. ער וועט שרייען. ער וועט שרייען הויך. זיי וועלן פאַרשטיין. ער וועט אויסשרייען די פרייד פון שיינעם טאָג, ער וועט אויסשרייען די פרייד פון דער גאַנצער וועלט. ניין, ער וועט נישט שרייען. ער וועט זינגען. ער וועט זינגען דאָס געזאַנג פון הימל און ערד, פון באַרג און טאָל, פון טייך און שאָף, פון פרישע גראָזן און הויכעביימער. ניין, ער וועט בעסער זינגען אַלץ פאַר אַמאָל:

— טעלידזשע!.. טעלידזשע!..

און זי וועט באַלד קומען! זאָל זי קומען! אפשר קומט זי שוין? באַלד. אָך, ווי שיין דער טאָג איז! און אָט גייט זי. לאָזט זיך מוסטאַפאַ אין געלויף. לויפט איר אַנטקעגן. לויפט זי צו אים. טרעפן זיי זיך ביידע; קוים דעם אָטעם כאַפּנדיק. כאַפּט ער איר אָן ביי דער האַנט. אָך ווי גלאַט און וואַרעם איז איר האַנט! שרייט ער הויך אויפן קול. שרייט זי אויך. לויפן זיי ביידע וייט, ווייט אין טאָל, און די גאַנצע סטאַדע שאָף לויפט מיט. וויטער... ווייטער... און די שעפּעלעך לויפן און מעקן און ער דריקט איר שטאַרק די האַנט אירע... און מ׳לויפט... מ׳לויפט... מ׳לויפט...

טראָגט זיך אַ שטויב אין דער לופטן און פאַרזייט דאָס גליק אויף אַלע וועגן.

פאַנטאַזיע — פאַרברענגאַכטס.
אוד — אַן אַראַבישע גיטאַרע
קאָראַן — די היסטאָריע פון מוכאַמעד און זיינע געזעצן
אַבאַיע — אַן אַראַבישער כאַלאַט

מערת תאומין

אינעם דאָרף צאַראַ, וואָס ליגט צווישן די געבערג אויפן וועג צו ביתר, זענען געזעסן אין אַ „מאַדאַפּע״ אויף ראָגאָזשעס, די פיס אונטער זיך, איינ־ווינער פון דאָרף, ווער מיט אַ שפּיץ פון אַ נאַרגילע אין מויל און ווער מיט קרעלן אין די הענט און געפירט צווישן זיך אַ שמועס: וועגן דעם גרויסן מאַרק אין לוד, וועגן די פּרייזן פון שאָף און רינדער וואָס זענען הויך גע־שטיגן. נאָכדעם האָט מען געשמועסט וועגן פאַרשידענע גבורות, וואָס יעדער פון זיי האָט באַוויזן, גערעכנט צו באַווייזן, אָדער געזען ווי אַ צווייטער האָט באַוויזן. אַזוי האָט מען גערעדט און געריימט זיך, ביז דער שמועס איז אַרי־בער צו דער „מערת תאומין״.

— נישטאָ קיין שרעקלעכערע הייל אין דער גאַנצער געגנט ווי מערת תאומין!

— אַלע מינים שדים געפינען זיך אין דער הייל: דער רול, עפאַריט, שטן, איבליס און נאָך, און נאָך...

די שדים טאַנצן דאָרט ביינאַכט, זשומען און פייפן. אַ שרעק!

— נאָך נישט געווען דער מענטש, וועלכער זאָל וואַגן אַריינצוגיין אין דער הייל ביינאַכט!

אַזוי האָבן זיי צווישן זיך גערעדט בנעימותדיק. אָבער אַ גרויס פּחד האָט זיך באַוויזן אויף זייערע פּנימער. דאָס וואַסער אין די פלעשער פון די נאַרגילעס האָט שטאַרקער גענומען בולבען, די קרעלן זענען פעסטער געדריקט געוואָרן צווישן די פינגער. און אַ שרעק פון טויט האָט געשוועבט איבער די קעפּ פון די אַרומיקע.

— וואָס וועט איר מיר געבן, אַז איך וועל אַריינגיין אין דער הייל איינער אַליין ביינאַכט? — האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעכאַפּט איינער פון די „שאַ־באַב״.

אַלע זענען געבליבן ווי פאַרגליווערט:

— אַבדול ראַכמאַן וועט וואָגן אַריינצוגיין אין דער הייל ביינאַכט?

— אָן אוואַנטעדזשי ביסטו, אַבדול ראַכמאַן!

— דו וועסט אין דער הייל נישט גיין — האָט זיך דערהערט אַ שטימע פון איינעם.

צווישן די אַנוועזנדיקע איז אויך געווען דער יונגער יאַסין. און יאַסין האָט די שענסטע שוועסטער אין דאָרף. אַבדול ראַכמאַן באַמיט זיך שוין עטלעכע יאָר מיט אַלע מיטלען צו נעמען זי פאַר אַ ווייב. אָבער איר משפחה און איבערהויפּט יאַסין זענען בשום אופן נישט מסכים צו אָט דעם שידוך. און אַז נאָר דער ברודער אַליין איז נישט מסכים, וועט שוין גאָרנישט העלפן, אויב אַפילו סאַבחאַ וועט וועלן.

— איך גיב דיר מיין שוועסטער סאַבחאַ פאַר אַ ווייב, אויב דו גייסט אַריין ביינאַכט אין דער מערה — האָט זיך אָפּגערופן יאַסין צו אַבדול ראַכ־מאַנען.

ווען אַבדול ראַכמאַן האָט דאָס דערהערט, איז ער פול געוואָרן מיט פרייד. דער געדאַנק, אַז ער וועט קריגן סאַבחאַן, וואָס צו איר גאַרט זיין נשמה אַזוי פיל יאָרן, האָט אים נאָך מער געמוטיקט און ער האָט אָנגעהויבן אַרומצורעדן ווי אַזוי דאָס אַריינגיין אין דער הייל וועט פאָרקומען און ווי אַזוי וועלן זיך די אַנוועזנדיקע איבערצייגן, אַז ער איז טאַקע געווען דאָרט.

— מיר וועלן דיר געבן אַ שטעקן ביינאַכט, דעם שטעקן דאַרפסטו מיט־נעמען מיט זיך אַהין. ווי נאָר די זון וועט זיך זעצן, דאַרפסטו אַהין אַריינגיין. און כדי מיר זאָלן זיין זיכער, אַז ביסט דאָרטן געווען, דאַרפסטו דעם זעלבן שטעקן, — אויף וועלכן מיר וועלן מאַכן סימנים — אַריינשטעקן אין אַ וואַנט פון הייל. פאַרטאָג, ווי נאָר די זון וועט אויפגיין, ווען די שדים זענען שוין דאָרטן מער נישטאָ, וועלן מיר דאָרטן זיין און זיך איבערצייגן צו ביסט טאַקע דאָרט געווען — אַזוי האָט צו אים געזאָגט דער עלטסטער פון די אַנוועזנ־דיקע, און אַלע האָבן דערצו מסכים געווען.

נאָכדעם איז מען נאָך געזעסן און געשמועסט פון דער גרויסער איינ־שטעלעניש. און ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן איז שוין דער שטעקן געווען צוגעגרייט. איז אַבדול ראַכמאַן אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ, גענומען דעם שטעקן אין האַנט, זיך געזעגנט מיט אַלעמען און נאָכדעם ווי ער האָט

תפילה געטאָן צו אַללאַן דעם מעכטיקן און צו מוכאַמעדן, האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו דער הייל.

ער איז געגאַנגען, געגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו דעם אַריינ־גאַנג פון דער געפערלעכער הייל. ער האָט זיך דערמאָנט אין סאַבחאַן — איז ער געוואָרן פול מיט מוט און מיט אַמאָל, אימפעטיק זיך אַ לאָז געגעבן מיטן שטעקן פאָרויס צו דער שרעקלעכער הייל.

און דאָרטן אינוויינינק ?

שדים טאַנצן... פייפן... שפרינגען ווילד !..

אַבדול ראַכמאַן האָט גוט געהערט יעדן קלאַפּ פון זיין האַרצן וואָס האָט געקלאַפּט ווי דער מאָטאָר אין אַ באַיאַרע. ער האָט אָבער אָנגענומען זיך מיט מוט און מיט אַמאָל געגעבן אַ שטעק אַריין דעם שטעקן אין וואַנט און נישט געפילט אַפילו אַז אין איינעם מיטן שטעקן האָט ער אויך אַריינגע־שטעקט אין וואַנט אַן עק פון זיין אַבאַיע.

מאַסכין (אומגליקלעכער) אַבדול ראַכמאַן ! ווען ער האָט געוואָלט צוריק־גיין האָט ער מער נישט געקענט. צו טיף איז דער שטעקן מיטן עק פון זיין אַבאַיע אין וואַנט געווען. פון שרעק איז ער פאַרשטיינערט געוואָרן.

פאַרטאָג, ווען די איינוווינער פון צאַראַ זענען געקומען זיך איבערצייגן אין אַבדול ראַכמאַנס גבורה, האָבן זיי אים דערזען ווי ער שטייט צוגעטשע־פעט מיטן שטעקן אין דער וואַנט.

— אָט דאָס איז די אַרבעט פון רול — האָבן זיי אַלע באַשלאָסן.

— „קאַן ומאַקאַן״ ! ווער עס גייט אַריין אין מערת תאומין ביינאַכט, דער וועט שוין פון דאָרטן קיין לעבעדיקער נישט אַרויס, — האָבן אַלע אויסגערופן און זיך צוריקגעקערט אין דאָרף, יעדער צו זיין אַרבעט: ווער אויפן פעלד, ווער צו די שאָף און רינדער און ווער צו פאַרקויפן אָדער קויפן וואָס נויטיק איז פאַר דער ווירטשאַפט און פאַר דער משפחה.

מערת תאומין — צווילינג הייל.

אַוואַנטעדזשי — אַן אָפּנאַרער, אַ באַרימער.

קאַן ומאַקאַן — וואָס געווען איז געווען.

מאַדאַפּע — אַ ספּעציעלער פּלאַץ אויפצונעמען געסט.

דער פעלדז פון בענקשאַפט...

דער אַלטער איילבערט־בוים, וואָס שטייט שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן אַן איינגעהויקערטער אין מיטן טאָל פון וואַדי ערה, האָט ווער ווייסט ווי לאַנג, גענומען אונטער זיין שאָטן דעם ווייסן פעלדז, וואָס איז ווי געקנייטשט פון אַלע זייטן און וואָס ביז היינטיקן טאָג איז ער דער פלאַץ, ווּהין עס קומען פאַרוויייטיקטע נשמות אויסצוגיסן זייער פאַרביטערט האַרץ, אויסריידן זיך אין דער הייך און גאַנץ אָפט אָנפילן אַ קנייטש פון שטיין מיט זייערע פליסנדיקע טרערן.

עס דינט אויך דער שטיין פאַר אַן אָפּרו־פלאַץ פאַר ווילדע חיות און גערייצטע דעבעס — אַמאָל גייט אויך אַ וואַנדערער פאַרביי, וועלכער ווייסט נישט די חשיבות פון פלאַץ, וואָס זיינע פיס באַטרעטן. זעצט ער זיך אויפן פעלדז און אָוועקגייענדיק נעמט ער מיט זיך מיט אַ שטענדיקע בענקשאַפט, אַ זיסקייט אַזאַ אין האַרצן, פון וועלכער ער קען זיך שוין מער נישט באַפרייען. באַקומט ער זיין היילונג ערשט דאַן, ווען נאָך לאַנג־וואַנדערן קומט ער נאָך אַמאָל אינעם טאָל פון וואַדי ערה, זיצט ווידער אויפן פעלדז אינעם שאָטן פון איילבערט־בוים און ערשט דאַן דערפילט ער, אַז ס׳ווערט אים בעסער, אַז ער שוועבט ערגעץ אין אַ נייער וועלט און אַז עפּעס נישט סתם קיין פעלדז איז עס, נאָר אַ כשוף פלאַץ אַזאַ, וואָס היילט קראַנקע, שטאַרקט די שוואַכע און דערמוטיקט די פון לאַנג שוין אַנטוישטע. וואַרט ער, ביז די זון קייקלט זיך אַריבער די שפּיץ בערג, און דאַן וואַשט ער זיינע פיס מיט בלעטלעך פון איילבערט, קניט צו דער ערד, זאָגט אָפּ זיין געבעט צו אַללאַ, בענטשט אין דער שטיל דעם געטלעכן פעלדז און דריקט אויס זיין אָנער־קענונג דעם איילבערט בוים, וואָס האָט זוכה געווען אין זיין שאָטן דעם ווּנדערלעכן פעלדז צו באַשיצן.

און וואָס ווייטער איז אַלץ גרעסער געוואָרן די מחנה פאַרערער פון ווייסן פעלדז. פון אַלע דערפער אויף שטרעקעס ווייט, פון די בערג און טאָלן האָבן

אַנטוישטע און פֿאַרבענקטע געשטראָמט צום ווייסן פֿעלדז, כּדי צו געפֿינען אַ טרייסט פֿאַר זייער נשמה און אַ היילונג פֿאַר זייער געמיט. און ווייסע בלומען האָט מען אַרום דעם פֿעלדז געפֿלאַנצט, מיט אַ רויטער פּעסקע זײַן שפּיץ באַהאָנגען און פֿאַטשערקעס, קרעלן, אַלס געשאַנקען געבראַכט. און אָפֿט האָט אויך איינער פֿון די ערשטע פּרוכטן פֿון זײַן גאָרטן דאָרטן געלאָזט און אַז אַ פֿויגל פֿון די געבערג האָט זיך אַמאָל צופֿעליק אָפּגעשטעלט אויפֿן ווייסן פֿעלדז — האָט ער זיך גלייך צעלאָזט אין אַ גרויס געזאַנג, פֿריי געלאָזט זײַנע פֿליגלען און געפֿלויגן אָן אויפֿהער, ווי דער ווינט וואָלט אים ערגעץ געטראָגן. און די בלומען אַרום פֿעלדז האָבן פֿון ווינטל געבויגן זייערע קעפּ־לעך, איז עס נישט אַנדערש געווען, ווי אַן אָפּמאַך מיטן ווינט צו העלפֿן זיי דעם ווייסן פֿעלדז צו באַגריסן.

און נישט קיין סך זענען די יעניקע, וואָס ווייסן צו דערציילן, וואָס איז טאַקע אין דער אמתן אָט דער כּשופֿדיקער פֿעלדז. זיי ווייסן בלויז זײַן קראַפֿט, אָבער נישט זײַן געשיכטע.

✶

דער אַלטער אַבו־דזשאַמיל פֿון באַרגיקן דאָרף שאַבלול, וואָס שוין לאַנגע יאָרן ווי חוץ דעם מעטשעט לויפֿט ער אויך צום ווייסן פֿעלדז, תּפֿילה צו טאָן, ער ווייסט יאָ די געשיכטע, וואָס איז פֿאַר אים אַזוי הייליק, ווי די געבאָטן פֿון הייליקן קאָראַן. ער האָט אָבער נישט גערן גערעדט פֿון דעם, וואָס ער ווייסט, ווײַל פֿאַר אים איז געווען בלויז אַ טראַכט צו טאָן, נישט נאָר רעדן דערפֿון, אַז זײַן האַרץ זאָל, טראָץ זײַן עלטער, פֿאַרפֿילט ווערן מיט אַזאַ יונגער בענקשאַפֿט, וואָס האָט אים קיין רו נישט געגעבן. נישט די נאַכט געשלאָפֿן און נישט פֿון טאָג געוווּסט. נאָר, אַז אַלע פֿאַר אַמאָל און צווישן זיי אויך געסט, וואָס מ׳קען זיי נישט אָפּזאָגן, האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים און נישט אָפּגעשטאַנען, אַז ער מוז זיי דערציילן די וווּנדערלעכע געשיכטע, און דערפֿאַר איז ער פֿאַרזיכערט מיט די ברכות פֿון אַללאַ און מיט אַ גוטע עלטער. האָט ער מער נישט געקענט ביישטיין די אַרומיקע, און זײַנע אַלטע אויגן האָבן פֿאַרשעמט זיך אַראָפּגעלאָזט. ער האָט אַ שטאַרקן ציִ געטאָן פֿון דער נאַרגילע, אָפּגעווישט מיט אַ שפּיץ פֿון דער אַבאַיע זײַנע ליפּן און געזאָגט:

— „נישט אַנדערש, ווי אייער ווילן איז שטאַרקער פון מיינעם, און זאָל מיין דאָרף מיט די ליבע געסט נישט אָננעמען עס פאַר נישט גוט, וואָס כ׳האָב לאַנג געלאָזט זיך בעטן. צו אַלט בין איך שוין און צו שוואַך איז שוין מיין האַרץ, עס זאָל אַזוי פיל ווייכקייט מיט אַמאָל פאַרנעמען. און צי קען עס דען אַנדערש זיין, ווען כ׳וועל די געשיכטע דערציילן ?"...

✶

— „פון אונדזער דאָרף, פון שאַבלול, ציט זיך דער הייליקער פאָדעם צום געטלעכן ווייסן פעלדז. סאַאיד האָט געהייסן דער הייליקער, און זיין יחוס ציט זיך נאָך פון דער משפחה אַבו־דזשיטאַ, וואָס האָט געשעמט אויך דערמיט, וואָס די גאַנצע משפחה פון קליין ביז גרויס, פון דורות און דורות האָבן געהאַט ס׳גליק צו באַטרעטן די ערד פון דער הייליקער מעקאַ. סאַאיד איז געווען אַ יונג אַ הויכער, אַ פרייער, אַ קינד פון דער נאַטור. ליב האָט ער געהאַט דעם באַרג און דעם פעלדז, דעם הימל און די ערד, און צווישן גרינע בלעטער פוןביימער פלעגט ער ליב האָבן זיין פנים צו גלעטן. און דער ווינט איז געווען צו אים, ווי אַ לייבלעכער ברודער, אינאיינעם מיט אים געלאָפן און געלאָזט זיך צום שפּיץ באַרג. און ווי ער וואָלט וועלן די לופט ארומנעמען, פלעגט ער זיינע הענט צעשפּרייטן און צונויפנעמען. און די אויגן זיינע האָבן שטענדיק אָנגעזאָגט פרייד. געקניפּט און געבונדן איינער צום צווייטן זענען זיי געווען, ער און דער באַרג, אונדזער שיינער באַרג פון שאַבלול. און אין צווייטן עק פון דאָרף, ביי דער משפחה ראַמאַני, איז געוואַקסן דיטאַ, אַ טאָכטער וואָס איז געווען אַ שיינדל פאַרן אויג און אַ ברכה פאַרן גרויסן אַללאַ. יאָ, יאָ, צו אַלט בין איך, מיינע ליבע, איך זאָל נאָך פעיִק זיין מיט יוגנטלעכען ברען אייך איבערגעבן, וואָס אַזוינס דיטאַ איז געווען. אויב די זון איז שיין — איז דער הימל נאָך מער, ווייל עס איז דער הימל וואָס באַהאַלט די זון אין זיך. און זי איז אַלץ געווען. אויגן ליכ־טיקע און ריין, ווי די שטראַלן פון דער זון. און אַ שמייכל האָט זי פאַרמאָגט ביי די ראַנדן פון אירע ליפּן, וואָס אַ קראַנקן האָט ער באַרויִקט גלייך און אַ געזונטן האָט ער פון צופיל זיסקייט ביים האַרץ פאַרקלעמט: און עס האָט דער זעלבער ווינט זייער ביידנס ברויזן אויפגעכאַפּט, אויסגעמישט און אויף איין פלאַץ געבראַכט. האָט סאַאיד דערפילט, ווי עפּעס אַ טיר האָט פאַרמאַכט

זיין לעבן ביז איצט און אַ לעבן אַ נייס, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געקענט וויסן, ווי אַזוי און וואָס עס איז, האָט זיך מיט אַמאָל פאַר אים באַוויזן. איז ער נעכט נישט געשלאָפן און טעג נישט גערוט. אַ פייער אַזאַ האָט זיך צעפלאַקערט ביי אים אין האַרצן און נישט געווען איז ס׳וואָסער וואָס קען עס לעשן...

האָט ער אירע גלאָטע האָר געגלעט און געשמעקט פון זייער ריח. האָט ער זי געצערטלט, אירע הענט געגלעט און מיט אַ שטענדיקער אומזיכערקייט איר אין די אויגן געקוקט. און עס האָט זיין האַרץ געוויינט פאַר פרייד און נישט פאַרגונען האָט ער זיך די אַלע מינוטן מיט איר. און אַז ער איז געווען אַליין, האָט ער שטענדיק איר נאָמען געררופן און ס׳האָט קיינמאָל נישט גע־טראָפן, ער זאָל שלאָפן גיין אָן איר נאָמען אויף זיינע ליפּן. און אַז ער איז געבליבן אַליין אויפן באַרג, האָט ער מיטן פּנים צום צווייטן עק דאָרף, ווו דיטאַ איז, זיך געווענדט און אין אַ געזאַנג זיך צעלאָזט:

העי וױנטן, איר ווינטן פון באַרג פון שאַבלול,
מיין האַרץ איז פאַרכישופט, מיט פייער געצונדן,
איינע איז דיטאַ, די שענסטע אויף וועלט,
זי האָט מיך באַצויבערט, אויף שטענדיק געבונדן...

און אויפן צווייטן עק דאָרף האָט דיטאַ געוווסט, אַז ס׳איז נישט דער ווינט וואָס רוישט — נאָר סאַאיד איז עס וואָס גיסט זיין האַרץ אַזוי אויס...

און טעג נאָך טעג, וואָכן נאָך חדשים זענען געלאָפן און נאָך שטאַרקער און שטאַרקער צונויפגעבונדן זיי ביידן. ס׳גאַנצע דאָרף, און דער גאַנצער באַרג זענען געוואָרן איין שטיק, אויף וועלכן זיי ביידע האָבן פריילעכע גע־שפּאַנט און אויך געלאָזט זיך אין געלויף. און דער באַרג האָט אַ צווייטן צו זיך געצויגן און אַ דריטן, און זענען אָפּגעווישט געוואָרן פאַר זיי אַלע גרענעצן און צוימען, פון גרויס גליק האָבן זיי געלאַכט און געוויינט. און זי פלעגט אירע שאַרפע ווייסע ציין אין זיין לייב אַריינשטעקן, האָט ער דעם מינדסטן פּיין פון דעם נישט געפילט. אים פלעגט דערפון ווערן וואַרעם אויף דער נשמה, און דער קלענסטער ריר פון אירס אַ

קליידל האָט ווי פון זיך אַליין געגאָסן פרייד דורך די שפּיץ פינגער.

— דו, דיטאַ, וועסט דאָך שטענדיק מיינע זיין, זאָג איין וואָרט, איין וואָרט בלויז...

— יאָ, סאַאיד, יאָ!..

— גוט, דיטאַ, גוט. מער וויל איך נישט... מער דאַרף איך נישט... און דאָס גליק האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן באַרג. פלאַנצונגען האָבן זייערע צווייגן שטענדיק גרין געהאַלטן, בלומען האָבן זייערע קעפּ צום הימל געצויגן און דער רעגן איז ווי אַ פרישע טרויבן־זאַפט געווען.

— יאָ, מיינע ליבע, מעכטיק איז דער גאָט פון גליק, אָבער אַלמעכטיק בלייבט דער גאָט פון אומגליק...

זענען די לעצטע ווערטער פון אַבו־דזשאַמיל געפאַלן ווי אַ שאַרפער בליץ אין מיטן הימל. האָבן אַלע טיף אָפּגעקרעכצט, געווישט זייערע שטערנס און געטשוכעט זייערע לייבער אין די האַריקע אַבאַיעס. און ווען דער אַלטער אַבו־דזשאַמיל האָט מיט אַמאָל פאַרטיפט זיין בליק אין הויכן הימל, האָבן אַלע זייערע קעפּ געהויבן און אינאיינעם צוגעזען, ווי עס ציט זיך און שניידט זיך אויס מיט אַמאָל דאָ און דאָרט אַ שטיפערישער שטערן און ווי פאַרחלומט עס ליגט דער מילך וועג אויפן הימל צעשפּרייט.

— „יאָ, יאָ, אַלמעכטיק איז דער גאָט פון אומגליק — האָט דער אַלטער נאָך אַלץ גערעדט, ווי צו זיך אַליין קוקנדיק אויפן הימל.

— „פאַרוואָס זשע טייערער, אַבו־דזשאַמיל, רעדסטו פון אומגליק, ווען ערשט האָסטו פון אַזוי פיל גליק גערעדט?"

— „צו שיין איז היינט די נאַכט, ברידער, לאָמיר שלאָפן גיין און רויִק די נאַכט דינען. מאָרגן קומט אַ נייער טאָג און קוים האָב איך דאָס שטייגל געעפנט, וועט דאָס פייגעלע שוין פריי פליען..."

האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז ס'איז צופיל פאַרן אַלטן מיט איין מאָל די גאַנצע געשיכטע צו דערציילן. צוליב זיין עלטער און חשיבות, אים מער אַ וואָרט דערפון נישט געזאָגט. האָבן אַלע ווי איינער זייער תפילה צו אַללאַ און צו דער נאַכט אָפּגעגעבן, און פאַרטראַכטע, שטילשווייגנדיקע, געלאָזט זיך אַן די באַרגיקע שטיבלעך איבערצוגעבן זיך אינגאַנצן צו די טרוימען פון דער נאַכט.

*

און עס ווייסט נישט דאָס באַרגיקע דאָרף שאַבלול פון נאָך אַזאַ נאַכט צו דערציילן. זשאַבעס האָבן געקוואַקעט, אייזלען האָבן הויך געריווועט, פערד אין די שטאַלן האָבן נישט אויפגעהערט צו הירזשען, הינער אין די שטייגן האָבן אויף די פלאַנקעס די גאַנצע נאַכט פלעצער געביטן, הינט האָבן מאָדנע געבילט,ביימער האָבן זיך געהוידעט, כאָטש דער ווינט האָט אין עק דאָרף זיך אָפּגעשטעלט, דער לבנה־מענטש האָט די גאַנצע נאַכט געלאַכט און נאָך מער צעברייטערט זיינע ליפּן, קינדער אויף די ראַגאָזשעס האָבן פון שלאָף מיט די פיסלעך געוואָרפן און די מענער זענען געשווומען אין אַ ים פון שלעכטע חלומות. עס האָט קיין שלאָף נישט מער די נאַכט. עס איז סאַאיד און דיטאַ, וואָס שטייען אין מיטן פון יעדן שטוב, אויף די דעכער, און אויף אַלע שליאַכן פון די ברייטע פעלדער, אויפן שפּיץ פון באַרג און אויפן הימל, און אויך דאָרטן ווו ס'איז קיינמאָל קיין סוף נישטאָ. קיינער רופט זיי נישט, פאַרמאַכט זענען דאָך די אויגן און דאָך דורכזיכטיק אַזוי... זעט אַ דאָרף אַ גאַנצס דאָס פּאָרל אַ פאַרטראַכטס, איינגעקלאַמערט איינער אינעם צווייטן. אמת, אמת, געוועכט איז דער אַלטער אַבו־דזשאַמיל, זיס איז איר שמייכל און עס וואַרעמט דאָס האַרץ... גלעטן זיינע פינגער אירע אויגן, אירע האָר, דריקט זי מער זיין האַנט צו, קוקט זי אים גלייך אין די אויגן, קוקט ער אויך און זיי צעלאַכן זיך ביידע, דאָס לאַכט גליק פון זיי אַרויס... און ער צערטלט און לאַשטשעט זי, נעמט איר קאָפּ צו זיך:

—„קום צו מיר דיטאַ, קום נאָך... נאָך!..

— „גוט, גוט!..״

און אַלע הערן, ווי זיס איז איר קול און מיט וואָס פאַרא ציטער ער רעדט אַט דער סאַאיד, דער פרייער!..

עס האָט דער מאָרגנשטערן שוין אָנגעזאָגט זיין אָנקום. דער פרישער טוי האָט זיך אויסגעלייגט אויף דאַך און בוים און אויף יעדן בלעטל, אַט באַלד וועט דער האָן שוין דעם ערשטן קריי געבן, און סאַאיד מיט דיטאַן ליגן איינגעקלאַמערט איינער אינעם צווייטן, און... יאָ, מעכטיק איז דער גאָט פון גליק!.. מעכטיק...

האָבן פייגעלעך זיך אַרויסגערוקט פון זייערע באַהאַלטענע נעסטן און מיט אַ פריילעכן צוויטשערן באַגעגנט דעם אָנקום פון אַ נייעם טאָג.

✶

און אַז דער אַלטער אַבו־דזשאַמיל האָט זיך גלייך ביים זון זעצן געלאָזט צום זעלבן פלאַץ וואָס נעכטן, האָט ער קיינעם קיין וואָרט נישט געזאָגט, נאָר געפילט האָט ער אונטער זיינע פּלייצעס, ווי איינער נאָך איינעם גייען די געסט און דאָס גאַנצע דאָרף, שטילשווייגנדיק, קיינער לאָזט קיין פּיפּס פון מויל נישט אַרויס, די אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט, ווער עס קייקלט אַ שנירל קרעלן צווישן די פינגער, קרעל נאָך קרעל, און ווער עס קייט אַ פריש גרעזעלע אין מויל, האָבן אַלע געוואַרט, ביז דער אַלטער וועט דער ערשטער זיך זעצן און נאָכדעם האָבן זיך אַלע אַרום אים אויסגעזעצט, פאַר־טראַכטע און ערנסטע, ווי זיי וואָלטן דאָ געוועזן די שופטים פון אַ גרויס געשעעניש און ווי דער גורל, פון ווער ווייסט וויפל מענטשן, וואָלט אין זייערע הענט געלעגן.

דער אַלטער האָט אַ הוסט געגעבן, זיך פאַרהוסט אַ ווײַלע, אַז אַ פלי־סיקייט האָט זיך אַזש געלאָזט פון זיינע אויגן. ער האָט צוגעשאַרט מיט אַ פינגער אַ ברענענדיקע, רויטע קויל צו דער נאַרגילע, פאַררויכערט, אַ שאַר געטאָן דאָס פייער מיט אַ שטעקעלע, און ווען ער האָט מיט אַן אימפּעט דאָס זעלבע שטעקעלע אַ וואָרף געטאָן אין מיטן פייער, האָט ער אָנגעהויבן:

— „נישט אומזיסט, מיינע ברידער, האָב איך זיך נעכטן אָפּגעשטעלט און נישט געוואָלט ווייטער דערציילן, שיין איז אַ בלום, ווען זי בליט — נאָר שרעקלעך איז עס, ווען זי וועלקט! און אויב כ׳וועל היינט אָנפילן אייער האַרץ מיט צער און מיט פיין, זאָלט איר מיר פאַר אומגוט דאָס נישט נעמען. געדענקט אָן מיינע אַלטע יאָרן און האָט אויך אין זינען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שלעכטס, וואָס זאָל קיין גוטס נישט געבן, און אַז אומגליק איז אויך אַ געבאָט פון גאָט... און אויב אייער האַרץ איז נאָך נישט פאַרטעמפּט געוואָרן און אויב עס פליסט נאָך וואַרעם בלוט אין אייך, וועט איר ביים סוף פון דער געשיכטע, ווי איך און אַלע אַנדערע, פאַרערן דעם אָרעמען סאַאיד און זיין אָנדענק וועט אייך ברענגען טרייסט אין מינוטן פון יאוש און וועט היילן אייער האַרץ. אַזוי אַלט ווי איך בין, שווער איך ביי אַללאַ, אַז נאָך מער

ווי אַ פרישער קוואַל צו די ליפּן פון אַ דאָרשטיקן אין דער וויסטע, נאָך גרעסער ווי די פרייד פון געבורט פון אַ נייעם זון, איז די פּאַרערונג פון סאַאידן און פון ווייסן פעלדז, וועמענס סוד איך וועל אייך איצט דערציילן:

אַזוי ווי דאָס רויִקע טייכל, האָט זיך זייער ליבשאַפט געצויגן. קומט אַמאָל אָן אַ קליין כוואַליעלע, קייקלט זיך עס צו ביז צום ברעג, בלייבט נישט לאַנג, קוקט זיך אַרום און פאַרשווינדט צוריק פון וואַנען עס איז געקומען. אַמאָל בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט, קומען די כוואַליעס איינע נאָך דער צווייטער, ווערט קאַלעמוטנעביים ברעג פון טייך, דויערט עס אָבער אויך נישט לאַנג, און דאָס טייכל שפּיגלט זיך ווידער אַ רויִקס אין דער שיין פון דער זון. נאָר ווי איז, ברידער מיינע, ווען אַ גרויסער שטורעם קומט מיט אַמאָל, אַ שטורעם, וואָס קאָכט און זידט, וואָס פאַרוואַנדלט דאָס גלאַטע טייכל אין אַ ווייסער שוים, וואָס רייסט מיט אַלע טייך־בלומען און שליידערט זיי אַרויס צעפּליקטע ביים ברעג, און דער געלער זאַמד ווערט אָנגעפּילט מיט שטיינער, וואָס עס ברענגט מיט זיך דער שטורעם פון טייך. קאָנסטו מער נישט לויפן ביים ברעג, דו זאָלסט דיינע אייגענע פיס נישט צעשטעכן פון די שפּיציקע שטיינער...

און אַזוי, מיינע ברידער, איז אויך ביי זיי אַ שטורעם געקומען. דערפילט האָט סאַאיד, אַז נישט ווי נעכטן איז היינט איר קול, אַז אירע אויגן קוקן טיפער אַריין אין זיך און איר שמייכל רופט אים נישט מער. איר אָטעם איז איינגעהאַלטענער געוואָרן און בלויז אין מינוטן פון דערינערונג ווערן זיי ביידע אויפגעברויזט, און ס'איז ווידער ווי געווען, אָבער קענסט אַ פויגל נישט אָפּהאַקן זיינע פליגל און ער זאָל ווידער קענען ווי פריער הויך פליען...

האָט זי סאַאידן אַליין דערציילט, דאָס וואָס ער האָט שוין געפילט: אַז נישט אַלע מאָל איז דער נאַס אויף אירע ליפּן — אירער בלויז און אַז דער ריח פון אירע האָר איז אויך מיט אַן אַנדערנס אָטעם פאַרמישט... שוין לאַנג ווי זי האָט אַ צווייטנס האַרץ געפאַנגען, שוין לאַנג ווי ס'האָט אַ צווייטער מיט איר זיין גליק געטיילט. און אויב עס קומט אַ כוואַליעלע, גייט עס אַוועק און עס ווערט צוריק דער טייך אַ גלאַטער. אויך זי אַזוי. ער פלעגט קומען פאַר אַ ווייל און צוריק נישט געבליבן, ווידער איז זי געווען אָט די, וואָס מער ווי די ליבשאַפט פון סאַאידן ווייסט זי נישט און וויל נישט וויסן,

ווידער האָט דער באַרג יום־טובדיק געפייערט, און אַז סאַאיד, אַ פאַרטראַכ־טער, האָט באַוויינט זיין ביטער גורל, וואָס דיטאַ קען נישט נאָר זיינע זיין, האָט ער זיך געטרייסט מיט די גוטע טעג און נאָך מער, מיט אַ שטאַרקערן ברען איר געצערטלט און אָנגעפילט זיין האַרץ מיטן לויב פון גאָר דער וועלט.

איז אָבער אַ שטורעם געקומען, אַ שטורעם אַזאַ וואָס האָט אַלץ געריסן מיט זיך, אַ שרעקלעכער שטורעם!.. נישטאָ מער דיטאַ...

און דעמאָלט, ווען סאַאיד ווי אַ ווילדער, אַ צעוויטיקטער, אַ פאַרבענק־טער לויפט אַרום איבערן באַרג און שרייט אַלץ העכער און העכער:

— דיטאַ!..

— דיטאַ!..

— דיטאַ!..

ווען עס פליסן אַרויס אַליין פון זיינע אויגן טרערן — ווייסט ער, אַז איצט, פונקט איצט ליגט דיטאַ איינגעקלאַמערט אין יענעמס אָרעמס מיט נישט זיין נאָס אויף אירע ליפן... קלאַפּט האַסטיק סאַאידס האַרץ. ער פילט, אַז דער הימל ליגט אויף זיין קאָפּ, אַז די ערד בריט און שטעכט אים אין די פיס. ווי מיט ברענענדיקע נאָדלען. דאָס האַרץ פלאַטערט, די ציין אין מויל וואַרפן זיך, זיין פּנים ווערט אויסגעקרימט, פאַרקנייטשט, ער וואָלט כאָטש קענען זיין האַרץ מיט האָס פאַרפילן — קען ער נישט... טוט אים נאָך מער ווי... פילט ער, אַז עס קומט צו אַ סוף, ער קען זיך נישט באַפרייען. אומגליק פון דער גאַנצער וועלט ליגט אין אים און וואָס ?.. וואָס ?..

צעשרייט ער זיך אויפן קול, ווי אַ ווילדע חיה, ווערט זיין געשריי אין אַ ווינט פאַרוואַנדלט. ברענגט דער ווינט אַ שטורעם אויפן באַרג, פאַלן אויס־געוואָרצלטע אַלע ביימער, לייגן הייזער זיך פלאַך, קייקלען זיך שטיינער באַרג אַראָפּ. איז נישטאָ מער סאַאיד... אויסגעמישט האָט ער זיך אינעם קנויל פון שטורעם. אין אַ ווייסן, פאַרבענקטן פעלדז האָט ער זיך פאַר־וואַנדלט און געקייקלט זיך באַרג אַראָפּ ביז ער איז געבליבן אין טאָל אינעם שאָטן פון איילבערט־בוים.

פוסט און פאַרלאָזן איז געוואָרן דאָס דאָרף שאַבלול. בייזע הינט האָבן געבילט אָן אויפהער, ווילדע שאַקאַלן האָבן זייער אָפענעם רופלאָץ אויף

אונדזער באַרג געמאַכט. לאַנג האָט אַזוי געדויערט, ביז פון דאָס ניי האָבן פלאַנצונגען אָנגעהויבן צוריק צו שפּראָצן, הייזער זענען צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן, דאָס דאָרף קענט איר דאָך! דוכט זיך אַלץ ווי אַמאָל, אָבער ס'איז נישט דאָס, מיינע ברידער! נישטאָ מער איז סאַאיד, וואָס זינגט מיטן ווינט אין אַ פאַרנאַכט אויפן באַרג... יאָ, ברידער, מעכטיק איז דאָס גליק — אָבער אַלמעכטיק איז דער אומגליק!..

✶

האָבן אַלע טיף אָפּגעזיפצט. אַ וואָרט נישט געזאָגט — נאָר דערפילט האָבן אַלע מיט אַמאָל, אַז רייכער זענען זיי געוואָרן מיט אַ נייער תפילה, אַ תפילה צו דעם ווייסן פעלדז, אַ תפילה פון דער גרעסטער בענקשאַפט אין דער וועלט...

אַ גאַסט אין דאָרף

אין אַ פּאַרוואָרפענעם אַראַבישן דאָרף, וואָס ליגט ביי דעם „וואַדי ערה", איז פאַרפאָרן אַ פרעמדער. האָט זיך ס׳גאַנצע דאָרף דערפרייט — ווי דער שטייגער איז — און יעדער האָט געוואָלט דעם פרעמדן פאַר זיין גאַסט האָבן. האָט זיך עס אָנגעהייבן אַ שרייעניש און אַ דינגעניש:

— צו מיר וועט דער גאַסט פאַרפאָרן!

— ניין! צו מיר! צו מיר!..

מען פון אַלעמען האָבן זיך איבערן גאַסט געאַמפּערט צוויי: אַ רייכער און אַן אָרעמער. איז געבליבן ביי אַלעמען, אַז אַ סוף מוז דאָך נעמען דערצו. דעם גאַסט קען מען דאָך נישט לאָזן שטיין. טאָ זאָל דער הייליקער קאָדי מיט די זקנים פון דאָרף באַשטימען וועמען געהערט דער גאַסט.

האָט דער קאָדי מיט די זקנים זיך באַזעצט אונטער אַ פייגן־בוים, פאַ־רויכערט נאַרגילעס, גערופן דעם רייכן מיט דעם אָרימען און זיי אַזוי געזאָגט:

— גלויביקע, ברענגט פאַר אונדז אייערע טענות, פאַרוואָס דער גאַסט דאַרף דווקא זיין ביי אייך, און מיט דער הילף פון אַללאַ דעם גרויסן וועט דער אמת ארויסשווומען ווי בוימל אויפן וואַסער, און דער גאַסט וועט גיין אַהין, וווהין עס איז פון זיין ווילן באַשערט.

האָט אָנגעהויבן זיינע טענות דער רייכער אַזוי:

— גרויס איז מיין שייער,
צעפּרוכפּערט מיין פּי,
פול מיינע שפּייכלערס,
אַ שטאַל פול מיט קי.

— אַ יאָר — נאָר אַ ברכה
פון עופות אַ פּראַכט
עס האָט אַ סאַך האָניק
די בין אויך געבראַכט.

אוּן גרינסן און פרוכטן
און זייד אָן אַ שיעור,
אַ שפע, אַ ברכה
ווו כ׳גיב זיך אַ ריר.

געבענטשט זאָל זיין אַללאַ
און מוכאַמעד זיין קנעכט,
מיין תפילה און דאַנק
קומט זיי דאָך מיט רעכט.

טאָ וועמען געהערט
אָט דער חשובער גאַסט ?
מיר וועט ער זיכער
נישט פאַלן צו לאַסט !..

האָבן דער קאַדי און די זקנים אויסגעהערט די טענות פונעם רייכן. נאָכדעם האָבן זיי אים געבעטן זיך זעצן אין איינעם מיט זיי און צוהערן זיך צו די טענות פון דעם אָרעמען. און צום אָרעמען האָט דער קאַדי געזאָגט :

— דערצייל, דערצייל, ברודער, זאָג פאַרוואָס דאַרף דווקא דער גאַסט ביי דיר זיין ?

האָט אָנגעהויבן זיינע טענות דער אָרעמער אַזוי :

אַלץ איז פון אַללאַ,
אַפילו אויך לייד
דאָך איז מיין האַרץ
פול נאָר מיט פרייד.

נישט תבואות, נישט גרינסן
נישט שאָף און נישט פערד,
פון מיר איז דאָס וויט
ווי הימל פון ערד.

אברהם בליי

מיינע אויגן האָבן געזען,
ווי דער גאַסט איז אַרויס,
מיין האַרץ האָט דערפילט גלייך
דעם גאַסט שוין אין הויז.

יאָרן דריי גאַנצע,
סיי טאָג און סיי נאַכט
פון פרעמדע מיין שוועל
זי ווערט אויסגעלאַכט.

ער האָט סיי תבואות, סיי גרינסן
בשפע זיין קעסט
טאָ קומט דערפאַר אויך
זיך פרייען מיט געסט ?

און ווען דער הייליקער קאַדי מיט די זקנים האָבן אויסגעהערט די טענות פון דעם רייכן און פון דעם אָרעמען, האָבן זיי זיך מיישב געווען און נאָך דעם אַזוי געפסקנט:

גערעכט איז דער אָרעמער
זיין מזל איז קנאַפּ
זאָל דער גאַסט ברענגען
אויך אים גליק אַ קאַפּ !..

און די שוועל פון אָרעמאַנס שטוב האָט אויפגעלעבט. דער גאַסט איז צו אים אין שטוב אַריין און האָט מיט זיך אַ שיין פון גליק געבראַכט...

וואַדי ערה — אַ טייל וואָס פאַרבינדט דעם שרון פון דרום מיטן עמק־יזרעאל פון צפון.
קאַדי — אַן אַראַבישער שופט

די שעכערעזאַדע פון זשאַמוסין

.1

ביי די גרויסע בלאָטעס פון דער באַסע, וואָס ליגט אין טאָל ביי מלעבעס, האָבן פאַרשלאָגן זייערע שוואַרצע געצעלטן איבערן ווינטער בעדואינער פון שבט כאַוואַנין, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט האָדעוועןן די בערדלדיקע אָקסן. און ווייל דעם בערדלדיקן אָקס רופן זיי דזשאַמוס, האָבן זיי זייער נייעם דאָרף מיטן נאָמען דזשאַמוסין אָנגערופן.

די באַסע איז פול מיט ווייסע פרישע נאַרציסן. זענען די זשאַמוסינער יעדן טאָג געקראָכן ביזן האַלדז אין דער בלאָטע, געפּליקט די ווייסע נאַר־ציסן, און די פרויען האָבן זיי אויפן מאַרק אין דער נאָענטער שטאָט גע־בראַכט, פאַרקויפט, כדי צו קענען פאַרן געלט איינקויפן פאַר זיך מעל און צוקער, טאַבאַק פאַר די מענער און אָפט מאָל אויך קאַווע, כדי הנאה צו האָבן פון לעבן.

דעם גאַנצן טאָג זענען די דזשאַמוסינער געזעסן און געהיט זייערע דזשאַמוסן. געמאָלקן פון זייער פעטער מילך, געמאַכט ווייסן קעז, געוויקט אין סומסום־בוימל און פאַרקויפט אין שטאָט, דערביי זיך שטאַרק גערימט:

— וואַלאַ, נישטאָ קיין בעסערער קעז ווי פון דזשאַמוסין!..

מיט גרויס מי און קענטעניש, מיט פאַרשיידענע קונצן און געשרייען פלעגן זיי יעדעס מאָל אַרויסנאַרן די דזשאַמוסן פון די בלאָטעס, כדי זיי צו מעלקן. קוים ליגן זיי אין בלאָטע און וואַרעמען זיך, לאָזן זיי נאָר זייער קאָפּ אינדרויסן, אַפילו די בערד אין בלאָטע איינגעטונקען. אָטעמען זיי טיף, אַז אַ פאַרע זעצט אַזש פון דער בלאָטע, און פון צופרידנקייט קרעכצן זיי אויפן קול.

אַז עס גיט אַ ברען די זון און זי לייגט זיך אויס אין דער באַסע, ווערט מען קיין דזשאַמוס פון בלאָטע אַזוי גרינג נישט אַרויסנאַרן. ער ליגט און לאָזט זיך וווילגיין.

.2

מער פון אַלעמען האָט היינט געאַרבעט מיט זיינע דזשאַמוסן, אַרויס־צונאַרן זיי פון דער בלאָטע, סולימאַן מיט די צעפּ, מיט וועלכע ער שטאָל־צירט נישט נאָר אַזוי פאַר זיך, נאָר פאַר אַלע מיידלעך פון דזשאַמוסין. דעם גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעלאָפן אַרום דער בלאָטע. געדופן, געוואָרפן שטיינער, געשראָקן זיי, און פאַר קיין פאַל האָט זיך קיינער פון זיינע דזשאַ־מוסן פון אָרט נישט גערירט. זיי האָבן אויסגעשטרעקט זייערע קעפּ, אָנ־געשטרענגט די אויערן, אויסגעגלאָצט די אויגן און געשאָקלט מיט זייערע פאַרבלאָטיקטע בערד.

ווי אַ ווילדער איז סולימאַן דעם גאַנצן טאָג געווען. ער האָט גאָרנישט געקענט פאַרשטיין, וואָס האָט אַזוינס געטראָפן מיט זיינע דזשאַמוסן ? אמת, אַלעמען איז היינט אָנגעקומען שווער, נאָר דאָך האָט מען זיי אַרויסגענאַרט און געמאָלקן, ווי יעדן טאָג. וואָס־זשע איז געשען מיט זיינע ?

און אָט זעצט זיך שוין באַלד דער טאָג. די זון ליגט שוין העט ווייט אויף די בערג און סולימאַן איז שוין באַלד הייזעריק פון שרייען.

— לאָז אָפּ היינט, סולימאַן, פאַרעקשנט איז אַ דזשאַמוס. קוים איז ער ביז איצט נישט אַרויס — וועסטו שוין היינט קיין איינעם פון זיי אינדרויסן נישט זען !..

פאַרדריסט שוין אַזוי נישט סולימאַנען אויף די דזשאַמוסן, נאָר די שאַנד... געפילט האָט ער הינטער זיינע פּלייצעס, ווי די דזשאמוסינער שמייכ־לען איינער צום צווייטן :

— נישקשה, ער איז נאָך יונג סולימאַן, ער וועט זיך נאָך אויסלערנען, ווי אַזוי אַרויסצונאַרן ווילדע דזשאַמוסן פון דער באַסע...

האָט אים אַזש אין האַרצן געקלאַפּט, ווען ער האָט דערזען אַ רויט פייער, וואָס קומט פון די שפּיץ־בערג. דאָס פאַרגייט די זון און עס שיילט זיך אויס די לבנה. פאַרפאַלן. היינט וועט ער שוין זיינע דזשאַמוסן פון דער באַסע אינדרויסן נישט אַרויסקריגן...

פון ווייטנס, ערגעץ נאָענט ביים טייך ירקון, פון דאָרטן האָט זיך דער־הערט דאָס רעווען פון די אייזלען, ווי אַן אָנזאָג פון אָנקומען פון דער

נאַכט. די ווייסע נאַרציסן בויגן אײן זייערע קעפּלעך. שטיל. מיט קליינע טריט, מיט אַ הוסטעלע דאָ און דאָרט, רוקן זיך די דזשאַמוסינער אַריין אין די ביידלעך, גרייט צו דינען דער שוועבנדיקער נאַכט פון דער באַסע.

.3

עס בייסט אים אין פּלייצע. אין גאַנצן קערפּער בייסט אים סולימאַנען. ער וואַרפט זיך פון אָרט צו אָרט. ער קען נישט איינשלאָפן. דער קאָפּ טראָגט אים. ער קרעכצט נאָך מער ווי די דזשאַמוסן. ער וואָלט זיך געלאָזט בלוט פון אַ ליפּ — וואָלט אים אפשר גרינגער געוואָרן. ער קען נישט פאַרטראָגן אַזאַ שאַנד און נאָך אַ גרעסערן פאַרדראָס. בלויז זיינע דזשאַמוסן זענען היינט נישט אַרויס. ער פילט, ווי דאָס פּנים ברענט אים פאַר חרפּה. ער וואָלט געוווּסט, אַז ער וועט אַליין אין דער טיפער בלאָטע נישט איינזינקען לאָזט ער זיך איצט אין דער פינצטערער נאַכט מיט אַ שטריק אין די הענט און שלעפּט זיי מיט גוואַלד אַרויס, זיינע ווילדע פאַרעקשנטע דזשאַמוסן. איינס און איינס וואָלט ער זיי פון דאָרטן אַרויסגעפירט און פאַרטאָג, ווען די דזשאַמוסינער קריכן זיך פון זייערע ביידלעך אַרויס, וואָלט ער זיי געלאַכט אין פּנים:

— יונג איז טאַקע סולימאַן, נאָר קיינער פון אייך האָט נאָך נישט באַוויזן פאַרטאָג די דזשאַמוסן אין דרויסן צו האָבן!..

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז אַ תהום איז די בלאָטע און נאָר אַ דזשאַמוס ווייסט, ווי אין איר זיך צו האַלטן...

וואַרפט ער זיך אַזש פון נישט קענען איינשלאָפן. פאַרשעלט ער די פינצטערע נאַכט. וואָס האָט ביי אים זיין שלאָף געראַבעוועט. נאָר אָט פילט ער, ווי ער ווערט שוואַכער. עס שטעלט זיך אָפּ דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ. ס׳האָבן זיך זיינע צעפּ איינגעוואָרעמט אין נאַקן, און אָט הויבט אים אָן אין די אויגן צו שווינדלען. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך לאָזן זיך זיינע ברעמען אַראָפּ. אָט פילט ער, ווי זיי פאַלן באַלד אַראָפּ נעבן דער נאָז. מיט אַן אָפן מויל ליגט ער אין אַ טיפן שלאָף. אָטעמט שטאַרק. שרייט אויפן קול און רופט די דזשאַמוסן:

— דז שיר...ר... דזשיר...ר... דזשיר...ר... האַ האַ!... דזשיר...ר...

כאַפּט ער זיך אַליין אויף פון זיין געשריי, פילט ווי ס׳איז אים ביטער

אין מויל. שפייט ער אויס און דרייט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט.

איצט שלאָפט שוין סולימאַן אין אַ זיסן שלאָף. אינדרויסן איז די נאַכט געלעגן אַ קילע. די באַסע איז ווי מיט אַ דין הייטל פאַרצויגן געוואָרן. די דזשאַמוסינער כראָפּען און חלומען חלומות, און סולימאַן ליגט ביי זיך איןביידל און גיט זיך איבער אינגאַנצן דער נאַכט.

אים איז איצט אַזוי גוט !..

נישט ער ווייסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער פילט נאָר, אַז אים איז גוט, אַז וואַרעם איז זיין האַרץ, אַז ער שוועבט ערגעץ אין אַ גרויסן „פּאַ־ראַדיז", אַז ער איז דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. דער הער־שער און באַהערשער פון אַלץ און פון אַלעמען, נישטאָ קיין גלייכער צו אים. זיין פּנים ווערט באַדעקט מיט אַ צופרידענעם שמייכל. אים דרייען זיך דאָך אין קאָפּ נאָר די דזשאַמוסן, אָבער נישט מער מיט כעס אויף זיי נאָר מיט באַוווּנדערונג :

— נישט פון סולימאַנען וועלן די דזשאַמוסינער לאַכן. עס זענען איצט זיי, וואָס זענען צום אויסלאַכן...

4.

עס האָט זיך מיט אַמאָל ברייט אַן עפן געטאָן זיין ביידל, און עס האָט אַזוי אַ שיין געטאָן נאָך שטאַרקער פון דער זון. ער איז געלעגן אויף דער ערד. געעפנט זיינע אויגן. דערזען פאַר זיך אַ קליין לעמעלע מיט קליינינקע הערנערלעך, מיט אויגן צוויי שיינענדיקע. עס איז אויף די הינטערשטע צוויי פיסלעך נעבן אים געזעסן און שטאַרק געלאַכט. מיט אַ פאָדערשט פיסל זיין האַנט געגלעט, און סולימאַן הערט זיך צו ווי דאָס לעמעלע רעדט :

— „סולימאַן, סולימאַן, דו גליקלעכער פון דזשאַמוסין. דו האָסט זיך דערוואַרט. איך בין דיין גורל. איך בין דיין שטאַלץ. כ'בין געקומען צו דיר נישט צו טרייסטן, נאָר אַ פריילעכן דיך אין לעבן צו פירן. זאָל דיר נישט אַרן וואָס די דזשאַמוסינער לאַכן פון דיר. זיי צופרידן, וואָס דיינע דזשאַ־מוסן זענען היינט פון באַסע נישט אַרויס. אויף אַן אוצר אַ גרויסן ליגן זיי און קוים וואָלטן זיי אַרויס, וואָלטן די דזשאַמוסינער דעם אוצר דערזען, און אַ געשלעג אַ גרויס וואָלט אין דזשאַמוסין געוועזן. קום מיט מיר ! קום וועלן

מיר דיר די דזשאַמוסן אַרויסרופן. גיין וועלן זיי מיט מיר, ווי הינדעלעך נעבן זייער מוטער, און דעם אוצר וועלן מיר נעמען. פאַרלאָזן וועלן מיר דזשאַמוסין נאָך פאַר זון־אויפגאַנג. און וואָס עס דערוואַרט דיך ווייטער, איז עס מער, ווי דו קענסט זיך פאָרשטעלן, מער, ווי דו האָסט אין דיין לעבן געזען אָדער געהערט. דיין וואָרט ווערט פאַר אַלעמען אַ באַפעל, גענוג אַ בליק דיינער און די זאַך איז דיינע. גרויס, מעכטיק און רייך וועסטו ווערן, סולימאַן פון דזשאַמוסין. הייב זיך אויף! גיב אַ האַנט! פאַרליר נישט קיין צייט, און לאָמיר צוערשט צו די דזשאַמוסן גיין. אַרויסרופן זיי, צונעמען דעם אוצר מיט זיך און פאַרשווינדן פון דאַנען, אויף קיינמאָל מער נישט צוריק קומען, נאָך איידער דער מאָרגנשטערן וועט זיך באַווייזן. אָט נאָ דיר דאָס פייפל. גיב בלויז עטלעכע בלאָזן און איינס נאָכן צווייטן וועלן די דזשאַמוסן אַרויס פון דער בלאָטע. פאַרגעס נישט, סולימאַן, היט דאָס פייפל ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. מיט דעם ביסטו אַלץ און קענסט אַלץ — אָן דעם ביסטו גאָרנישט...״

דאָס לעמעלע האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף אַלע פיר. צוגעוואַרט ביז וואַנען סולימאַן וועט זיינע צעפּלעך פאַרפלעכטן, זיין אַבאַיע פאַרגאַרטלען. דערווייל האָט עס געשמאַק געכראָמטשעט פון די פרישע גרינע גרעזלעך, וואָס סולימאַן אַליין ווייסט נישט פון וואַנען זיי קומען און ווער ס׳האָט זיי אַהער צו אים אין ביידל געבראַכט. נאָר אָט איז ער שוין פאַרטיק. דאָס פייפל איז געלעגן אין אַ ווינקל און געוואַרט אויף אים. סולימאַן האָט עס דערזען, ווי עס שיינט פון ווינקל אַרויס. האָט ער עס גענומען אין האַנט און דערפילט, אַז זיין גאַנצער קערפּער ציטערט דערביי. עפּעס אַן אַנדערער איז ער מיט אַמאָל געוואָרן. דעם כוח פון דער גאַנצער וועלט האָט ער אין זיך מיט איין מאָל דערפילט. דאָס לעמעלע איז אַרויס דאָס ערשטע פון ביידל און נאָך דעם אויך סולימאַן. געגאַנגען איז מען צו די בלאָטעס, וווּ עס זענען געלעגן זיינע דזשאַמוסן.

.5

— „סולימאַן, סולימאַן! האָסט ס׳פייפל אין האַנט, שטיי נישט ליידיק, אַרבעט! רודער! גענים פון אַ פייפל, וואָס קען דיר נאָר גליק ברענגען...״ —

האָט דאָס קלײנע לעמעלע סולימאַנען געזאָגט און גערעדט האָט עס מיט אַזאַ קול, אַז אַ פרייד איז זיך צעגאַנגען אין יעדן אבר.

איז סולימאַן אַ מינוט געבליבן שטיין אין דער פינצטערער נאַכט נעבן די בלאָטעס פון זײַנע דזשאַמוסן. געשײַנט האָבן בלויז די אויגן פון לעמעלע און, ווי נאָר ער האָט דאָס וווּנדער־פײַפל אין מויל גענומען און עטלעכע בלאָזן געטאָן, אַזוי איז דער גאַנצער פּלאַץ אַרום זײַנע דזשאַמוסן באַלויכטן געוואָרן מיט אַזאַ ליכט, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אין זײַן לעבן נישט געזען. אײַנציקווײַז האָבן זיך די דזשאַמוסן פון דער בלאָטע אַרויסגערוקט. געקומען און זיך אַלע געשטעלט אַרום סולימאַנען. געקוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן. און ווי נאָר דער לעצטער דזשאַמוס האָט זיך פון בלאָטע אַרויסגעשלעפּט, איז אויף אַ ווײַלע פינצטער געוואָרן און עפּעס אַן אַנדער זאַך האָט אַ שײַן געטאָן פון דער בלאָטע, מיט אַזאַ שײַן, וואָס האָט אים באַצויבערט און פאַרכישופט. דאָס האָט געשײַנט אַזוי דער אוצר אין דער בלאָטע. אַ פאַרגאַפטער, איז געשטאַנען סולימאַן און נישט געגלויבט זײַנע אייגענע אויגן.

— „נו ריר זיך, איצט איז נישט קיין צײַט צו טראַכטן! — האָט דאָס קלײנע לעמעלע ווידער אונטערגעיאָגט — באַוווּנדער נישט, דו קענסט נאָך גרעסערע וווּנדער באַווײַזן!"...

האָט ער ווידער אַ כאַפּ געטאָן דאָס פײַפל אין מויל און אַ פײַף געטאָן. ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצונעמען דאָס פײַפל פון מויל, ווי עס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי ווײַסע זעק פון צוקער מיט דראָטן פון אינווייניק. און פון זיך אַליין האָט זיך דער אוצר אָנגעהויבן אָנצופילן אין די זעק. דינאַרן אָן אַ סוף. אַליין האָבן זיך די אָנגעפּילטע זעק אויס־געלייגט אויף די רוקנס פון די דזשאַמוסן און פאָרויס האָט זיך אָנגעהויבן דער גאַנג איבער דער גאַנצער ברייט פון דער באַסע, אַהין צו דער גרויסער שטאָט. און אָט איז מען שוין ביי די זאַמדן. מ׳גייט און פון אַלע דערפער אויפן וועג, פון אַלע ווינקלען, קומען אַרויס סטאַדעס מיט שאָף און רינדער, די בעסטע, „אַסילעס", פערד פון גרעסטן יחוס און אָפּשטאַם, קי פון ביירוט און פון די בערג פון לבנון, שאָף פון דעם „חולה־טאָל". אַלץ האָט זיך אָנ־געשלאָסן און מיטגעגאַנגען מיט סולימאַנען — און דאָס קלײנע לעמעלע

אין דער שפּיץ. ביי די זאַמדן האָט זיך סולימאַן אָפּגעשטעלט און בלויז איין פייף געגעבן איז געגוג געווען, אַז די גאַנצע גרויסע סטאַדע זאָל אָנהייבן צו גראָבן מיט די פיס אַ גרויסע גרוב אין די טיפענישן פון די זאַמדן, כדי צו באַהאַלטן די זעקלעך מיט די דינאַרן און נישט שלעפּן זיי מיט זיך אין דער שטאָט. אַליין פון זיך האָט זיך די גרוב נאָכדעם פאַרשאָטן און אַ שטיין אַ גרויסער איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אויפן פּלאַץ פאַר אַ סימן, — און מ׳איז ווייטער געגאַנגען. די סטאַדע איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן. שאַקאַלן פון די היילן און פון די בערג אַרום האָבן פאַרגעסן אָן זייער מורא, מיט אַראָפּגעלאָזטע עקן געשטראָמט פון אַלע זייטן און אָנגעשלאָסן זיך צו דער סטאַדע. אַריין איז סולימאַן אינעם טויער פון דער שטאָט מיט אַ מחנה פון טויזנטער דזשאַמוסן, קעמלען, אייזלען, שאָף, פערד און שאַקאַלן. ער אַליין איז שוין איצט מיטן קליינעם לעמעלע געזעסן אין אַ גאָלדענע קאַרעטע אין צוועלף פערד געשפּאַנט. און מיטן קלאַנג פון די גלעקער איז ער אַריין אין שטאָט.

גרויסע הייזער זענען געלעגן איבער אים. עס שטייט נישט מער אַ הויז אויף דער ערד, נאָר הענגט אין דער לופטן. פון אונטן פאָרט ער און אויבן איבער אים, די הייזער. עס עפענען זיך פענצטער פון די הייזער און מ׳קוקט אַרויס. און אָט הערט ער אויסגעשרייען פון אַלע זייטן:

— סולימאַן!.. אַ, סולימאַן!.. סולימאַן!..

פאַרנויגט ער זיך און שמייכלט און צעלאַכט זיך נאָכדעם אויף אַ קול. און אַלעביימער שאָקלען זיך צו אים, און די סטאַדע האָט זיך צעלאָזט אין אַ גרויס געזאַנג. ער איז אַראָפּ פון דער קאַרעטע, געהאָלפן מיטזינגען. עס האָבן זיך צעוואַרעמט די בלוטן און די פיס שלעפּן צו אַ טאַנץ. פון אויבן פלעסקען אַלע מענטשן צו. די סטאַדע זינגט, און ער אינמיטן לאָזט פריי זיינע פיס און טאַנצט און טאַנצט און טאַנצט. אים איז גוט אויף דער נשמה. ער ווערט מיד, נאָר טאַנצט ווייטער, ביז ער דערזעט נעבן זיך אַ טישל פון ריינעם פּערלמוטער און אויף אים געטראַנקען און פון אַלדאָס גוטס. און אַ דזשאַמוס, אָנגעטאָן אין אַ רויטן טאַרבוש אויף די הערנער, גיסט פאַר אים אָן איין גלאָז נאָכן צווייטן. זיסע געטראַנקען אַזעלכע — אַזאַ טעם האָט ער נאָך אין זיין לעבן נישט געפּילט. ער שטילט זיין דאָרשט און טאַנצט ווידער.

און עס לאָזט זיך אַלץ אין אַ טאַנץ מיט אים די סטאַדע, די מענטשן פון די הייזער, דיביימער, די בלומען און די גראָזן:

— האַ... האַ... האַ... האָפּ... האַ... האָפּ! נאָך... נאָך... זינגט!.. האַ... האָפּ!... שפּילט!... נאָך... נאָך... האַ... האַ... האַ... האָפּ!..

.6

— ..אַ סולימאַן, דו ביסט קראַנק, וואָס דו וואַרפסט זיך אַזוי פון שלאָף? צי אפשר אַ ניט־גוטער האָט זיך ביי דיר איןביידל פאַרשטעקט? וואָס שלאָפסטו נאָך אַזוי לאַנג, דער טאָג איז דאָך שוין העט... העט!..

האָט זיך סולימאַן אויפגעכאַפּט. דערזען, אַז ביי זיך אין ביידל ליגט ער אויף דער ערד. מאַכט ער מיט די אויגן און אָטעמט שווער:

— וואַלאַ, ווו בין איך עס איצט?

צעלאַכן זיך די דזשאַמוסינער און זאָגן:

— אין דזשאַמוסין ביסטו, סולימאַן, און דיינע דזשאַמוסן ווייקן זיך נאָך אַלץ אין דער באַסע, נישט אַרויסצונאַרן זיי, כאַ... כאַ... כאַ...

דזשאַמוס — אַ בוייואל — אַן אָקס מיט אַ באָרד וואָס האָט ליב צו ליגן אין בלאָטע.
באַסע — אַ בלאָטע
מלעבעס — אַזוי רופט זיך פתח־תקוה אין אַראַביש.
סומסום — סעזאַם
פּאַראַדיס — אַ נאָמען פון אַ דאָרף
דינאַרן — גאָלדענע מטבעות
אַסילע — אַ פערד פון גרויס יחוס.
טאַרבוש — אַ רויט היטל (אַ פעסקע) פון טערקישע צייטן.

זעננאַ

אין כּפר נון אונטערן באַרג נעבי דעכי האָט זיך געלעבט רויִק און גליק־לעך דער רייכער עפענדי טופיק. זיינע טשערעדעס שאָף און ציגן זענען געווען די גרעסטע אין דער גאַנצער געגנט, זיינע גערטנער אין דאָרף און אַרום דאָרף זענען געווען די שענסטע. אַל־דאָס גוטס האָט ער פאַרמאָגט: האָניק און מילך, תבואות אויף די פעלדער און די געשמאַקסטע פירות אויף די ביימער. אַלע האָבן אים אָפּגעגעבן גרויס כּבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ עושר. צו זיין וואָרט האָט זיך יעדער צוגעהערט, זיינע אַן עצה איז געווען אַ געזעץ און זיינער אַ ווונק — אַ באַפעל. צוזאַמען מיט זיין רייכטום איז אויך געשטיגן זיין נאָמען.

זעננאַ איז געווען זיין איין־און־איינציקע טאָכטער, וואָס ער האָט גע־בראַכט אויף דער וועלט, און כאָטש לויט זיין פאַרמעגן האָט ער געקענט זיך איינקויפן אַ סך אַנדערע ווייבער צו האָבן פון זיי אַ זון, האָט ער דאָס נישט געטאָן:

— עטלעכע ווייבער איז אַ קללה אין אַ שטוב, פלעגט ער שטענדיק זאָגן, קיין גוטס קומט דערפון נישט אַרויס. קנאה פאַרוואַרפט אירע נעצן אין דער משפחה. און עס וועבן זיך רכילות — און ווער ווייסט דען נישט, אַז רכילות ברענגען נישט קיין פרייד.

האָט ער זיך טאַקע געהאַלטן ביי זיינעם און ביז היינטיקן טאָג איז ער געבליבן אַ רעטעניש פאַר אַלע זיינע שכנים און גוטע פריינד. הגם גאָט האָט זיי מיט רייכקייט נישט געבענטשט, אַרבעטן זיי זייער גאַנץ לעבן, שפּאָרן אַ טאַאַריפע צו אַ טאַאַריפע, כּדי נאָך אַ ווייב זיך קענען איינקויפן.

און זעננאַ, אָט די שוואַרץ־חנעוודיקע מיידל מיט אַ שטענדיקן ליבלעכן שמייכעלע אַרום די ראַנדן פון אירע ליפּן, זי איז געווען די באַליבטסטע באַשעפעניש, וואָס האָט ביי טופיק עפענדין אין האַרצן דעם בכבודסטן פּלאַץ פאַרנומען. ער פלעגט זיך ממש צעגיין פון נחת, זיצנדיק אויף דער ווע־

ראַנדע פון זיין צוויי־שטאָקיקן הויז (דאָס איינציקע צוויי־שטאָקיקע הויז אין דאָרף) און צוצוקוקן ווי זעננאַ שפּילט זיך אין די גערטנער, אויף די פעלדזן ביי נעבי דעכי. אַזוי פלינק ווי אַ וועוויערקע פלעגט זי שפּרינגען פון בוים צו בוים, פון קוסט צו קוסט, און אָט איז זי שוין אין הויף און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ צום הימל רייט זי גאָר אויפן אַלטן באַראַן.

— ווער איז גליקלעכער פון מיר? און ווער קאָן דאָס אָפּשאַצן די ווערט פון אַזאַ טייער קינד? — האָט ער געטראַכט. — שיין און גרויס איז דיין וועלט, אַללאַ גרויסער, נאָר שענער פון אַלץ איז זעננאַ, מיין טאָכטער!...
און אַזוי טראַכטנדיק האָט ער געפילט ווי עפּעס אַ מאָדנע זיסקייט צעגייט זיך אים איבער די גלידער.

✶

זענען טעג נאָך טעג פאַרלאָפן, וואָכן נאָך וואָכן פאַרביי, האָבן זיך די שאָף און ציגן געמערט און געפּרוכפּערט. זענען די טשערעדעס אַלץ גרעסער געוואָרן, האָבן פעלדער געגרינט, אָט ערשט די זומער־תבואה אָפּגעשניטן און שוין צעאַקערט און אויפן ווינטער פאַרזייט. זענען שייערס געוואָרן העכער און ברייטער און שפּייכלערס גרעסער און פולער. און ווי דער צוויט פון די ביימער האָט זעננאַ געבליט און געוואַקסן. אירע באַקן זענען געווען רויט ווי די רייפע פּאָמידאָרן אין גאָרטן, אירע באָרוועסע פיס ברוין פון דער זון און פאַרהאַרטעוועט פון ערד און שטעכיקע גראָזן. און פּונקט ווי די „דוראַ פּראַנדזשיע", אַזוי איז זי אויסגעוואַקסן מיט צוויי ברענענדיקע אויגן און מיט צוויי קליינע חן־גריבעלעך אין די באַקן, וואָס האָבן איר נאָך מער חן צוגעגעבן. האָט איר די מאַמע אַלץ נייע קליידלעך אויף קאַנווע אויסגע־נייט. און דאָס האָט איר אַזוי געפּאַסט פּונקט ווי די גרינע בלעטלעך אַרום אַ בליענדיקער רויז. זעננאַ איז אויך געוואָרן די באַלעבאָסטע פון הויף. אַלצדינג איז דורכגעגאַנגען דורך איר האַנט: זי האָט אויסגעטיילט עסן פאַר די דינסטן און פאַסטעכער, צוגענומען די מילך נאָכן מעלקן, איינגעטיילט זריעות פאַר די פעלדער, אַפילו צוגעזען אַז די שאָף און ציגן זאָלן נישט באַוועלט ווערן. און אַלץ מיט אַזאַ געניטער האַנט, אַז קיינער האָט זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן. האָבן אַלע שעפּעלעך און ציגעלעך זי ליב געהאַט, שטענ־

דיק זיך געדרייט אַרום איר, זיך צוגעווּוינט אַפילו צו אַלע אירע שטיפערייען, דעם אַ גלעט און דעם אַ קיצל אָן זייט, דעם פּאָר די הערנער אָנגעכאַפּט און געררייצט זיך, אַ צווייטן ביים בערדל אַ צופּ געטאָן; נאָר זיי האָבן דאָס אַלץ אָנגענומען פאַר גוט. אויך אַלע דינסטן פון הויף האָבן זי ליב געהאַט, און די פּאַסטעכער, אַך, וואָלטן זיי נאָר געמעגט צוגיין נאָענט צו איר, גוט באַ־טראַכטן זי און כאַטש אַ פּאָר ווערטער איבערוואַרפן! אָבער ווער ווייסט דען נישט, מיט וואָס דאָס קען זיך אויסלאָזן, און ווער וועט דען דאָס לעבן איינשטעלן ?..

*

צווישן טופּיק עפּענדיס פּאַסטעכער איז געווען איינער מיטן נאָמען קראַאים. אַ פּשוטן פעלאַכס אַ זון פונעם דאָרף עין־דאר. ער איז געווען אַ יונג אַ שיינער און אַ שטאַרקער. די ערד פלעגט אונטער אים ציטערן, ווען ער האָט זיך אויף אַ שקאַפּע געזעצט, און אַז אַ רויבער האָט אַמאָל געוואָגט פון טשערדע אַ שעפּעלע צו פאַרגאַרן איז געווען אָך און ווי צו אים. — קראַאים האָט גוט געוווּסט, ווי אַזוי צו מאַכן פילן זיינע אייזערנע הענט, און האָט ער פאַרוואָרפן אַ „נאַבוט״ אין דער לופט, איז שוין דער שטעקן געלעגן אויסגעלייגט אויף יענעמס קאַרק, אַ האַרעלע נישט פאַרפעלט. און שיין איז ער געווען און אויגן האָט ער געהאַט אַזעלכע, וואָס האָבן מענטשן צו זיך צוגעצויגן, און די ברוינע אָפענע ברוסט זיינע האָט געגלאַנצט ווי אַ שטיק געפּוצטער קופּער.

האָט קראַאים געוואָרפן אַן אויג אויף זעננאַן, דער שיינער, און זי האָט אים צוריקגעענטפערט מיט אַ שמייכל. ווי שטרענג עס איז אַן אַראַבישער טאַכטער פאַרבאָטן צו ריידן און אַפילו אַן אויפגעדעקט פּנים צו ווייזן פאַר אַ מאַן, האָבן זיי דאָך פון גרויס ליבשאַפט זיך דעם מנהג מתּיר געווען און געפונען אַ וועג ווי אַזוי צו טרעפן זיך, שענקען איינער דעם צווייטן פון זייער ליבשאַפט באַהאַלטענערהייט, אַז קיין פרעמד אויג זאָל זיי נישט זען, האָבן זיי זיך אין די נעכט געטראָפן, ווייט הינטערן דאָרף אויף די פעלדער, ביי די היילן פון נעבי דעכי און אין אַנדערע פלעצער. דאָרטן האָט מען זיך געקושט, געליבט זיך און זיסע ווערטער איינער דעם צווייטן געזאָגט. ווי גוט עס איז געווען צו ליגן איינגעפלאָכטן אין די שטאַרקע וואַרעמע אָרעמס פון קראַאים!..

און ווי גוט עס איז צו פילן דעם ריח פון זעננאַ, בעסער פון די ריחות פון פעלדער און פון די טייערסטע בשמים!..

נאָר לאַנג האָבן זיי אַזוי נישט געקענט בלייבן אינאײנעם, מען זאָל זיך אין שטוב נישט כאַפּן און זייער גרויסער סוד זאָל נישט ווערן מיטאַמאָל צום גערייד אין שטוב און פון גאַנצן דאָרף. האָבן זיי געציילט יעדע רגע, וואָס זיי זענען געווען אינאײנעם, חלומות און פאַנטאַזיעס געהאָפּטן אין זייערע נשמות און צעשיידט זיך ביז צו דער צווייטער באַגעגעניש. האָט זיך געמאַכט אַמאָל, אַ באַגעגעניש איז צו נישט געוואָרן, ווייל מ׳האָט דאָך געהיט די טריט פון זעננאַ, פלעגט קראַאים אַרויסנעמען זיין פייפל, אַוועקזעצן זיך ערגעץ אויף אַ פעלדז און אין דער טיפער נאַכט שפּילן, אויסשפּילן זיין בענקשאַפט:

איך וואַך אויף פון קריי פון האָן
און רוף אויס צו מיין געליבטער!..

האָבן זיך טענער צעשוועבט אין דער לופט פון טאָל, האָט זיי דער באַרג נעבי דעכי אויפגעכאַפּט און איבערגעגעבן זיי דעם ווינטל, וואָס האָט זיי צו זעננאַן געבראַכט. האָט זי אין איר אַלקער גוט געפילט, אַז פאַר איר שפּילט דאָס קראַאים אַזוי.

די באַגעגענישן זענען געוואָרן אַלץ אָפטער, זייער ליבשאַפט פון איינעם צום צווייטן האָט זיך צעפלאַקערט, ווי די זון אין אַ קלאָרן פרימאָרגן, און זיי האָבן זיך אַ שבועה געגעבן: שטענדיק זאָל די ליבשאַפט מיטגיין מיט זיי. טעמפּ זאָל ווערן די האַנט, וואָס וועט זייער גליק צעשטערן, און בלייבן זאָלן זיי איינס, ווען אַפילו דער יחוס פון טאַטן, זיין רייכקייט און שטאָלץ וועלן זיך שטעלן ווי אַ וואַנט צווישן זיי.

האָט זיך ווער געקאָנט ריכטן, אַז אַזוי פּלוצלינג וועט קומען דאָס אומ־גליק? זי האָט זיך מיט נייע מחשבות אַרומגעטראָגן: עפּעס האָט איר דער טאַטע די לעצטע טעג אָנגעהויבן דערגיין מיט אויספרעגענישן: הלמאי איז זי אַזוי פאַרחלומט, פאַרוואָס זענען אירע אויגן אַזוי פאַרבענקט? — האָט זי גע־טראַכט, זי וועט אָפּוואָרטן, אַז דער טאַטע וועט זיין אין אַ גוטן געמיט, וועט זי אָננעמען זיין גרויסע האַנט אין אירער און זאָגן: טאַטע, איך האָב מיך

ליב? אַיאַ דו זאָגסט, אַז אַלצדינג ביסטו גרייט צו טאָן פאַר מיר, זאָג טאַטע, אַיאַ? — זאָג זשע מיר דאָס נאָכאַמאָל און איך וועל גליקלעך זיין! און דאַן וועט זי אים דערציילן, ווער קראַאים איז אַזוינער, בעסער איז ער פון דעם שענסטן מלאך, שענער ווי די לבנה אין אַ ווייסער נאַכט, ליב האָט זי אים ווי איר אייגן האַרץ און אָן אים איז איר לעבן קיין טאַאַריפע נישט ווערט. און זי וועט קושן און גלעטן איר טאַטן, ווייך מאַכן זיין האַרץ, און אַז ער וועט זאָגן: יאָ. — אַללאַ, הייליקער, ווער וועט זיין גליקלעכער פון איר...

נאָר דאָס אַלץ זענען געווען שיינע מחשבות, מיט זיי איז זעננאַ איינגע־שלאָפן עטלעכע נעכט וואַרטנדיק, ווען מחשבות וועלן מעשים ווערן. נאָר זיי אַ בריה און רעכן אויס, אַז דערצו וועט אַפילו נישט קומען! גיי ווייס, אַז דער שונא לויערט אויף דיר אין דיין אייגענער שטוב, אַז דווקא זי, כּאַלימע, איר געטרייסטע דינסט, האָט קנאה איר אויפגעפּרעסן פון ליבשאַפט צו קראַאימען און ער האָט אַפילו נישט געוווסט דערפון. און איינמאָל ווען כּאַלימע האָט דערזען, אַז זעננאַ און קראַאים לאָזן זיך אַוועק אין דער פינצטערניש פון נאַכט צווישן די פעלדער, האָט זי לאַנג נישט געוואַרט, דאָס בלוט האָט אין איר אויפגעקאָכט: „וואָס קריכט זי, די צעפּעשטשעטע טאָכטער, צו אַ יונג נישט פון איר שטאַם, קאַרג איז איר די וועלט? און אויף מאָרגן פרי איז זי געקומען צו איר באַלעבאָסטע און דערציילט: זינדיק איז זעננאַ דיין טאָכטער, פאַר־פירט פון קראַאים דעם פּאַסטעך, נאַכט נאָך נאַכט בלייבן זיי ביידע, ערגעץ אין דער טיפער תבואה אויף די פעלדער, און ווען די פעלדזן פון נעבי דעכי וואָלטן געקענט רעדן, וואָלטן זיי אַ סך סודות דערציילט...

איז די וויסטע בשורה דערגאַנגען צו טופּיק עפּענדיס אויערן, איז ער געוואָרן מלא חימה, צעפּלאָנטערט זענען געוואָרן זיינע וואָנצעס, און אַ טיפער קנייטש האָט זיך באַוויזן ביי די ווינקעלעך פון זיין מויל. פון כעס האָט ער פאַרביסן מיט די ציין, און דאָ וועט שוין נישט העלפן דאָס בעטן פון זעננאַ. אַזאַ בושה! אַזאַ חרפּה! און מיט וועמען, מיט אַ פּאַסטעך פון אַ נידעריקן שטאַם! האָט ער געקאָכט ווי אַ זודיקער קעסל, דער גאַנצער הויף איז גע־גאַנגען קאַפּויר. האָבן אַלע פּאַסטעכער און דינסטן אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיטן עפּענדי, פּנים אל פּנים, ווייל איצט וועט ער שוין געפינען אויף וועמען צו בייזערן זיך און זיין כעס אויסלאָזן. און אַז קראַאים איז פאַרנאַכט־

לעך מיט פייפל־געזאַנג אַריין אין הויף בראש פון דער טשערעדע האָט אים שוין טופיק אָפּגעוואָרט און פון הויף פאַרטריבן און מיט אַזוינע ווערטער באַגלייט פונקט ווי מען פאַרטרייבט אַ קרעציקן הונט.

און זעננאַ? — גאַנצע טעג האָט זי נישט געגעסן און נישט געטרונקען, פאַרחלומט און פאַרוויינט איז זי מיט שטילע טריט הין און צוריק געגאַנגען אין איר שטוב, אין הויף, אויסגעמיטן האָט זי צו טרעפן זיך אויג אויף אויג מיט ווער עמען עס איז, אַפילו מיט איר אייגענעם טאַטן. און די ווייסע קאַץ האָט זיך געטוליעט און געדרייט מיט איר וואַרעמען קערפּער צו אירע נאַקעטע פיס, פונקט ווי זי וואָלט געזאָגט: איך פאַרשטיי דיך, זעננאַ, איך פיל דיר מיט, נאָר זאָרג נישט!..

*

וואָס איז געוואָרן מיט קראַאימען? — ער האָט אויך נישט געשוויגן, ווי האָט ער געקאָנט שווייגן און אונטערגעבן זיך דעם גורל. אַז זיין נשמה האָט געזאָטן ווי די כוואַליעס אין אַ שטורעמדיקן ים, אַז יעדע רגע האָבן זיך אין אים איבערגעוואָרפן צוויי געפילן: בענקשאַפט און בושה, וואָס האָבן נישט אַנדערש ווי נאָר נקמה פאַרלאַנגט... געדענקט האָט ער די שבועה וואָס זיי האָבן זיך געגעבן. און נאָך לאַנגער טראַכטעניש האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, זאָל זיין וואָס עס זאָל נישט זיין, ער מוז זיין באַשערטע אַרויסנעמען, אַרויס־גנבענען און אינאיינעם מיט איר אַנטלויפן. און ווי נאָר די זון איז איינגע־שלאָפן און דער באַרג נעבי דעכי האָט זיך פאַרדעקט מיט אַ טונקל־גרויען צודעק, האָט קראַאים זיין שקאַפע געזאָטלט און מיט פאַמעלעכע געציילטע טריט צווישן די פעלדער אַריין. אַ וואַרעמער טוי האָט געשפּריצט פון די זאַנגען, און די לופט האָט געשמעקט מיטן ריח פון דער ערד. ער האָט אָפּ־געלאָזט זיין שקאַפע, זי זאָל זיך אַליין אין פעלד פיטערן, האָט ער זיין פייפל פון בוזעם אַרויסגעשלעפּט און זיסע טענער האָבן זיך אין טאָל צעגאָסן:

אַך, ווי איך זיץ אויף די וועגן,
מיין האַרץ איז מיט בענקשאַפט פאַרצויגן
ווער סוועט מיין ליבסטע מיר ברענגען
דעם גיב איך אַן אויג פון מיינע אויגן...

נאָך זיסער ווי דאָס געזאַנג פון אַ קאַנאַריקל זענען איצט געווען די טענער פון פאַסטעכס פייפל. האָבן זיך טייכן גאַנצע מיט בענקשאַפט צעגאָסן איבערן טאָל ביז זיי האָבן פאַרפלייצט דאָס הויז פון טופיק עפענדי. ביימער זענען געבליבן פאַרכישופט, קיין ריר זיך נישט געגעבן. אַלץ האָט זיך צו־געהערט צום געזאַנג. און זעננאַ האָט אַליין נישט געוווסט ווו זי געפינט זיך. ווי אַ ברוסט־שנירל האָט זיך איר האַרץ געצויגן, אירע פאַרחלומטע אויגן האָבן זיך אַליין פון זיך צוגעמאַכט, זי האָט זיך, ווי איינע וואָס פאַרלירט מיט אַמאָל איר גלייכוואָג, פאַרלייגט איר קאָפּ אויף אייגענער האַנט, אָנגע־שפּאַרט זיך אָן די ווענטלעך פון שטול און געלאָזט די געדאַנקען פליען דורך אַלע שפּאַרונקעס פון שטוב. האָט זי געוואַרט ביז אין שטוב און אין הויף איז שטיל געוואָרן, אַלץ איז געשלאָפן, פאַסטעכער אין די שטאַלן זענען געשמאַק געשלאָפן, שעפעלעך האָבן געפליוסקעט מיט די נעזער, פונקט ווי זיי וואָלטן פון אַ קאָטער געליטן. און זי האָט געוואַרט.

— צי... צי... צי... האָט זיך פלוצלינג פון גאָר נאָענט, דוכט זיך פון אונטערן פענסטער דערהערט. אַ ציטער איז איר דורכן לייב אַדורך. איין מינוט איז זי געבליבן ווי פאַרגליווערט, נאָר באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דאָס האָט אַוודאי ער, קראַאים, גערופן, מן־הסתם אויף אַלע פיר דער־פויזעט אַהער. און גנביש, זי זאָל אויף זיך קיין חשד נישט וואַרפן, האָט זי זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב און מיט גאָר שטילע טריט, אויף די שפּיץ פינגער, געלאָזט זיך אויף יענער זייט הויז, פון וואַנען דער רוף איז געקומען.

איינגעקלאַמערט אינער אינעם צווייטן, איז מען געזעסן מיט קלאַפּנ־דיקע הערצער און דער קלענסטער שאָרך האָט אַ ציטער געבראַכט.

— אונדזער שבועה, זעננאַ, געדענקסטו? שווער איז מיר יעדע רגע אָן דיר, מיין האַרץ צעגייט פון בענקשאַפט...

האָבן ווערטער טרערן געבראַכט, האָט זי זיך מער איינגעטוליעט אין אים און באַנעצט זיין ברוסט מיט אירע וואַרעמע טרערן. און ער האָט איר קאָפּ געקושט, איינגענורעט זיינע ליפּן צווישן די האָר פון איר קאָפּ און מיט וואַרעמען אָטעם זיי באַנעצט.

זיי גרייט, זעננאַ, כ׳בין דיר איצט געקומען זאָגן, אַז דאַרפסט זיך ריכטן,

אַז אַ ליאַדע נאַכט זאָל איך קומען דיך פון דאַנען אַרויסגנבבענען. ביסטו גרייט, ליבסטע ?

— אַפילו אין עק וועלט, קראַאים, וועט מיך נאָר דיין האַנט פירן, וועלן מיינע פיס שוין פון זיך אַליין גיין...

שווער איז געווען דאָס געזעגענען זיך. נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל האָט מען זיך געדריקט, ביז אַ קליין ווינטעלע האָט אויך זעננאַן אין שטוב גע־שיקט. קראַאים איז זיך אויף אַלע פיר, ווי אַ זשאַבע, געפּויזעט ביז ער איז צוריק אין מיטן פעלד געווען און זיין שקאַפּע אָפּגעזוכט.

— אַנגעפּרעסן האָסטו זיך מיט פרישן ווייץ, זע מ׳זאָל דיך נישט כאַפּן. גלייכער און געזינטער וועט זיין פאַר אונדז ביידן, מיר זאָלן זיך וואָס גיכער פון דאַנען אָפּטראָגן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער שקאַפּע און נישט פאַרפעלט צוצולייגן זיין באַק צו איר קאָפּ, אַ לאַשטשע טאָן, נאָך אַלץ טראַכטנדיק, אַז זעננאַ איז לעבן אים, — און מיט אַ האַרץ פול מיט האָפע־נונגען האָט ער פלינק ווי אַן אָדלער זיך אַ זעץ געטאָן אויפן רוקן פון דער שקאַפּע, אַ קיצל געטאָן מיטן פוס אין בויך, און זי האָט געהייבן פיס. עס האָט גאָר נישט לאַנג געדויערט, איז ער שוין ווידער געווען ביי זיך אין דאָרף.

גאַנצע נעכט זענען זיי נישט געשלאָפן. זי איז געלעגן ביי זיך אין בעט אין פאָטערס הויז, און דער קאָפּ פול מיט מחשבות. געכאַפּט אַ קוק אויפן טיר פון צווייטן אַלקער, ווו דער פאָטער שלאָפט, און אַ טראַכט געטאָן, אַז עס איז גאָר נישט אַזוי גרינג צו פאַרלאָזן דעם טאַטן מיט דער מאַמען... אָבער קראַאים. קראַאים !

און ער, קראַאים, האָט די גאַנצע צייט געטראַכט און געשפּינט פּלענער: ווי אַזוי וועט ער זי גנבענען ? וווהין וועט ער זי נעמען ? און ווו וועלן זיי בלייבן ? געטראַכט און געטראַכט און צו קיין אַנדער אויסוועג זיך נישט דערטראַכט, ווי נאָר זי צו זיך אין דאָרף ברענגען, צום שייך. אין זיין רשות וועט ער זי איבערגעבן, ערשט נאָכדעם וועט ער מענטשן שיקן צו איר טאַטן, זאָלן זיי אים מיט גוטן איינרעדן און וועט ער מיט גוטן נישט וועלן, וועט מען כוחות מעסטן, און ווער ס׳וועט שטאַרקער זיין וועט מען שפּעטער זען...

האָט קראַאים אָפּגעוואַרט, ביז וואַנען די נעכט וועלן זיין פינצטערע, און

ווען אין איינער פון די סוף חודש נעכט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז טופּיק עפּענדי וועט זיך שפּעט אין דער נאַכט פאַרזאַמען אין דער נאָענטער שטאָט נצרת, האָט אים אַ שטאַרקער קלאַפּ אין האַרצן געגעבן, עס האָט אים אָנגע־הויבן צו שווינדלען אין די אויגן און אין איין רגע האָט ער ביי זיך אָפּגע־מאַכט: היינט, היינט ביינאַכט מוז דאָס געשען!

האָט ער זיין שקאַפּע פון שטאַל אַרויסגעפירט, איר ליבלעך אַ גלעט געטאָן אַרום האַלדז און צו איר געזאָגט: זע שוועסטערקע, זיי גרייט היינט, העלף צו און לאָמיר מיין באַשערטע אַרויסקריגן. האָט די ווערטער די ווייסע שקאַפּע אויסגעהערט און זי האָט מיט אַ פאָדערשטן פוס אַ שאַר געטאָן אין די ערד, דעם קאָפּ האָט זי אַ שאָקל געטאָן, ווי דאָס וואָלט זי געענטפערט: פאַרלאָז זיך אויף מיר, קראַאים, מיט אַזאַ העלד ווי דו, קראַאים, אויף מיין רוקן וועלן מירביידע נישט פאַרשעמט ווערן!..

מיט גאָר אַנדערע וועגן איז קראַאים דאָס מאָל געריטן צו כפר נון. ער איז געקומען צום באַרג, האָט ער ווי דער שטייגער איז, אָפּגעלאָזט די שקאַפּע פריי, אַליין האָט ער אַ פּייער צעלייגט, און דאָס איז געווען דער ערשטער סימן פאַר זעננאַן: היינט וועט דאָס גרויסע געשען... און ווען דאָס וועט אייַנפאַלן, אַז דאָס פּייערל ביים באַרג האָט קראַאים צעלייגט, זיכער איז דאָך, אַז אַלע וועלן טראַכטן: וואַנדערער מיט זייערע קאַראַוואַנען גייען פון וויטן וועג, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען און אפשר אַ נאַכט דורכשלאָפן ביים באַרג. דאָס פּייערל האָט זיך צעפלאַקערט. שטעכערס האָבן געקנאַקט און געוואָרפן פון זיך פונקען. דער רויך האָט זיך אויפגעהויבן אין דער הייך און איז פאַרשוונדן צווישן טאָל און בערג. קראַאים האָט מיט שטילע טריט געלאָזט זיך דורך די פעלדער צו כפר נון, און ווען ער איז געקומען נאָענט צום שטוב פון זעננאַ, האָט ער זיך ווי אַלע מאָל אויף דער ערד אויסגעצויגן און אויף אַלע פיר געפּויזעט, אַזוי איז ער דערקראָכן ביז צום שטוב. ער האָט שוין געוווּסט, אַז זעננאַ וועט אויף אים אין דרויסן וואַרטן, זיי האָבן דאָך אָפּגעמאַכט: „ווען זעסטו אַ פּייערל ביים באַרג זען, קום אַרויס און וואַרט, ווייל געקומען איז דיין געליבטער”. און זי האָט וואַרט געהאַלטן. עס האָט נישט געדויערט קיין עטלעכע מינוטן, זינט זי האָט זיך פון איר פאָטערס שטוב אַרויסגעשלייכט, איז שוין קראַאים אויף זיינע פיס

געוועז. און נישט ריידנדיק קיין וואָרט, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר אירע לענדן און נישט געבליבן מיט איר צווישן די פעלדער. אַוודאי האָט די ווייסע שקאַפּע געוווּסט, וואָס זי האָט צו טאָן, זי איז אַנטקעגן געקומען, אָפּגעשטעלט זיך און צוגעקוקט זיך מיט וואָס פאַר אַן אויפרעגונג און ליבשאַפט קראַאים האָט זעננאַן צוערשט אויפגעזעצט און נאָכדעם אַליין אַרויף אויף איר רוקן. אַזוי ווי אַ גרויסער פויגל איז די ווייסע שקאַפּע געפלויגן, זי האָט געפילט, אַז שטייפער און שטייפער ווערן זייערע פיס צוגעפּאַסט צו איר רוקן, וואָ־רעמקייט פון דריי קערפּערס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן און טראָפּנס שווייס האָבן זיך אויף די וועגן פאַרזייט. און נאָך איידער זיי האָבן צייט געהאָט אַ וואָרט איבערבייטן, האָט שוין די שטאָלצע ווייסע שקאַפּע זיי געבראַכט צום ערשטן טויער פון דאָרף עין דאר. די נאַכט איז געווען פאַרהילט אין אַ שטילן שלאָף. דאָס דאָרף עין דאר איז געשלאָפן און געחלומט פון אַ גוטן שניט, אַ פעטן שייער, און פון נאָך אַזעלכע זאַכן. די גרויסע הינט האָבן געלאָזט הערן זייער האַווקען איבערן דאָרף, ווי נאָר זיי האָבן איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן, אַז קראַאים איז עס דער, וואָס איז אין אַ שפּעטער נאַכט געקומען, זענען זיי איינער נאָכן צווייטן שטיל געוואָרן. זעננאַ איז געבליבן שטיין אין דרויסן פון שטאַל אַ צעטומלטע, זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַ־רויקט און האָט נישט געוווּסט אַפילו אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון ווו זי גע־פינט זיך.

נאָר וואָס וועט איצט זיין ? שפּעט איז דאָך אין דער נאַכט, און ראַפּאַ בעק, דער שייך פון דאָרף שלאָפט שוין פון לאַנג. ווי וועט אים קראַאים איצט וועקן ? האָט מען זיך דערוויל אין דער שטיל אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון שטאַל, שטאַרק געקושט זיך און געהאַלדזט. איז מען אַזוי געזעסן, ביז דער האָן האָט זיין ערשטן קריי געטאָן, און ערשט דאַן האָט מען זיך געכאַפּט, אַז לאַנג זיצן אַזוי טאָר מען נישט און מ׳איז צום שטוב פון שייך געגאַנגען.

— ווער איז דער וואָס קלאַפּט ביי מיר אין מיטן דער נאַכט ?

— שייך דו גרויסער, דאָס בין איך, קראַאים.

— וואָס ווילסטו קראַאים, זון פון מיין דאָרף, אין מיטן דער נאַכט ?

— אין דיין שוץ נייטיק איך זיך, אָן דיר, גרויסער שייך, איז מיין לעבן אין אַ סכנה !..

— דער שייך פון דיין דאָרף, קראַאים, וועט שטענדיק אונטער זיין שוץ נעמען און העלפן איינעם פון זיינע גלויביקע, קום מיין ברודער, קום אַריין, דערצייל, ווער האָט דיר שלעכטס געטאָן?

האָט קראַאים זעננאַן אין דרויסן געלאָזט (ווי דער שטייגער איז) — זאָל זי צוואַרטן, ביז ער וועט אַלץ זיין שייך דערקלערן — און ער איז אַריין אין זיין שייכס שטוב. האָט מען פריער איינער דעם צווייטן אויסגעפרעגט וואָס מאַכט די פאַמיליע, כודאָבע און אַנדערע זאַכן און ערשט נאָכדעם, ווי מען האָט פון נאַרגילעס געררויכערט, האָט דער שייך ראַפּאַ בעק אַ זאָג געטאָן:

— דערצייל ברודער, דערצייל אַלץ, באַהאַלט נישט פון מיר קיין סוד, ווייל ווייל איז דעם, וואָס האָט פאַרן אמת נישט קיין מורא!

האָט קראַאים זיך געדרייט אַהין און אַהער מיט האַלבע ווערטער זיך מתוודה געווען פאַר זיין שייך:

— אָרנטלעך און איבערגעגעבן האָב איך געדינט ביי טופיק עפענדי פון כפר נון, זיינע טשערעדעס געפיטערט, יעדן ציגעלע און שעפעלע אויפן אויג געהאַט, נישט איינמאָל דאָס לעבן איינגעשטעלט אָפּצוהיטן דאָס גוטס פון טופיק עפענדי, ווייל נישט פאַרשעמען האָב איך געוואָלט דעם גוטן נאָמען פון אונדזער דאָרף. איז ביי טופיק עפענדי אַ טאָכטער געוואַקסן, אַ שיינע און אַ גוטע און צו איר שיינקייט און גוטסקייט איז גאָר קיין גרענעץ נישטאָ. איז דאָס זיכער געווען דער ווונטש פון אַללאַ, און אין דער זעלבער צייט האָבן מירביידע איינער אויפן צווייטן אַן אויג געוואָרפן. האָבן מיר זיך ביידע אַ שבועה געגעבן, אַז שטענדיק זאָלן מיר אינאיינעם זיין, געשוואָרן האָבן מיר ביי אַללאַ דעם גרויסן און מוכאַמעד דעם הייליקן. האָט זיך דערפון דערוווּסט טופיק עפענדי און זיין כעס און צאָרן אויסגעגאָסן אויף אונדז. האָט ער מיך ווי אַ הונט פאַרטריבן און זי האָט ער אין שטוב פאַרשפאַרט. האָב איך טעג און נעכט נישט געקענט רוען, אויף שטיקלעך איז מיין האַרץ צעריסן געוואָרן פון גרויס בענקשאַפט נאָך איר, און אויך זי ווי איך. אַ גוטע איז זי און ריין ווי אַ ווייסע טויב. האָב איך מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן מיין בענקשאַפט און היינט ביינאַכט האָב איך מיט איר גוטן ווילן פון איר טאַטנס שטוב זי געגנבעט און אַהער געבראַכט. אין דיין רשות, מיין שייך, גיב איך זי איצט איבער, ביז די שלעכטע ווינטן וועלן פאַרביילויפן, ביז עס וועט

ווייכער ווערן דאָס האַרץ פון טופיק עפענדי, ביז צו מיין טויט וועט אַ שטענ־דיקע ברכה צו אַללאַ און צו דיר זיין אויף מיינע ליפּן. העלף מיר, גוטער און געטרייער שייך...

— און ווו איז דאָס מיידל, קראַאים?

— אָט דאָ, אין הויף ביי דיר, אין דרויסן ביים שטאַל שטייט זי און וואַרט ביז כ׳וועל צוריק קומען.

האָט דער שייך אויסגעהערט די געשיכטע, זיין פּנים איז פאַרצויגן גע־וואָרן מיט טרויער, פאַרקנייטשט האָט ער זיין שטערן, קענטיק אַז עפּעס אַ שווערע משא דריקט אויף זיין האַרצן. מ׳דאַרף קיין גרויסער חכם נישט זיין, כדי צו פאַרשטיין וואָס מינעט זיך אַזוי דער שייך. ווועמען גלוסט זיך דאָס אָנ־הויבן מיטן רייכן עפענדי, וואָס אַלעמען האָט ער אויף זיין זייט, און וועמען ווילט זיך דאָס אין שניט צייט צו פאַרוואַנדלען דאָס גאַנצע דאָרף אין אַ קאָך־קעסל? און ווער ווייסט דען נישט, אַז טופיק עפענדי איז נישט פון די פאַרשווייגער? ער וועט דאָך נישט בלייבן זיצן פאַרלייגט די הענט! נאָר גיי מאַך עפּעס, אַ שייך איז ער דאָך, און אַ שייך מוז העלפן אַ מענטשן פון זיין דאָרף, און ווען איינער קומט און זאָגט: „אין דיין רשות גיב איך זי איבער״,

— איז דער קיין שייך נישט, וואָס וועט זיך אָפּזאָגן... האָט ראַפאַ בעק אַ ציי געטאָן ביים ציביק פון זיין נאַרגילע, אַ רגע אַ טראַכט געטאָן און זיך צו אַ טיר פון אַלקער געלאָזט, אָנגעקלאַפּט און אַריינגעשריען:

— כאַמסטוראַ, מאַך ריין אַ בעט פאַר אַ טאָכטער פון כפר נון, אין דיינע הענט לאָז איך זי איבער, פון דיר וועל איך זי פאַרלאַנגען, מיט דיין לעבן וועסטו באַצאָלן, אויב עפּעס שלעכטס וועט צו איר געשען אין מיין שטוב, אויף מיין ערבות לאָזט מען זי איבער. געדענק זשע, כאַמאַסטוראַ!

נאָכדעם האָט ער ברידערלעך אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף קראַאימס אַקסל, און אַ זאָג געטאָן:

— מיט דער הילף פון אַללאַ וועט אַלצדינג גוט זיין, מיין ברודער, ברענג אַהער דיין באַשערטע, זיי רויִק און זאָל דיין וועג מיט גליק זיין.

*

און וואָס מיט זעננאַן האָט דערוויַיל געטראָפן, זאָלט איר שוין בעסער נישט פרעגן. אַן אומרויִקע און פאַרלאָרענע איז זי געבליבן זיצן אין ווינקל פון

אַ שטאָל אין אַ פרעמדן דאָרף אין מיטן נאַכט. יעדע רגע האָט זיך איר געדוכט איז אַ יאָר. הינט האָבן דערשמעקט אַ פרעמדן אין זייער דאָרף און האָבן דעם שטאָל שיער אויף שטיקלעך נישט פונאַנדערגעטראָגן. זי איז געזעסן און האָט געפילט, אַז איר קאָפּ טראָגט זי אין דער לופטן, נמאס איז איר מיט אַמאָל געוואָרן דאָס גאַנצע שפּיל, אָט, דוכט זיך, איז זי שוין גרייט צוריק אין איר דאָרף צו לויפן, די בענקשאַפט נאָך דער אייגענער היים איז שטאַרק, נאָכן טאַטן און נאָך דער מאַמען, נאָך די לאַסקעס און חנדלעך פון אייגענע... אָבער קראַאימס איינמאָל צודריקן צום האַרצן...

האָבן מחשבות זיך געפּלאָנטערט. האָט זי דערפילט אַז עס ווערט איר פאַרגליוועורט אבער נאָך אבר, צו שוואַך איז זי געוואָרן פון דעם געראַנגל און ווי עפּעס אַ באַהאַלטענער קול האָט זיך צו אירע אויערן פאַרקליבן:

זעננאַ, זעננאַ, טאָכטער פון גרויסן יחוס, מיט וועמען פאַרבינדסטו דיין גורל, מיט אַ פּאַסטעך פון נידעריקן שטאַם? געדענק זשע, אַז דער גוטער ריח פון דער שענסטער בלום וועפּט אויס, ווען די בלעטלעך טריקענען איין, אויך ליבשאַפט איז אַזוי, און וואָס וועט פון דיר, שיינקייט פון נעבי דעכי, שפּעטער ווערן?

אַ דערשראָקענע ענטפערט זי אָפּ דעם אומבאַוווסטן קול:

— ניין, נישט אמת, אייביק וועט דאָך וואַרעמען די ליבשאַפט און אײַבערגעבנקייט פון קראַאים, אייביק איז זיין פייער און וועט קיינמאָל נישט אויסגיין...

און אַזוי טראַכטנדיק האָט זי גאָר נישט געפילט ווי גיך עס האָט זיך אַ פראַל געטאָן דער טויער פון שטאָל און אַ מענגע רייטער פון כפר נון האָבן זי אַ נעם געטאָן ביי די לענדן און פאַרשוווּנדן מיט איר. געהיט אירע טריט האָט כאַלימע די דינסט. זי איז נעבכט נישט געשלאָפן, אָן אויג נישט צוגעמאַכט און ס'האָט לאַנג נישט גענומען פון זעננאַס אַנטלויפן מיט קראַאים, האָט שוין טופיק עפּענדי געוווּסט וועגן דעם. אויף גיך האָט ער זיינע רייטער אויף די פיס געשטעלט און אַ באַפעל:

— לעבעדיק אָדער טויט, אַהער זאָלט איר זי ברענגען!

האָבן זיי שטיקער רויע פלייש פאַר די הינט פון עין דאר געוואָרפן, צוצומאַכן זייערע פּיסקעס, זיי זאָלן נישט מאַכן קיין טומל. וועט זיך איינגעבן

אין דער שטיל דורכפירן — איז גוט. ווען נישט — זענען ביקסן געאוילטע און מעסערס געשאַרפטע פאַראַן. האָבן זיי זי אַ כאַפּ געטאָן און מיט גרויס שמחה אַוועק אין כפר נון.

און ווען זי איז, אַ פאַרחלשטע געזעסן אויף אַ שקאַפּע געטראָגן פון ווינט, האָט זי אויסגעאָטעמט די בענקשאַפט און ווייטיק פון דער גאַנצער וועלט.

✶

און ווען קראַאים איז אַ גליקלעכער אַרויס פון שייכס שטוב זיין געליבטע אַריינצורופן האָט ער גלייך דערפילט זיין בראָך. ווי אַ ווילדער איז ער געלאָפן פון שטאָל צו שטאָל, אין די הויפן און אין די גערטנער און אויפן שייער גערופן אויף אַ קול:

ז־ע־נ־נ־אַ!... ז־ע־נ־נ־אַ־!...

ווו ביסטו, מיין ליבסטע? ווו ביסטו. זעננאַ, רוף זיך אָפּ, עס רופט דיך דיין געליבטער!..

ז־ע־נ־נ־אַ!... ז־ע־נ־נ־אַ־!...

און קיינער האָט נישט געענטפערט. זיינע קולות האָבן זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן דאָרף. די הינט האָבן זיך צעלאָזט אין אַ האַווקעניש. שאַקאַלן אויף די פעלדער האָבן געוויינט אַ ביטער געוויין. איין אייזל נאָכן צווייטן האָט זיך צערעוועט. און די יללה האָט זיך אויסגעמישט אינאיינעם מיט די ווילדע קולות פון קראַאים:

ז־ע־נ־נ־אַ!... ז־ע־נ־נ־אַ־!...

✶

און אַ קריג אַ גרויסער האָט זיך צעפלאַקערט צווישןביידע דערפער. טופיק עפענדי האָט אַלע זיינע מענטשן אויפגעהעצט קעגן דעם דאָרף עין דאר און דאָס זעלבע האָט אויך דער שייך ראַפאַ בעק געטאָן. האָט מען איינער ביים צווייטן געגנבעט, האָט מען פעלדער גאַנצע צעטראָטן און אויסגעשאָטן די קערנער פון די זאַנגען. פאַרגאָסן זענען געוואָרן גרינע גראָזן מיט שאַרפן סם. און נאָך ערגער איז געוואָרן דער קריג צווישן מענטש און מענטש. ניט איין טויטן האָט מען געבראַכט אַמאָל פון דעם און אַמאָל פון צווייטן דאָרף. משפחות גאַנצע האָבן אויף שטענדיק נקמה געשווירן. און

נאָך שטאַרקער איז צעפלאַקערט געוואָרן דער קריג ווען צווײ פעלאַכן פון דאָרף עין דאר האָבן איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט צוריק פון פעלד אומגעקערט זיך און אַ צעשטאָכענעם אין בויך און אין קאָפּ האָבן זיי געבראַכט קראַאימען. אין אַ רינווע, וואָס האָט זיך געצויגן ביים גרענעץ פון זייערע פעלדער, האָבן זיי אים אַ טויטן געפונען. דאָס גאַנצע דאָרף האָט אויפגעברויזט. פרויען האָבן אין בלעכן געקלאַפּט און געשריען, מיט אַ פינגער איבערן מויל געפירט האָבן זיי גערופן: לאַ... לאַ... לאַ... קומט אַרויס, גבורים פון דאָרף, קומט אַרויס, ווייל דאָס בלוט פון אייער ברודער רופט!..

האָט דאָס גאַנצע דאָרף פון קליין ביז גרויס, ווייב און קינד געלאָזט זיך מיט גרויס אימפּעט צו כפר נון און דער גרויסער קריג האָט זיך צע־פלאַקערט. מענטשן פון ביידע זייטן זענען געפאַלן. האָט די ערד איינגעזאַפּט אין זיך רויטע וואַרעמע בלוט, און פאַרטאָג, ווען דער מאָרגנשטערן איז ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן פון הימל און די זון האָט זיך גענומען אַרויסרוקן פון איר נאַכטיקן שלאָף, האָט זי צוגעזען, ווי עס ווערן טויטע קערפּערס גע־שלעפּט אין ביידע דערפער. האָט זי אויך דערהערט דאָס געשריי פון דאָרף עין דאר:

קינדער און קינדס־קינדער וועלן געדענקען, אַז ערגער פון אַ שלאַנג איז אַ מענטש פון כפר נון, אַז מיט אַ שמחה אַ גרויסער וועט מען אָפּצאָלן יעדן איינעם וואָס וועט אַ קאָפּ פון כפר נון ברענגען. דאָס זעלבע האָט זיך אויך אין כפר נון געהערט...

נעבי דעכי — אַ נאָמען פון אַ באַרג.
בעלעד — שטאָט.
פעלאַך — אַ פּויער, ערד אַרבעטער.
דוראַ פּראַנדזשיאַ — קערנער אַזעלכע.
בעק — אַ טיטול, אַן איבערבלייבעניש נאָך פון טערקס צייטן.

אַ קניפּל

אין קאַלקיליע, נעבן די בערג פון שומרון, אינעם דאָרף פון די „שאַ־באַב״, רייטער און סתם ווילע יונגען, זענען זיך די מענער געזעסן אויף דער „מיזבעלע״ און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד, ביז ס׳וועט צוריקקומען פון דער שטאָט טול כרם דער שייך חאַדזש אַבו יוסוף. פון אים וועט מען זיך זיכער דערוויסן אַלע נייעסן פון דער גאַנצער וועלט, און אַוודאי פון דער געגנט.

און אָט באַווייזט זיך דער שייך פון דערווייטנס. אַ שטאָלצער זיצט ער זיך, רייטנדיק אויף זיין „אַסילע״. זי, די אַסילע, איז שוין פון לאַנג באַרימט אין דער גאַנצער געגנט און לויט איר שפּאַנען און פאַרריסענעם קאָפּ, איז קענטיק, אַז זי ווייסט איר ווערט.

איז צום שייך צוגעלאָפן איינער פון די שאַבאַב, צוגענומען פון אים די אַסילע, כדי אָפּצופירן זי אין שטאַל און די איבעריקע האָבן דעם שייך אַרומגערינגלט אויף דער מיזבעלע.

נאָכן באַגריסן זיך מיט אַלע פאַר אַמאָל און מיט יעדן באַזונדער, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף די פאַמיליעס, חודאָבע און אַנדערע זאַכן. דערנאָך אָנגעהויבן צו דערציילן אַלע נייעסן: אין לוד וועט אינגיכן אַ גרויסער מאַרק זיין, אין דזשעדידע וועט זיין אַ גרויסע „פאַנטאַזיע״ און מען דאַרף זען, אַז די שאַבאַב פון דאָרף זאָל ווייטער בלייבן דער אויבן־אָן פון דער גאַנצער געגנט. אַזוי איז מען געזעסן און גערעדט פון קליינע און גרויסע זאַכן, ביז פון דערווייטנס, פון צווישן די בערג, האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פריער אַ קליין פייערל און דערנאָך האָט זיך עס גענומען פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן הימל און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, אַזוי ווי פון הינטער די בערג, האָט זיך גענומען אויסשניידן די לבנה.

פון דער נאָענט הערט זיך דאָס וויינען פון שאַקאַלן. זייער וויינען פאַר־כאַפּט ביי דער נשמה און רופט אַרויס רחמנות. פאַלש זענען זיי און פאַלש

איז זייער ווייַנען! מען דאַרף פֿאַרמאַכן די הינער־שטייגן. וואָרעם אַזוי וויי־נענדיק, ביטער ווייַנענדיק, קענען די שאַקאַלן אַוועקפּטרן מיט זייערע לאַנגע מיילער עטלעכע פּעטע, געשמאַקע הינער...

און דער שייך זיצט מיט די לייט פֿונעם דאָרף און שמועסט. פֿון דער־ווייטנס אויפֿן שייער שפּרינגט אַרום געפּענטעט אַן אייזל. דער ברוינער קאָפּ שוואַרצט זיך פֿון דערווייטנס. די מיידלעך קערן זיך אום מיט די וואַסער־קרוגן אויפֿן קאָפּ פֿון דעם געמויערטן ברונעם. זיי גייען אַרום און אַרום נישט צו פֿאַרבייגיין די מענער און דער „מיזבעלע״, נישט צו וואַרפֿן זיך אין די אויגן פֿון פֿרעמדע מענער, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַראַבישע טעכטער. פֿון די שטאַלן הערט זיך דאָס פֿאַרנאַכטיקע מעקען פֿון די נאַר וואָס צוריק־געקומענע שאָף פֿון דער פּאַשע. די ווייבער ברענגען פֿרישע גראָז פֿאַר די בהמות און שאָף — און גלייך דערהערט זיך דאָס בוטשקען פֿון די קעלבלעך אַרום די אייטערס און נאָכדעם דאָס געשפּריץ פֿון דער מילך אין די צעבערס:

און דאָ רופֿט זיך אָן דער אַלטער דערוויש:

— אָט וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה. האָרכט זיך גוט צו, עס איז ווערט צו הערן!

אַלע בלייבן מיט אַ מאָל שטיל. מ׳פֿאַררויכערט. ווער ס׳פֿאַרדרייט אַ ציגאַר טוטין און ווער עס בולבעט אין דער נאַרגילע. פֿאַרלייגט אַ פֿוס איבער אַ פֿוס, זיצן אַלע גרייט צו הערן די מעשה. און ווייסן ווייסט יעדער איינער, אַז די מעשה איז אַ שרעקלעכע, ווייל דער אַלטער דערוויש איז שוין באַוווּסט מיט זיינע פּחדימדיקע מעשיות.

ער אַליין, דער אַלטער דערוויש, מיט אַ שוואַרץ פֿאַרברענט פּנים, מיט אַ גוריער באָרד און וואָנצעס, מיט אַ שאַרפֿן אַריינדרינגענדיקן קוק, הוסט זיך אויס, רייבט צענויף צווישן די הענט דעם שוואַרצלעכן טאַבאַק, פֿאַרקעט זיך אַ רגע אַרום דער האַלב־פֿאַרלאָשענער קויל איבער דער גרויסער פֿלאַש פֿון דער נאַרגילע, טוט אַ ציִ ביים ציבעק, אַז דאָס וואַסער בולבעט אויף — הויבט ער אָן:

— „קונט פֿול מעדינע מעקאַ״ און דאָרטן אין מעדינע זענען פֿאַראַן הייזער הויכע, וואָס זייער שפּיץ דערגרייכט ביז... ביז צום הימל! גרויסע, אייזערנע וועגענער אויף פֿיר רעדער לויפֿן דאָרטן אַרום אַליין אָן פֿערד און

אַן אייזלען אויף די גאַסן און מענטשן זיצן אין זיי און רעדן, רויכערן, אַזוי ווי עס גייט זיי גאָר נישט אָן, וואָלאַ איל אַזים! שאַבאַב זענען דאָרטן דאָ אפשר... אפשר טויזנט!..

דער מאַרק איז גרויס, גרויס. מ׳קען פאַרפאַלן ווערן און קיינמאָל נישט טרעפן צוריק. מען מוז זיך אַ גרויסן סימן מאַכן צוריקצוקומען אויפן זעלבן פלאַץ. און פול איז דער מאַרק מיט כל טוב!

און אָט שטיי איך אַזוי אין מאַרק און מיין אויג קען זיך נישט צוגעוווינען און אָנזעטיקן מיט אַלץ וואָס מען זעט דאָרטן. מיט אַמאָל באַוויזט זיך די כישוף מאַכערין פון מעדינע, יאַ באַ יע! האָט זי שוין איינמאָל באַוויזן וווּנדער!

וואָלאַ איל אַזים! זי האָט אַכאַפּ געטאָן אַ חאַיע (אַ שלאַנג) אין האַנט און די חאַיע האָט זי אַפילו אַ ריר נישט געטאָן. זי איז געלעגן ביי איר אין האַנט און זיך געטרייסלט פון שרעק. דערנאָך האָט זי געגעבן אַ געשריי אויף אַ „דעבע״ און זי האָט זיך גלייך צו אירע פיס געלייגט ווי אַ שעפּעלע, אויס מורא פאַר איר, וואָלאַ איל אַזים!..

זי האָט גענומען דינע פאַפּיר און אַריינגעלייגט אין אַ פלאַקערדיק פייער און נאָכדעם דאָס צוריק אַרויסגענומען ריין און ווייס, פונקט ווי עס וואָלט גאָר אין פייער נישט געווען.

אום נימער האָט זי געהייסן. און געציטערט האָט פאַר איר די גאַנצע סביבה. איר נאָמען איז געווען באַוווּסט אין דער געגנט און גרויסע שטחים ווייטער.

ויהי היום, האָט זיך באַוויזן אין מעדינע אַ צווייטע כישוף מאַכערין, ראַזאַלי האָט זי געהייסן, און אויך זי האָט גענומען באַווייזן איר כוח און אירע וווּנדער אויפן מאַרק; זי האָט געשפּאָלטן מיטן קלענסטן פינגער פון דער לינקער האַנט אַ גרויסן „בטיח״ (וואַסער מעלאָן) און אַרויסגעשלעפּט פון אים דריי קליינע פייגעלעך, שייניקע, פון אַלע קאָלירן, די פייגעלעך זענען געבליבן שטיין ביי איר אויף דער האַנט, און אָנגעהויבן צו זינגען אַזוי שיין און אַזוי זיס, אַז אַלע זענען ממש פאַרשיכורט געוואָרן.

דערנאָך האָט זי באַוויזן ווי אַ יונג לאָשיקל שטייט, ווי לאַנג זי וויל נאָר, אויף איין פוס און האַלט אין איין עסן, און נאָך אַזוינע וווּנדער!

האָט די זאַך שטאַרק פאַרדראָסן אום נימערן און זי האָט געוואַרט אויף אַ שעת הכושר צו טרעפן זיך מיט איר אין באָד און אַדורכרעדן די זאַך מיט איר.

— „אַ סוף מוז דאָס נעמען״! — האָט אום נימער זיך אָפּגערופן צו ראַזאַלין. מיר ביידע קענען דאָך דאָ נישט בלייבן אין איין און דער זעלבער צייט, איינע פון אונדז מוז אַוועק פון מעדינע. ווייסטו וואָס? „אַנאָ בעאוגוד אוגדי הו אי לי בעהולא״. קניפּסטו אויף דאָס קניפּל, בלייבסטו דאָ. ווען נישט — מוזטו גלייך פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ!

ראַזאַלי האָט צו דעם מסכים געווען. אום נימער האָט זי פאַרלאָזט און ס'איז געבליבן, אַז גלייך הייבט זי אָן צו פאַרבינדן דאָס קניפּל.

אַז אום נימער איז אַרויס פון באָד האָט זי גלייך אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם פּלאַן פונעם קניפּל. מיט איין גלעט איבער איר פּנים און קליידער האָט זיך אַלץ אין אַ רגע געביטן. סיי איר פּנים און סיי אירע קליידער. מיט אַמאָל איז געבליבן שטיין אין מיטן גאַס אַ שיינע יונגע פרוי אין פּרעכטיקע מלבושים און געלאָזט האָט זי זיך גיין פון גאַס צו גאַס ביז זי איז צוגעקומען צום גרעסטן צירונגס־געשעפט. זי איז אַריין אינעווייניק און געהייסן זיך ווייזן אַ זייגער און אַ גאָלדענע קייט. וויפל דער גאָלד־הענדלער האָט נישט איבערגעוואָרפן פאַר איר זייגערס און קייטן, האָט זי אַלץ געבעטן בעסערע און שענערע. ביז צום סוף האָט זי אויסגעקליבן אַ זייגער און קייט, באַצאָלט וויפל ער האָט געבעטן און איז אַרויס פון קלייט מיט דער נייער איינגעהאַנדלטער סחורה.

דערנאָך איז זי אַוועק צו זיך אין שטוב, נאָך אַמאָל אַ גלעט געטאָן מיטן האַנט איבערן פּנים און אירע קליידער און אין איין מינוט איז זי שוין געוואָרן אַן אַנדערע, אַן אָרעמע עלנטע און מידע פרוי, וועלכע קומט פון אַ וויטן וועג.

די קייט און זייגער האָט זי ביי זיך אין בוזעם באַהאַלטן און געלאָזט זיך אין גאַס אַרויס. זי איז געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זי איז צוגעקומען צום הויז, ווו עס האָט געוווינט דער גאָלד־הענדלער, ביי וועמען זי האָט געקויפט די קייט און זייגער. אַ מינוט האָט זי זיך פאַרטראַכט און וויל זי האָט זיכער געוווסט, אַז דער מאַן איז איצט אין הויז נישטאָ, איז זי אַריין

גלייך אין שטוב. זי האָט געבעטן די פרוי פון גאָלד־העגדלער, זי זאָל אויף איר רחמנות האָבן און געבן איר אַ פּלאַץ, ווו זי זאָל קענען זיך אָפּרוען נאָכן דורכגיין גאָר אַ ווייטן און לאַנגן וועג.

די הויז־פרוי האָט זי אַריינגעפירט צו זיך אין אַלקער און אום נימער האָט זיך כלומרשט צוגעשפּאַרט כדי אָפּצורוען, וויסנדיק גוט, וואָס זי האָט צו טאָן. און טאַקע ווי נאָר די פרוי פון הויז איז אַרויסגעגאַנגען פון אַלקער, נישט צו שטערן איר רו, איז זי ווידער געווען אויף די פיס, אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן און זי האָט דערזען די טיר פון דעם בעל הבית׳ס אַלקער. נישט לאַנג געטראַכט, האָט זי געגעבן אַן עפן אויף די טיר, אַריינגעשפּרונגען פלינק ווי אַ פלעדערמויז, גלייך אַ שפּרונג געטאָן צום בעט, אויפגעהויבן די קישנס, אַרונטערגעלייגט די קייט און זייגער אונטער זיי און איז גלייך נעלם געוואָרן. וואַלאַ איל אַזים!

דער בעל הבית איז אין אָוונט געקומען אַ היים פון געשעפט, אָפּגעזאָגט אַ תפילה צו אַללאַ, אָפּגעגעסן, און אַוועק צו זיך אין אַלקער זיך לייגן שלאָפן. נאָר עפּעס ווי מיט גוואַלד, ציט דער כוח פון אום נימער האָט אויף אים געווירקט, און ווי באַפֿוילן אויסצוציען זיין האַנט אונטערן קישן. און דאָ האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן די קייט און זייגער.

יאַ באַ יע! וואָס דאָרטן האָט זיך געטאָן! באַלד האָט ער זיך צום ווייב גענומען. מיט גוטן און מיט בייזן האָט ער פון איר געפאָדערט, זי זאָל דער־ציילן ווער איז דער מאַן, וואָס איז דאָ געווען און זי, די אומשולדיקע, „מסכין״, האַלט זיך ביי אירס, אַז זי ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן, און כאָטש זי האָט זיך דערמאָנט אין דער פרוי, וועלכע איז ביי איר אין אַלקער געווען, האָט זי אָפּילו אויך דאָס מורא געהאַט צו זאָגן. ווער ווייסט, אפשר וועט ער זי חושד זיין, אַז זי וויל אים פאַררעדן די ציין. האָט זי געזאָגט, אַז נישט אַ מאַן, נאָר אַ פרוי איז דאָ געווען.

ער איז אַוועק צום קאָדי פון מעדינע, אויסדערציילט אים אַלצדינג און אָנגעקלאָגט זיין ווייב, און יענער האָט גלייך געגעבן אַ באַפעל די חצופה אַריינזעצן אין תפיסה. וואַלאַ איל אַזים!..

אַלע, וועלכע האָבן עס אויסגעהערט האָבן מיט אַמאָל אַ קרעכץ געגעבן, די נאַרגילעס האָבן שטאַרקער גענומען בולבען, אַ קרעמען אויף אַ קרעמען

האָט געזומען לאָזן פון זיך פונקען פייער, פון דערוויטנס האָט זיך געהערט דאָס רעווען פון אַן אייזל. פאַרשאָלטענער אייזל! זיי האָבן שוין געוואָלט וויסן דעם סוף פון דער מעשה, ווי אַזוי האָט זיך דאָס קניפּל אויפגעקניפּט און ווי אַזוי איז די אומשולדיקע פרוי ניצול געוואָרן פון שלעכטס!

דער אַלטער דערוויש האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, אַ רייב געטאָן אַ האַנט אָן אַ האַנט, אַ גלעט געטאָן די וואָנצעס מיט די שפּיץ פינגער, אַ גרויסן שפּיי געטאָן און ווייטער דערציילט:

— באַאַדען, איז געקומען אום נימער צו ראַזאַלין און האָט צו איר אַזוי געזאָגט: אָסמאַיע יעחטי אַנא חאַלאַסעט. ווייזשבי וואַרינאַ שאַטאַרטאַק. די פרוי זיצט אין תפיסה און זי מוז מען באַפרייען, זי איז אומשולדיק, ווי אַ ווייסע טויב, און דו מוזט איר אומשולד באַווייזן סיי פאַר איר מאַן, סיי פאַרן קאַדי, און מאַכן, אַז אַלץ זאָל זיין ווי פריער. ווּעסטו ראַזאַלי, דאָס קניפּל אויפקניפּן, בלייבסטו אין מעדינע און איך וועל פאַרלאָזן. און קוים נישט, מוזטו פאַרלאָזן. און צייט גיב איך דיר דערצו גאַנצע צוויי וואָכן. אַזוי האָט אום נימער אירס אָפּגעזאָגט און איז גלייך נעלם געוואָרן. גרויס און קליין האָט פון עפּעס אַנדערש נישט גערעדט, ווי נאָר פון דער בגידה פון יענער פרוי, וואָס זיצט לויטן קאַדיס באַפעל אין תפיסה.

און ראַזאַלי האָט דערווייל זיך גענומען צו דער אַרבעט אויפצוקניפּן דעם קנופּ, וואָס אום נימער האָט פאַרקניפּט. זי האָט געשלונגען אייזן, גע־ברענט דאָס לייב מיט פייער, געעפּנט גריבלעך אויף די בערג, געוואָרפן שטיינדלעך אין ברונעם און נאָך אַזוינע זאַכן, וואָס לויט זייערע סימנים האָט זי באַדאַרפט דערגיין צום אָנהייב פונעם קניפּל, כדי עס פונאַנדערצוקניפּן, נאָר פאַרפאַלן, עס האָט נישט געהאָלפן: צו שטאַרק איז דאָס קניפּל געווען פאַרבונדן!

פאַרטראַכט און פאַרצאַרנט איז ראַזאַלי אַרומגעגאַנגען. אָט ענדיקן זיך שוין באַלד די צוויי וואָכן, און זי האָט נאָך אַפילו קיין אָנהייב נישט. ביז צום סוף איז זי אַוועק צו אים נימער און האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— חאַלאַס! איך גיב זיך אונטער! קניפּ אויף דאָס קניפּל, באַפריי די פרוי פון תפיסה, מאַך אַלץ ווי ס'איז געווען און דעמאָלט וועל איך די מעדינע פאַרלאָזן!..

אום נימער איז אַוועק צו זיך אַ היים, זיך איבערגעטאָן פאַר אַן אַל־טיטשקער פרוי, און מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט האָט זי זיך געלאָזט גיין אַהין צו דער תפיסה, וווּ עס איז נעבעך געזעסן די אומשולדיקע. ביים טויער איז געשטאַנען אַ וועכטער מיט אַ ביקס אין האַנט, קיינעם נישט אַריינגעלאָזן און קיינעם נישט אַרויסגעלאָזן.

— די אַלטע מוטער פון דער פרוי בין איך — האָט אום נימער צו אים געזאָגט — לאָז מיך אַריין זיך בלויז צו זען זיך מיט איר! ביי די ווערטער האָט זי דעם וועכטער פאַרבלענדט — און ער האָט פאַר איר געעפנט דעם טויער.

אַן אַנטוישטע און צעבראָכענע, האָט אום נימער די פרוי דאָרטן גע־טראָפן. נאָר אַז זי האָט איר אָנגעהויבן אַלץ צו דערציילן, איז זי שוין פריילעכער געוואָרן און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אום נימערס פלענער.

איינס צוויי האָט זיך אום נימער מיט איר געביטן די קליידער. זי האָט אַ מאַך געטאָן איבער איר פנים מיטן האַנט און איר פנים איז גלייך געוואָרן צעקנייטשט ממש ווי אום נימערס פנים ווען זי איז אַהער אַריין. אום נימער איז געבליבן אין דער פרוי׳ס קליידער און צו איר אַזוי געזאָגט:

— „דו, מיין טאָכטער, גיי גלייך אַרויס פון דאַנען. דער וועכטער וועט דיך אַדורכלאָזן, מיינענדיק, אַז דאָס בין איך. וואַרט אויף מיר אין דרויסן און איך וועל שוין אַלץ ענדיקן, ווי עס באַדאַרף צו זיין". מיט די ווערטער האָט זי איר געעפנט די טיר פון דעם צעל, וווּ זי איז געזעסן, און יענע איז אַדורך דעם וועכטער אָן וועלכן עס איז חשד. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אום נימער אַליין צוגעקומען צום טויער, פאַרבלענדט דעם וועכטער די אויגן ביז ער איז איינגעשלאָפן, און זי איז דערווייל אַרויס אין דרויסן, וווּ זי האָט זיך שוין געטראָפן מיט דער פרוי, איר פריערדיקן קרבן, וואָלאַ איל אַזים!

זי האָט גענומען זי צו זיך אין הויז, צוריק פאַרוואַנדלט זי אין איר אייגן געשטאַלט, אין אירע אייגענע קליידער. זי, ווידער, האָט זיך נאָך אַמאָל אויסגעפוצט אין יענע שיינע קליידער, וואָס זי האָט געטראָגן, ווען זי האָט דעם זייגער און קייט געקויפט, און ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין צו איר

מאַן אויפצודעקן אים דעם אמת און אומצוקערן דאָס פרידלעך לעבן צווישן מאַן און פרוי ווי פריער.

איבעראַשט איז געוואָרן דער גאָלד־הענדלער, ווען ער האָט פּלוצלינג דערזען ביי זיך אין שטוב זיין ווייב די „פּאַלשעניצע". געוואָלט האָט ער גלייך באַפאַלן זי, אום נימער האָט אים, אָבער, גלייך באַרויִקט און אָנגעהויבן אים דערציילן די גאַנצע געשיכטע.

ער האָט זי גלייך דערקענט, און געגלייבט אין דער גאַנצער מעשה. זיין פרוי, דער אומשולדיקער, האָט ער מוחל געווען און גענומען זי צוריק צו זיך אין שטוב אַריין.

אום נימער האָט דאָס קניפּל אויפגעקניפּט און ראַזאַלי האָט מיט גרויס בושה און נאָך גרעסערן ווייטיק געמוזט פאַרלאָזן מעדינע.

אום נימערס נאָמען איז נאָך באַרימטער געוואָרן אין מעדינע און אין דער גאַנצער געגנט.

— וואָלאַ איל אַזים!

האָבן אַלע מיט אַמאָל אויסגעשריגן. אויפגעהויבן זיך איינער נאָכן צווייטן פון דער מיזבעלע און געגאַנגען שלאָפן, כדי צו קענען פרי אויפ־שטיין צו דער פעלד־אַרבעט. שוין צייט די תבואה פונעם שייער צוצונעמען, ווייל באַלד וועט דער רעגן קומען.

מיזבעלע — אַ פלאַץ ווי מ'קלייבט דאָס מיסט.
יאַ באַ יע — אוי טאַטע מיינער!
וואָלאַ איל אַזים — ביים מעכטיקן גאָט!
אַ חייע — אַ שלאַנג.
אום נימער — די מוטער פון טיגער.
ראַזאַל — (אַן הערש) אַ נאָמען.
אַנאַ ביאוגוד אַגעד. הו הילי בעחילו. — איך וועל פאַרקניפּן אַ קניפּל, ס'הייסט כ'וועל עפּעס אָפּטאָן אַ זאַך, פאַרקאָכן אַ קאַשע און ווער ס'וועט אויפקניפּן דאָס קניפּל, דער וועט בלייבן אין דער מעדינע).
מסכינע — אומגליקלעכע.
באַאַדען — שפּעטער.
אַסמאַי אַחתי — הער מיין שוועסטער.
אַנאַ חאַלאַסט — כ'האָב געענדיקט.
וואַזשבי וואַרינאַ שאַטאַרטוק — איצט באַווייז דיין גבורה.
דערוויש — אַ נזיר, וועלכער פּרעדיקט רעליגיע.

די כישוף־פּאַס

דאָרטן, העט ווייט פון דאַנען, דאָרטן שטראַלט זיך די זון אַרויס און פאַרשפּרייט אירע שטראַלן איבער גאָר דער וועלט. דאָרטן איז דער הימל שטענדיק לויטער. איבער די גרויע בערג שוועבט זיך אַרום אַ קליין ווינטעלע און טראָגט איבער די סודות פון הימל צו בערג און פון די בערג צו דער ערד.

ווייסט נישט קיינער וואָס די סודות זענען, זעט מען נאָר ווי די זון האַלט ביים פאַרגיין און שלאָפן גיין; זעט מען אַז די גרויסע בערג הילן זיך איין אויף אַ העלפט מיט אַ טונקעלן שאָטן; עפנט זיך דער הימל און עס באַווייזן זיך פּרעכטיקע קאָלירן. אַזוי פּרעכטיק! ווען מען זעט אַ הימל פון אַזעלכע קאָלירן, ווערט דאָס האַרץ פאַרפולט מיט אַ בענקשאַפט, קענט איר מער די אויגן פון הימל נישט אַרונטערנעמען. קוקט איר, שווייגט און טראַכט:

— אַך, ווי איך וויל וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָרטן אויבן אין אַזאַ שיינעם און רייצנדיקן הימל!

צי האָט איר אַמאָל אַריינגעקוקט אין דער טיפעניש פון הימל?

*

הויכע זאַנגען אויף די פעלדער האָבן זייערע קעפּ געבויגן. פּרי, זייער פרי גייען זיי שלאָפן. באַהאַלטן די קערנדלעך, עס זאָל זיי פונעם טוי נישט קאַלט זיין...

צו פוסנס פון די בערג ליגן זיך אויסגעשפּרייט אַראַבישע דערפער מיט שטיבלעך, אַליין געמאַכטע פון ליים און שטרוי, דרייען זיך דאָרטן סטעזשקעס אויף רעכטס און אויף לינקס. ווייזן די הויכע טייטלביימער אַז דאָ, נישט ווייט, לעבט זיך אַ שבט פון גאָר, גאָר די אַלטע צייטן. לעבט זיך דער שבט אין איינעם מיט די שאָף און רינדער, קעמלען און אַנדערע שטוב חיות. הערט מען ווי עס לויפן שעפעלעך און ציגעלעך פון דעם נאָענטן ברונעם. פריילעך און לעבעדיק לויפן זיי אין די שטאַלן צו עסן

דאָס פרישע צוגעגרייטע גראָז, און ווען מען איז נענטער צום דאָרף הערט מען ווי עס בוטשקען קעלבלעך אין די אייטערס פון זייערע מאַמעס און מען הערט אויך ווי עס שפּריצט די מילך אין די צעבערס.

שאַקאַלן לאָזן הערן זייער געוויין. ווײנען זיי אַזוי בעטנדיק, רחמנות־דיק — זיי ווילן עסן. נישטאָ מער קיין טרויבן אין די וויינגערטנער, נישטאָ מער קיין רויטע און זיסע וואַסער מעלאָנען אויף די מיקשעס און די עופות זענען אַלע אין פאַרמאַכטע שטייגן פאַרשפּאַרט. ווײנען זיי, די שאַקאַלן, זיי ווילן עסן. הערט מען זייער געוויין, איז מען גרייט זיי אַלץ אַוועקגעבן, אַבי זיי זאָלן נישט ווײנען. אָבער פאַלש זענען זיי און פאַלש איז זייער געוויין.

אויף יענע זאַמדיקע וועגן, קען מען אויך זען אַ מאָל, ווי עס פויזעט אַ שלאַנג אויף איר בויך און לאָזט איבער הינטער זיך סימנים אויפן זאַמד. זעט מען אויך טריט פון ווילדע חיות, פון אַזעלכע חיות וואָס מען האָט קיינמאָל זיי נישט געזען און מ׳ווייסט פון זיי בלויז פון די מעשיות, וועלכע מען האָט געהערט דערציילן. און ווען עס גייט פון דערווייטנס אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען, הערט מען יעדן קלונג פון די גלעקלעך ווייט ווייט, ווייל די לופט אַרום איז פריי.

✶

אין איינעם פון די פאַרנאַכטן זענען פינף אַראַבישע וואַנדערער, בעדו־אינישע אָנגעקומען מיט זייערע קעמלען און קליינע אייזלען צום ברעג פון באַרג, וואָס ליגט ביי מידזשדאַל. האָבן זיי מיט אַמאָל דערזען אַ גרויסן פאַס מיט אייזערנע רייפן אַרום און אַרום און פול איז דער פאַס מיט וואַסער.

פון וואַנען האָט זיך דאָ אַ פאַס גענומען?

קיינער ווייסט נישט.

דאַרף מען זיך אָפּשטעלן.

צעלייגן זיך די קעמלען אויף אַלע פיר, קייען זיי אַ שטרויעלע און דרייען אָן אויפהער מיטן מויל הין און צוריק, פונקט ווי אַ קליין מילכל. די בעדואינער מיט די ברוין־פאַרברענטע פּנימער, האָבן זיך די ביינער אויסגעגלייכט. פאַררייכערט ווער אַ ציגאַר און ווער אַ ציבעק און אַלע זענען אַרום דער פאַס. עס ווילט זיך אַ קוק טאָן וואָס איז עס פאַרט פאַר אַ פאַס אין מיטן וועג צווישן באַרג און וויסטעניש?..

— אָ, אַללאַ, דו גרויסער גאָט פון די גלויביקע! גרויס ביסטו און גרויס זענען דיינע ווונדער און צייכנס! זיי האָבן איינציקווייז אַריינגעקוקט אין פּאַס און דערזען אין דעם וואַסער אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן. אָ, אַללאַ, אָ, אַללאַ!..

זייערע פּנימער זענען געוואָרן פול מיט טרויער און זאָרג און די קני האָבן זיך געבויגן צו דער ערד. און אַ הייסע תפילה צו גאָט האָבן זיי געזאָגט:

— וואָס האָסטו געזען אין פּאַס — האָט דער אַלטער אַבדול מיט שרעק אַ פרעג געטאָן אַבו־ראַשידן.

— אָ, אַללאַ, אָ, אַללאַ!

דאָס איז געווען דער רול. יאָ, אין דעם פּאַס האָב איך אים געזען. אַ שרעק! אָט דער רול וואָס שלינגט געשפּאַנטע אָקסן אין מיטן פעלד ביים אַקערן. עס שפּאַלט זיך מיט אַמאָל די ערד און עס זינקען איין אין דער טיפעניש פון דער ערד די אָקסן מיטן גאַנצן געשפּאַן און קיינמאָל, קיינמאָל דערזעט מען זיי נישט אויף דער ליכטיקער וועלט. אָ אַללאַ, זינדיק בין איך!..

— און איך, האָט געזאָגט דער באַבערדלטער יאַסין, — איך האָב גאָר אַנדערש געזען. איך האָב געזען אַ מחנה רייטער מיט בויגנס אויף זייערע פּלייצעס, רייטן זיי איבער בערג און טאָלן, פונקען פייער שפּריצן אונטער די פיס פון די פערד. אַ קריג אַ גרויסע, ברידער, וועט זיין, אָ אַללאַ, אָ אַללאַ! אַ קריג וועט זיין!

— יאָ, אַ גרויס אומגליק קומט אויף אונדזער לאַנד, נאָך גרעסער וועט זיין דאָס אומגליק פון דעם היישעריק, וואָס וועט אַ תל מאַכן פון אַלע פעל־דער און גערטנער... איך האָב אַליין געזען אינעם פּאַס ווי עפּאַריט האָט געשטשירעט מיט די ציין. אונדזער סוף איז נאָענט! — אַזוי האָט געזאָגט מאַכמעד, דער יינגסטער פון אַלע. ער האָט געהאַלטן אין האַנט די שנירל מיט קרעלן און שטאַרק, שטאַרק געדריקט זיי צווישן די פינגער.

— ווי שרעקלעך! ווי שרעקלעך! אָ אַללאַ, דו גרויסער און איינציקער באַשיצער פון די גלויביקע, — האָט אויסגערופן אַבו כאַנטאַר, אָט דער וואָס האָט איין אויג און דריי פינגער אויף דער לינקער האַנט — איך האָב געזען אַ שוואַרצן דזשאַמוס מיט אַ לאַנגער באָרד. אויפן רוקן זיינעם, אין אַביידל זענען זיך געזעסן אַכט שטאַרקע, הויכע מענטשן, אַזעלכע משונהדיקע מענטשן

מיט רויטע פּעדערן אויף זייערע קעפּ. שלאַנגעןַ זענען זיך רויִק געלעגן ביי זייערע פיס און געדרימלט, און אונטן, הינטערןביידל האָבן קליינינקע הינ־דעלעך מיט פּוכיקע פעדערלעך, געלייגט אַזעלכע גרויסע אייער, יעדע איי גרויס ווי אַ קאָווענע. אָ אַללאַ! אָ אַללאַ!

און דער אַלטער אַבּדול?

דער אַלטער האָט אינעם פּאַס געזען: ברייטע וועגן. גייען גרויסע סטאַדעס שאָף און רינדער מיט פולע אייטערס מיט מילך. גיסט זיך די מילך אויף אַלע וועגן און שליאַכן, בלייבט נישט קיין איינציקער טראָפּן אין די אייטערס. און יונגע קעלבלעך ליגן הונגעריקע און קראַנקע. זעט ער ווי קנאָספּן אויף די פעלדער צינדן זיך אָן פון זיך אַליין און אַ שוואַרצער רויך פאַרשפּרייט זיך איבערן הימל. הערט ער ווי קליינע קינדער וויינען און בעטן.

עסן!.. עסן!.. עסן!..

און קיין עסן איז נישטאָ! אָ אַללאַ! אָ אַללאַ!

ווערט דער הימל רויטער און רויטער. שטיקער פייער ליגן אויסגע־שפּרייט דאָרטן אויבן. פאַררוקן זיך בערג ווייטער און ווייטער. זשומען קליינע פליגעלעך אין די אויערן:

נאַכט... נאַכט... נאַכט...

בל... בל... בל... לאָזן קעמלען זייער קול הערן. צערעווען זיך די אייזלען אין אַ גרויס רעווענייש. ווייסט נישט קיינער וואָס איז געשען דאָ אין דעם שיינעם טאָל!

ליגן פינף בעדואינער אויף די קני, בייגן זיך צו דער מוטער ערד און בעטן אַ גרויס געבעט צו אַללאַ זייער גאָט, ער זאָל זיי מוחל זיין זייערע זינד און פון אומגליק זיי אויסהיטן!..

מיקשה — אַ ספּעציעלער גאָרטן פאַר אוגערקעס, מעלאָנען אָדער וואַסער מעלאָנען.
רול — אַ שד אַזאַ.
עפאַריט — אַ שד אַזאַ.
דזשאַמוס — אַ בּוּיוואָל.

פאַרשאָלטענע חלומות

ווען זקנים קומען און זאָגן, אַז אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער וואָר, קען מען נאָך בייקומען; שלעכט איז אָבער מיט זאַכן, וואָס קומען פאָר אין חלום, אַז דאָ וועט שוין גאָרנישט העלפן, — דאַרף מען זיי גלויבן. דערויף האָבן זיי דאָך מער געלעבט אויף דער וועלט און באַוויזן מער צו באַנעמען די וועגן פון אַללאַ דעם גרויסן און פאַרטיפן זיך מער אין זיינע מעשים. אַלץ איז דאָך פון אַללאַ!..

אַזוי האָט זיך געטראַכט סאַאיד אַרייני, זיצנדיק איינגעשפאַרט אין פינסטערן קאַרצער, הענט און פיס מיט אייזערנע קייטן געבונדן. פאַרפאַלן! אַזוי איז עס געווען און אַזוי וועט עס שוין בלייבן... אַלץ איז דאָך פון אַללאַ!..

סאַאיד אַרייני איז דער גרעסטער גיבור און בעסטער רייטער פון דאָרף זאַרנוקי. געוויס אויך אַ דאַנק זיין ברוינער אַסילע, וועלכע איז פונקט ווי ער אַזוי באַרימט איבער דעם גאַנצן געגנט און אַפילו איבער יענער זייט פון די בערג. אַלע מעלות וואָס מיט זיי איז סאַאיד פון אַללאַ געבענטשט, פאַרמאָגט אויך די ברוינע: געזונט, פלינק, קלוג, און וואָס דען נישט?

נאָך פון קליינערהייט אָן האָט סאַאיד אַרייני אַרויסגעוויזן זיין גבורה, אַליין זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַלע ווילדע חיות אין פעלד וואָס האָבן גע־וואַגט אין זיין טשערעדע צו באַווייזן זיך און תמיד זיי באַזיגט. וואָס עלטער סאַאיד איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין גבורה סיי אין קריג פון דאָרף מיט דאָרף, שבט מיט שבט, סיי אויף געיעג. אומעטום האָט זיך געלאָזט פילן זיין שאַרפער קוק און שטאַרקע האַנט. און ווי איז געווען דעם וואַנדערנדיקן בעדואינער, וועמען עס האָט זיך פאַרגלוסט בלויז אַ שפּאַס צו טאָן מיט סאַאידן. נישט געווען איז די „פאַנטאַזיע" אין דער געגנט, ווו סאַאיד מיט זיין אַסילע זאָלן זיך נישט באַווייזן און צונישט מאַכן די גרעסטע „שאַבאַב", ווייל תמיד איז ער געווען אין דער שפּיץ. האָט זיך, פון איין זייט, געשטאַרקט די קנאה צו סאַאידן און זיין אַסילע און פון דער

צווייטער זייט, דער אָפּשיי און כבוד, ווי עס פּאַסט פאַרא אַזאַ גיבור. וואָלט קיין גליקלעכער מענטש ווי סאַאיד גאָר נישט געווען, ווען... נישט אָט די פאַרשאָלטענע חלומות, וואָס קיינער ווייסט נישט פון וואַנען זיי קומען. זיי קומען צו דיר ביינאַכט אין מיטן דעם זיסטן שלאָף און רייסן דיר דיין נשמה שטיקערווייז. פאַרשאָלטן זאָלן זיי זיין אָט די חלומות!..

נישט איין נאַכט פלעגט סאַאיד נישט דערשלאָפן, ווייל אָט די שלעכטע חלומות האָבן געשטערט זיין רו. ער שלאָפט, דוכט זיך, אַזוי גוט, און דאָ מיט אַמאָל: אָט איז עס! אָט איז געקומען אַ פרעמדער פון אַ צווייטן דאָרף, צי גאָר פון דער ווירטעניש, גנבעט זיך אין אַ פינסטערער נאַכט צו אים אין שטאַל אַריין און אַזוי גלעטנדיק די זיידענע פעל פון זיין ברוינער, שטופּט איר אין מויל אַריין צוקער פאַרגאָסן מיט סם. האַ!.. האַ!.. האַ!.. אַ דער־ציטערטער ווערט סאַאיד. קיין איין מינוט נישט פאַרלאָרן. צעשויבערט, אָן אַ גאַרטל אַרום די לענדן, כאַפּט ער דעם קינדזשאַל און גלייך אין שטאַל, גרייט צום קאַמף אויף לעבן און טויט.

נאָר אַז אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַלש, האָט סאַאיד אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שווייס אויפן פּנים, און אַ שפּיי געטאָן! טפוי! ווידער אַמאָל אַ פאַרשאָלטענער חלום! — נישט גוט — פלעגט ער צו זיך אַליין רעדן, — אַז שלעכטע חלומות קריכן דיר אין קאָפּ אַריין, דאָס איז שוין גאָר קיין גוטער סימן נישט. לויפט ער וואַשן זיינע פיס מיט קאַלטן וואַסער, כאַפּט אַ קוק אויפן אויסגעשטערנטן הימל, קניט צו דרערד און שיקט אַ געבעט צו אַללאַ:

— אַללאַ, אָ אַללאַ! הער אויס דאָס געבעט פון דיין קנעכט! פאַרטרייב די שלעכטע רוחות וואָס קומען צו מיר ביינאַכט! און האָב איך קעגן דיר, אַללאַ, אָ אַללאַ, אָדער קעגן דעם הייליקן נביא מוכאַמעד, געזינדיקט, — שטראָף מיך אַליין, אָבער ניט זי, די אומשולדיקע ברוינע!..

נאָך אַזאַ נאַכט איז ער שוין דעם גאַנצן טאָג נישט געווען ביי זיך אין די הענט. דער חלום פון דער נאַכט האָט אים נישט צו רו געלאָזט בייטאָג. אַלע ווײַלע פלעגט ער לויפן אַ קוק טאָן, צי האָט חלילה נישט געטראָפן עפּעס מיט זיין אַסילע.

דאָס דאָרף לעבט אויס זיין טאָג, אַ טאָג פון אַרבעט, שאַפן און האַנדל. אינאיינעם מיט ווייב און קינד, קעמל און אייזל, ווערן פעלדער געאַקערט

און געזייט, גערטנער געוואַסערט, טשערעדעס אין טאָל און אויף באַרג. אַלץ שאַפט און זוכט דאָס לעבן וואָס זיסער און וואָס שענער צו מאַכן, און ווען מ׳איז געזעסן אונטערן שאָטן פון אַן איילבערט, צוגעביסן עפּעס נאָך אַ האַלבן טאָג אַרבעט אין פעלד און סאַאיד האָט דערציילט וועגן זיינע פאַר־שאָלטענע חלומות ביינאַכט, האָט זיך איבערן הימל אַ שוואַרצער נעפּל אין מיטן העלן טאָג פאַרצויגן: דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך שוין מער געזאָרגט פאַרן גורל פון זייער גיבור ווי ער אַליין האָט דערפון געוווסט!

— ניין, ברודער, נישט גוט! — האָט איינער פון די זקנים געזאָגט און דערביי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. נישט גוט!.. נישט גוט!..

— געוויס איז דאָס אַ שלעכטער סימן!

— ערגעץ ווו ליגט דאָך אַ זינד באַגראָבן — האָט שוין אַ דריטער גע־זאָגט — מ׳דאַרף צו אַללאַן תפילה טאָן, זאָל ער מוחל זיין, — אַלץ איז דאָך אין זיינע הענט!..

האָט מען די דינע פּיטעס מיט די גרינסן איינגעוויקלטע אין טיכלעך, אויפן זאַמד אונטערן בוים געלייגט און אַלע האָבן זיך אויף דער ערד צעלייגט און אינאיינעם אַ שטילע תפילה צו אַללאַ געשיקט:

— באַשיץ אַללאַ, אָ, אַללאַ, די קרוין פון אונדזער דאָרף! היט אָפּ דאָס גאָלד וואָס שיינט ביי אונדז. פאַרגיב דיינע זינדיקע, אַללאַ, אָ, אַללאַ!..

— דו וואָלסט גאָר אַ ווייב זיך באַדאַרפט איינשאַפן — האָט שוין דער עלטסטער נאָכדעם מיושבדיק זיך אָפּגערופן — נישט גוט איז, אַזאַ איינער ווי דו זאָל אַליין זיין, גלייכער זאָלסט האָבן אַ ווייב אָדער צוויי, און דו וועסט ברענגען אויף אַללאַס וועלט זין שטאַרקע, אין וועמעס אָדערן עס וועט פליסן דיין גבוריש בלוט. שוין צייט, סאַאיד, שוין צייט!

— ריכטיק! — ריכטיק! — האָבן אַלע צוגעגעבן.

און סאַאיד האָט זיך פאַרטראַכט.

✶

סעלמע האָט זי געהייסן, די שענסטע מיידל פון דאָרף. פריש און מונטער איז זי געווען ווי אַ יונג לאַשיקל לעבן דער שקאַפע. מיט שוואַרץ־ברוינע אויגן, זיידענע הערעלעך אַרום די ברעמען, קיילעכדיקע, שטענדיק פאַר־רויטלטע באַקן און צוויי בריסט געטאָקטע, וואָס האָבן יעדן בחור געררייצט

און צעמישט זיינע בלוטן. און געזונגען האָט סעלמע שענער ווי דאָס שפּיל פון פייפל. זענען געווען אַ סך בחורים וועמענס הערצער האָבן געברענט און געגאַרט נאָך איר, און צווישן זיי אַלעמען איז אויך געווען דער רייכער עפענדי שורבאַדזשי.

שורבאַדזשי איז געווען אַ שררה. ווער קאָן דאָס אָפּשאַצן זיין רייכקייט, פעלדער און גערטנער, קעמלען, שאָף און רינדער און ווייבער פון די שענ־סטע און פון די בעסטע. שורבאַדזשי האָט שטענדיק געלויערט אויף יעדער שיינער מיידל, אַלע מיטלען פלעגט ער אָנווענדן, כדי די מיידל פאַר זיך איינצושאַפן. סיי אַליין און סיי דורך זיינע מענטשן פלעגט ער שוין נעצן פאַרוואָרפן, כדי — ווי ער פלעגט זיך רימען — דאָס פייגעלע אין זיין שטייגל אַריינצוכאַפּן. אַ פאַרמעגן האָט ער אויסגעגעבן אויף איינצוקויפן זיך די אַלע ווייבער, וואָס האָבן זיך אַלץ געמערט און געמערט ביי אים אין הויף. און די שיינע סעלמע איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך פאַרלייגט. זי זאָל זיין זיין ווייב זיין.

— זאָג, ראַכמאַן, וויפל דאַרף איך דיר אויסציילן גאָלדענע, אַז סעלמע זאָל מיינע זיין — האָט שורבאַדזשי איין מאָל אַ זאָג געטאָן צו איר פאָטער און דערביי צוגעשמייכלט אונטער די וואָנצעס. — און דו ווייסט דאָך, ראַכ־מאַן, אין וואָס פאַר אַ הענט זי וועט אַריינפאַלן, קען איר נאָך ערגעץ אַנדערש בעסער זיין, ווי ביי מיר? — אַז מילך, פלייש און האָניק, און די בעסטע גרינסן און פרוכטן — ביז אַהער, אָ... און וועל איך דען נישט וויסן, ווי אָפּ־צושאַצן אַזאַ שיין לאַשיקל ווי סעלמע? די ערשטע וועט זי דאָך זיין ביי מיר. זאָג, ראַכמאַן, זאָג אַ וואָרט, וויפל? און ווידער אַמאָל האָט ער אַ שמייכל געטאָן אונטער זיינע וואָנצעס.

— יאָ עפענדי, איך וועל זיך נאָך באַטראַכטן און מיט דער הילף פון אַללאַ וועט אַלצדינג רעכט זיין, איך וועל דיר שוין צו וויסן געבן — האָט דער אַלטער פאָטער געזאָגט און אַליין נאָך נישט געוווסט, וואָס עס שטייט אים פאַר אַזוינס. ער האָט אָפּגעשטופּט די קניה דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער זיך אַליין אָפּנאַרן, אפשר וועט ער ביי דעם רייכן פאַלשעניק מער אַרויסקריגן, וויפל ער וועט אים איצט אָנבאָטן. און בעלנים זענען דאָך דאָ!

נאָר די שיינע סעלמע האָט שוין געהיט איר טאַטנס טריט. זי האָט אונטערגעהערט דאָס געשפּרעך פון איר טאַטן מיט שורבאַדזשי עפענדי און האָט זיך צעוויינט אין אַ גרויס געוויין.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ וויינען אויף דיר, דו צעלאָזענע קאַטשקע, — האָט איר אַ פרעג געטאָן דער ברודער מאַכמוד.

— שורבאַדזשי... אָט דער אַלטער מנוול... קויפט מיך פאַר אַ ווייב ביים אַלטן טאַטן... — האָט זי מיט אַ געוויין קוים געקענט דערציילן.

— נישט ביי זיין לעבן וועט ער דיך האָבן פאַר אַ ווייב, אָט דער הונט, סיידן מיין טויט אָדער זיינס! און דער אַלטער טאַטע מיינט, אַז מיט געלט וועט ער דיך ביי מיר אויסקויפן!..

די נאַרעשע סעלמע האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, אַז נישט איר טובה מיינט עס דער ברודער, אַז שוין לאַנג ווי אַלע יינגלעך פון דאָרף זענען אים מקנא און צווישן זיך רעדט מען, אַז אַ גליקלעכער איז מאַכמוד, ווייל מיט אַזאַ שיינער שוועסטער ווי סעלמע, וועט ער דעם שענסטן בייט קענען מאַכן און אַ שיינקייט פאַר אַ ווייב זיך איינשאַפן אָן געלט, אָן אַ טאַאַריפע אַפילו.

נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, אויך מאַכמוד האָט פאַרויס נישט געזען, וואָס פאַר אַן אומגליק עס לויערט אויף אים, ווייל אויב ער האָט געקענט אַזוי ריידן, ווען דער רייכער שורבאדזשי איז געשטאַנען אין וועג, איז עס שוין גאָר אַנדערש, ווען סאַאיד אַרייני, דער גיבור פון דאָרף איז דאָ אין מיטן. קעגן גיבור פון דאָרף איז שוין שווער זיך צו שטעלן.

פאַרשאָלטענע חלומות! עפּעס האָט זיך אים אין קאָפּ נאָך ביי נאַכט אַריינגעגנבעט אַ וואָרעם אַזאַ, וואָס האָט אים נישט רוען געלאָזט און ווער וויים וואָס עס איז.

פונקט ווי אַלע מיידלעך פון דאָרף, אַזוי אויך סעלמע, האָט איין ווונטש ביי זיך אין האַרצן געטראָגן: צו ווערן די ווייב פון דעם גרויסן גיבור סאַאיד אַרייני. און הגם ער האָט קיינמאָל אַ מיידל אַפילו אַ שמייכל נישט צוגעוואָרפן, האָט דאָך יעדע ביי זיך געטראַכט, אַז ס'וועט קומען איר צייט און זי וועט עס זיין די באַשערטע. נאָר מער פון אַלעמען איז אין דעם זיכער געווען סעלמע. זי האָט שוין דערפאַר טאַקע לאַנג, לאַנג אָנגעהויבן צו קוקן

אויף סאַאידן ווי אויף איר מאַן. שטענדיק האָט זי נאָר געטראַכט פון אים. און אַז עס האָט זיך געמאַכט, אַז סאַאיד איז פאַרבייגעגאַנגען און נישט בכוונה אָנגעשלאָגן אַקסל צו אַקסל, פלעגט זי רויט ווערן און אויפגערירט ווערן פון גליק, דאָס גאַנצע בלוט איז איר אַריין אין קאָפּ און דריבנע שווייס־טראָפּן האָבן זיך באַוויזן אויף איר פּנים.

האָט געגומען עטלעכע טעג און סאַאיד אַרייני האָט צוגעבונדן זיין ברוי־נער אין הויף פון ראַכמאַן, סעלמעס פאָטער. ס׳אַרא געפּילדער עס איז גע־וואָרן. אַלע עופות אין הויף זענען זיך צעלאָפן און אויפגעהויבן אַ קוואַקעריי, די הינט האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער דרעמל און זיך צעהאַווקעט. אַ שטויב האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן. אַלץ האָט זיך אַ ריר געטאָן.

און נאָכדעם, ווי סאַאיד האָט מיטן אַלטן וועגן פאַרשידענע זאַכן גע־רעדט, האָט ער ענדלעך מיט אַ פעסטן מויל אַרויסגעזאָגט:

— די צייט איז שוין געקומען, אַז די שיינע סעלמע, זאָל צו מיר געהערן, עס איז נישט בלויז מיין ווונטש, נאָר אויך דער ווונטש פון אַללאַ דעם גרויסן!

האָט דער שטרענגער אַלטער אָנגעכמורעט זיינע געדיכטע באַברעמטע אויגן, אַ קלאַפּ געטאָן סאַאידן איבערן פּלייצע און אַ זאָג געטאָן:

אָנגעלייגט ביסטו ביי מיר, דו גרויסער גיבור פון דאָרף, לאָמיך דיר מכבד זיין מיט אַ גוטער קאַווע, לאָמיך הערן, וואָס פאַר אַ נייעס האָסטו צו דער־ציילן, און דערביי האָט דער אַלטער אַ שמייכל געטאָן, אַזאַ ביטער שמייכעלע און ווי דרך אגב געזאָגט: — מיין ליבער, צי האָסטו דען אַזוי פיל געלט די שיינע סעלמע צו קויפן? און ווייסטו דען נישט, אַז שורבאַדזשי עפּענדי ציילט אויס גאָלדענע, וויפל איך אַליין וועל נאָר אַרויסזאָגן? איז סאַאיד אויפגעשפּרונגען פון כעס און אַ זאָג געטאָן:

— קאַרג איז אים די וועלט אָט דעם הינטישן זון, ער וויל די גאַנצע וועלט פאַרכאַפּן. זאָג, אַלטער, וואָס איז דער פּרייז?

האָט דער אַלטער ראַכמאַן ווידער אַ שמייכעל געטאָן, אַריינגעכאַפּט סאַאידס האַנט אין זיינער, אַ קלאַפּ געטאָן און אַרויסגעזאָגט מיט שטאָלץ:

— פאַר דיר, ליבער, בלויז פינף הונדערט גאָלדענע. שורבאַדזשי וואָלט צען מאָל אַזויפיל אויסגעציילט!

— פינף הונדערט? און ווו וועל איך עס נעמען?

— גערעכט, גערעכט, ליבינקער סאַיד, און דאַרפסט זיך גאָרנישט זאָרגן. אַזאַ גרויסער גיבור ווי דו, וועסט צו יעדער צייט אַ שענערע ווי סעלמע נאָך קריגן. און זי, זאָל זי שוין צו שורבאַדזשין גיין!

— ניין, כ׳וועל נישט גיין, כ׳וועל נישט גיין — האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב אַ פאַרצווייפלטע סעלמע, וואָס האָט די גאַנצע צייט אונטערגעהערט דעם געשפרעך.

— צי... צי... שאַ! איך בין דיין טאַטע און איך האָב צו זאָגן! יאַלאַ אימשי, גיי פון דאַנען, דו זינדיקע, וויסטו נישט, אַז עס איז נישט קיין פלאַץ פאַר אַן אַראַבישער טאָכטער דאָרטן, ווו אַ פרעמדער מאַנסביל איז דאָ?

האָט זי זיך מיט גרויס געוויין און יאָמער אַרויסגעשלייכט פון שטוב, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן טיר הינטער זיך און ערשט אין הויף האָט זיך די יללה פאַרשטאַרקט. מיט אַמאָל האָט זיך אַלץ אין הויף צערעוועט און שטיל איז געבליבן בלויז דאַן, ווען עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער אַלטער עפנט די טיר און וועט אין הויף אַרויס.

פאַרשאָלטענע חלומות! — האָט סעלמע ביי זיך געטראַכט — אַ גאַנצע נאַכט האָט עפּעס ווי מיט אַ ברענענדיקן אייזן געבראָטן איר האַרץ...

אַז סאַאיד האָט דערזען, ווי עס שטעלט זיך איין אַזוי פאַר אים זיין באַשערטע, האָט אויפגעהערט דאָס בלוט צו קאָכן אין אים. ער האָט מיט אַמאָל דערפילט עפּעס אַזוינס וואָס ער האָט קיינמאָל ביז איצט נישט געפילט. אַ זיסקייט אַזאַ האָט זיך צעגאָסן אין אים, און אַ בענקשאַפט האָט אים באַהערשט. סעלמע!.. סעלמע!.. האַלב פאַרמאַכט די אויגן האָט ער שוין וועגן גאָרנישט געטראַכט, נאָר וועגן איר, וועגן סעלמען, ווי אַזוי ער וועט זייער משפחה־נעסט בויען. וועט ער זי אַרומנעמען און צודריקן צו זיך. וועט זיין אַזוי גוט! אירע זיידענע האָר וועט ער צעפּלעכטן, זי וועט זיצן ביי אים אויף די קני, און ס׳וועט זיין אַזוי וואַרעם!..

— און אויב כ׳האָב נישט דאָס גאַנצע געלט פאַר איין מאָל, וועל איך דאָס איבעריקע אויסצאָלן. דריי הונדערט גאָלדענע האָב איך אָפּגעשפּאָרט, גיב אַ האַנט, אַלטער, און זאָל דער ווונטש פון אַללאַ מקוים ווערן.

האָט דער אַלטער אַ זיפץ געטאָן און אויסגעשטרעקט זיין האַנט:

— נו, זאָל זיין ווי דו זאָגסט, סאַאיד, גיב אַ האַנט!

— נאַ!.. נאַ!.. נאַ!..

אוןביידע זענען געפאַלן איינער דעם צווייטן אויפן ברוסט, געקושט זיך אין די וואָנצעס און גוט־ברודעריש געשמועסט:

— געדענק זשע, סאַאיד ליבער, חוב איז חוב!

אין דרויסן האָט די זון זיך גענומען זעצן. קליינע פוכקינקע הינדעלעך האָבן זיך געדרוקט אונטער די פעדערן פון זייער מוטער דער קוואָקע און דערמיט אָנגעזאָגט אַלעמען אין הויף, אַז מ׳דאַרף זיך גרייטן צו דער פינצ־טערער נאַכט.

און ווען סאַאיד אַרייני האָט אַ באַנייטער פאַרלאָזט די שטוב פון אַלטן, האָט ראַכמאַן אַ טראַכט געטאָן:

— פאַרשאָלטענע חלומות! נישט באַשערט! אַליין פון האַנט ס׳גליק מיט שורבאַדזשין אַרויסגעלאָזט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן ווילדע אויגן אים אין פנים געקוקט, גערייצט זיך מיט אים און אויסגעלאַכט. פאַרשאָלטענע חלומות!

און אַז דאָס דאָרף זאַרנוקי האָט זיך דערוווסט וועגן גרויסן שידוך, איז צו דער שמחה גאָר קיין גרענעץ נישט געווען. דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך געגרייט צום גרויסן חתונה־יום־טוב. פון די בעסטע זיסע זאַכן האָט מען געבאַקן. רייז האָט מען געטריקנט און קאַווע געמאָלן, די שענסטע מתנות האָט מען געבראַכט און מען האָט געהוליעט ביזן ווייסן טאָג אַריין. ס׳איז גאָרנישט צו באַשרייבן ס׳גליק פון דעם יונגן פּאָרל סאַאיד און סעלמע!

✶

סאַאיד אַרייני האָט זיין שטוב געבויט אויפן שפּיץ פון באַרג. אין איינעם מיט סעלמען האָט ער צוגעזעצן, אַז אַלץ זאָל זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין, די זון זאָל וואַרעמען און דער שאָטן קילן. האָט ער אויך אָן זיין ברוינער נישט פאַרגעסן!

— אָט דאָ איז פאַר מיר און סעלמע דער שענסטער און דאָ איז פאַר דיר, ברוינע די שענסטע.

און איילבערטן און פייגן און באָקסער־ביימער זענען איינגעפלאַנצט

געוואָרן, אַלץ מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט ווי עס פּאַסט פאַרן גרעסטן גיבור פון דאָרף. די שיינע סעלמע פלעגט שעהן לאַנג זיצן איינגעקלאַמערט אין די אָרעמס פון סאַאיד, איר מאַן. פריי צעעפנט איר האַרץ פאַר אים, אויסדערציילט אים אירע מיידלשע סודות, אַז שוין יאָרן לאַנג, ווי איר האַרץ האָט זי אים געשענקט. און ער ווי פאַרשיכורט איז ער געווען: די אויגן האַלב צוגעמאַכט, די הענט גלעטן איר קערפּער און זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער זיך געטוליעט צו אים. צוויי הערצער האָבן זיך פאַראייניקט אין גליקלעכער ליבע...

און נאָר די ברוינע האָט געפילט, אַז נישט ווי נעכטן איז צו איר היינט סאַאיד. און ווען סאַאיד, אַ פאַרפלאָמטער, איז צו איר אין שטאַל געקומען, האָט ער שוין אַליין צו איר געזאָגט:

— צו וואָס די זאָרג, דו נאַרישע? וואָס דיינס איז דיינס און וואָס אירס איז אירס. — דערביי האָט ער זי אַ גלעט געטאָן אונטערן האַלדז און דאָס האָט געהייסן: גליקלעך! גליקלעך בין איך!

און צוויי זין האָט סעלמע סאַאידען אויף אַללאַס וועלט געבראַכט. זין אַזעלכע, וואָס זענען אַ שיינדל פאַר גאָט און פאַר לייט: דעם טאַטנס בלוט און דער מאַמעס מילך. האָבן זיך אויך געמערקט און געפּרוכפּערט די קעמ־לען, שאָף און רינדער. עופות האָבן אויסגעבריט פּוכקענקע הינדעלעך פון די אייער. טויבן אויפן דאַך האָבן וואָס אַ טאָג אַלץ מער נעסטן געבויט, און אַפילו די ברוינע אַסילע האָט אין אַ לבנה־נאַכט אויפן אויסגעבעטן שטרוי אַ לאַשיקל פון איר בויך אַרויסגעבראַכט, אַ לאַשיקל פון גרעסטן יחוס. דאָס בלוט פון דער ברוינער מיט בלוט פון אַ כאַלבבער אָגער געמישט.

*

נאָר גליק איז נישט אַ זאַך, וואָס שטענדיק קאָן מען עס איינהאַלטן. עס גליטשט זיך אַמאָל אַרויס פון די הענט און מען פילט גאָר נישט. זקנים וויסן דאָך צו דערציילן, אַז אויך אין אייגענער היים, אין אייגענעם נעסט בלאָזט אַמאָל אַ שלעכט ווינטל אַריין. און שווער איז צו וויסן, וואָס איז עס. צי איז עס אַ באַגער נאָך אַ נייער וויב, צי איז דאָס סתם אַזוי אַ שפּיצל פון שלעכטע רוחות. נאָר ווען דאָס האַרץ הייבט אָן צו נאָגן, און צונויפגעקלעמטע ציין סטאַרטשען אַרויס פון די באַקן — ווייסט מען נישט צי איז דאָס אַ כעס

אַזאַ, צי עפּעס אַנדערש. און אַפילו סעלמע האָט זיך נישט געקענט קלאָר מאַכן. אַ ווייב אַ געטרייע איז זי אים דאָך פונעם ערשטן טאָג אָן. דער גאַנצער ברען פון איר הייסן קערפּער — זיינער איז ער דאָך! און אַלץ בליט דאָך אויפן באַרג, אַלץ שיינט דאָך, טאָ וואָס־זשע איז דאָס מיט אַמאָל געוואָרן מיט סאַאידן? — סיידן גראָזן נישט גוטע אויפן פעלד האָבן זיין נשמה פאַרסמט. ווער ווייסט? אַלץ איז דאָך פון אַללאַ!

*

און דער רייכער שורבאַדזשי האָט נאָך אַלץ זיין האָפענונג נישט אויפגעגעבן. אַריין איז אים די שיינע סעלמע טיף אין די ביינער, זייער גליק האָט אים אין אַ מרה שחורה אַריינגעבראַכט!

— הינטישע בלוט! אַ קראַמף אים אין די ביינער! נישט שוין זשע וועט אים אָט דער סאַאיד טאַקע באַזיגן, אים דעם רייכסטן עפענדי פון דאָרף? און צי וועט ער זיך אונטערגעבן? פּאַסט עס פאַר אַזאַ רייכן עפענדי אונטערצוגעבן זיך און זיצן מיט פאַרלייגטע הענט? — ניין! ניין!

אָט די פאַרשאָלטענע חלומות! די גאַנצע נאַכט האָט ער אַ שאַרף מעסער אויפן האַלדז געפילט. פאַרשאָלטענע חלומות!

האָט ער באַפוילן איינצושפּאַנען אַ שיינעם געשפּאַן און איז אויפן מאַרק קיין לוד געפאָרן.

דער גרויסער מאַרק אין לוד האָט זיך אָנגעהויבן שוין פון אָנהייב נאַכט. פון נאָענטע און פון ווייטע דערפער האָבן פעלאַכן און בעדואינער געשטראָמט צום גרויסן מאַרק־פּלאַץ אויסבייטן אַ קעמל, כדי אַ ווייב צו קויפן. פאַרקויפן אַ מעלקעדיק קיעלע, כדי זריעה צוצוגרייטן פאַרן ווינטער און נאָך אַזוינע זאַכן. אויסגעפּוצטע, געוואַשענע, געקעמטע מיט גלעקלעך און קרעלן אַרום די העלדזער שטייען די בהמות, אייזלען און קעמלען, גרייט אַריבערצוגיין פון האַנט צו האַנט. שטאָטישע אַראַבער מיט לאַגלען, פולע אייז־קאַלטע רויטע וואַסער, זינגען און קלינגען צו מיט קופּערנע שיסעלעך אין די הענט:

בוזאַ יאַ בוזאַ!

רייטער פּרוּוון אויס אַ פערדל, צי וועט עס טויגן אין שפּאַן, צי וועט עס שלעפּן דעם אַקער. אַראַבישע מיידלעך און ווייבער זיצן אויסגעזעצט אויף דר׳ערד און אַרום זיי גרינסן און פּרוכטן מכל המינים, זויער מילך און גע־

טריקנטע קעז. דער גאַנצער מאַרק הודזשעט און קאַכט, מ׳קלאַפּט איינער דעם צווייטן אין האַנט, מען דינגט זיך, מ׳שרייט, מ׳קושט זיך איינער דעם צווייטן אין די וואָנצעס און מ׳מאַכט געשעפט. האַנדל איז אין פולן ברען...

און ווען שורבאַדזשי עפּענדי האָט דעם אַלטן ראַכמאַן דערזען, ווי ער שטייט מיט אַן אייזל צום פאַרקויפן, האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און אַזוי גוט־ברודעריש, מיט זיסע ריידעלעך אין זיין מויל, געזאָגט צו אים.

— געבענטשט זאָל זיין ראַכמאַן דער גלויביקער. וואָס מאַכסטו ? און וואָס מאַכט דיין קעמל ? און ווי זעט עס אויס מיטן שניט היי יאָר.

— געלויבט איז אַללאַ דער גרויסער. נישטאָ זיך אויף אים צו באַקלאָגן. און וואָס מאַכט עפּעס שורבאַדזשי עפּענדי ?

— אָט געלויבט איז אַללאַ. און וואָס זשע מאַכט עפּעס דיין לאָשיקל ? אָט די סעלמע מיט איר מאַן דעם גיבור ? און דער גיבור ! דו, אַלטער נאַר, ער האָט דיך גאַר אויסגענאַרט, איך וואָלט דיר טויזנט גאָלדענע געווען אויסגעציילט. ביי היינטיקן טאָג איז מיין וואָרט נאָך אַ וואָרט. און ער, אָט דער גיבור, האָט דיך אויסגעלאַכט און דעם חוב ביז היינטיקן טאָג נישט באַצאָלט. זעסטו שוין ווו פאַלשקייט שטעקט. און דו, ראַכמאַן, וואָלסט דאָך נאָך מיט געלט אַ יונג ווייב זיך געקענט איינקויפן, זי זאָל דיר אויסוואַרעמען די ביינער אויף דער עלטער. נישט גוט, נישט גוט איז אַן אַלטן פּאָטער אָפּצונאַרן.

האָבן דעם עפּענדיס רייד צום האַרצן פון אַלטן געטראָפן. שוין לאַנג ווי ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ פאַרדרוס קעגן זיין איידעם, אָט דעם הונט, וואָס האָט אים אויסגענאַרט. נאָר גיי טו עפּעס, אַז איינגעקלעפּט זענען זיי געוואָרן איינער אין צווייטן און וועסט זיי נישט צעשיידן נישט מיט גוטן און מיט בייזן אַוודאי נישט.

נאָר ווען דער אַלטער ראַכמאַן האָט סאַאידן געטראָפן אין פעלד, אויג אויף אויג, האָט ער אים פריער עפּעס געזאָגט מיט גוטן און דערנאָך מיט בייזן, קיינער האָט גאָרנישט געהערט, נאָר איין זאַך ווייסט ס׳גאַנצע דאָרף, אַז סאַאיד האָט אין כעס צום אַלטן געזאָגט:

— קענסט זיך די מציאה צוריקנעמען פאַרן חוב און מאַך מיך נישט גליקלעך...

דאָ האָט שוין גאָרנישט געהאָלפן. טיף באַליידיקט האָט ער די שיינע סעלמע. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס בעטן זיך פון סאַאידן, אַז ער גאָרנישט געמיינט, אַז פון כעס האָבן זיך די ווערטער אַליין פון זיין מויל אַרויסגע־גליטשט. סעלמע האָט מיט זיך איר טאַטן דעם אַלטן חוב אָפּגעצאָלט. זי האָט איר שטוב פאַרלאָזט און איז צו איר טאַטן אַוועק און דער אַלטער ראַכמאַן האָט זיך אַזוי דערפרייט, נאָך קיינמאָל נישט האָט ער סעלמען אַזוי ליב געהאַט ווי איצט. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט, אַ קוש געטאָן אין שטערן און שוין דערפילט אַז די נייע ווייב וועט אים אויף דער עלטער די ביינער דער־וואַרעמען. סעלמע אַליין האָט מיט אַמאָל פאַרלאָרן דעם גלאַנץ פון אירע אויגן. זי האָט זיך אַליין נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס אַזוינס האָט זי געטאָן און צו וואָס וועט עס ברענגען.

און סאַאיד?

ער איז שיער נישט פון זינען אַראָפּ. ער האָט גאָר נישט געקענט פאַרויס־זען דעם סוף פון אַזאַ זאַך. און אפשר איז דאָס גאָר אַ שפּיצל אַזאַ? — ער האָט גאָרנישט געפילט אַז מען שפּילט דאָ מיט פייער, אַז נישט קיין שפּיצל איז דאָס, נאָר אַ גרויסער ווייטיק וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. פאַרפאַלן! עס קאָן שוין גאָרנישט העלפן...

וואָס זשע ווידער אָט די פאַרשאָלטענע חלומות?

און אין הויף ביי שורבאַדזשי עפענדי קאָכט זיך. מ׳קערט און מ׳ראָמט. טרוקענע גראָזן ווערן מיט פריש וואַסער באַגאָסן. שטיינער אין הויף מיט וויסן קאַלך געפאַרבט. די יינגסטע שעפעלעך פון טשערעדע פאַר דער סעודה אויסגעקליבן. רייז ווערט געקאָכט און מיט זיסע ראָזשינקעס פאַרמישט. אַלע שייכן פון געגנט זענען איינגעלאַדן. אַלץ גרייט זיך צו דער גרויסער סעודה, וואָס שורבאַדזשי עפענדי גרייט צו לכבוד זיין נייער ווייב, דער שיינער סעלמע. ער אַליין איז אַוועק אין דער נאָענטער שטאָט ראַמלע איינצוקויפן פאַר דער שיינער סעלמע דאָס בעסטע זיידן־טיכל און אַ שנירל פערל. די ווייבער אין הויף האָבן שטילערהייט צווישן זיך געבורטשעט, נישט פאַרגונען האָבן זיי אַזוי פיל גליק אָט דער צעפּיעשטשעטער סעלמען און געוווסט האָבן זיי גוט, אַז שורבאַדזשי וועט מיט זיי אַפילו קיין וואָרט נישט אויסריידן.

אָבער אַ טעות האָבן זיי אַלע געהאַט. קיינער ווייס נישט, וואָס עס וועבט

זיך אַרום אים און די שמחה איז טאַקע גרויס, ס׳איז אָבער נישט קיין ראיה, אַז דער סוף וועט אַ גוטער זיין. אַלץ איז דאָך פון אַללאַ !..

סעלמעס האַרץ האָט געזאָטן, ווי אַ זודיקער קעסל. און ווען די געסט האָבן אין שפּעטער נאַכט געקייטלט איינער צום צווייטן נאָך געטאַנצט אין הויף, ווען שווערדן האָבן געבליאַסקעט און געפּאַכעט אין דער לופטן, האָט זיך סעלמע געראַנגלט מיט איר נייעם מאַן, מיט שורבאַדזשין אין פאַרמאַכטן אַלקער. ניין, זי וועט אים צו זיך נישט צולאָזן און מעג ער אירע קליידער פון איר רייסן, וועט אים גאָרנישט העלפן. איינגעקלעמט האָט זי אירע נעגל ביי אים אין פּנים און ווי אַ ווילדע קאַץ האָט זי אים צעדראַפּעט און צעביסן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. אַוודאי, נישט אין דער ערשטער נאַכט פון דער חתונה וועט שורבאַדזשי זיין יונג ווייבל שלאָגן. אָבער ער וועט זי שוין איינ־ברעכן. ווילדער לאָשיק — האָט ער ביי זיך געטראַכט.

און ווען די נאַכט האָט אָפּגעטראָטן איר פּלאַץ פאַרן מאָרגן און סעלמע אַ פאַרחלשטע איז געלעגן אין אַ טיפן שלאָף אויף אַ ראָגאָזשע ביי דער טיר — האָט זי אַוודאי גאָרנישט געוווּסט פון דעם, וואָס עס האָט איבערגעלעבט סאַאיד אַריינו, איר געוועזענער מאַן און פאָטער פון אירע צוויי זין. און נישט נאָר זי, נאָר קיינער פון די אַלע, וואָס האָבן ביי דעם יום־טוב געהוליעט, האָט אַפילו נישט אַ טראַכט געטאָן, וואָס אַ שטייגער קאָן טאָן סאַאיד אין אַזאַ פאַרשאָלטענער נאַכט ?

און וואָס האָט ער געטאָן ?

פאַרלאָזט זיין שטוב און ווירטשאַפט אויף גאָטס באַראָט און אַליין אויף דער ברוינער אַסילע זיך אויף די וועגן געלאָזט. אויסגערייניקט זיין בראַו־נינג, אים אָנגעלאָדן, אויגן אָנגעשאַרפט, אויערן אויסגעשפּיצט, פינגער בייסן און רייצן. זאָל ער זיך נאָר ווייזן אָט די הינטישע פּעל !

און ווען אין אַ פאַרנאַכט האָט זיך שורבאַדזשי אַריינגעלאָזט צו זיך אין באַיאַרע, האָט סאַאיד אויפגעבריויזט. אַ ווייסער שוים האָט זיך באַוויזן אַרום זיינע ליפּן. אַ דריק געטאָן דער ברוינערס בויך מיטן פוס און גלייך אַוועק־געריטן צו דער באַיאַרע אָפּצוצאָלן דעם נייעם חוב. וואָס גייען אים אָן די דראָטן, וועלכע ער דאַרף דורכקריכן כדי אַריינצוקומען אינעווייניק. און אַז ער וועט זיך צעשטעכן — איז וואָס ? — די וווּנד אין האַרצן איז גרעסער !

— האַ! וואָס? וואָס ווילסטו סאַאיד?

— אַ חוב געקומען אָפּצאָלן, דו, היִנטישע פּעל...

— אַ חוב ? אַזוי? כאַ כאַ כאַ... דו ביסט מיר אָבער גאָרנישט שולדיק, סאַאיד. און אויב דו ווילסט, קען איך דיר נאָך צוגעבן עטלעכע גאָלדענע אין צוגאָב פאַר סעלמען. אַ ווילע איז זי און איז דאָס ווערט...

— האַ... האַ... האַ... סעלמע... אַ צוגאָב... גיב... נאַ... נאַ... נאַ...

און פינף שאָסן איינס נאָכן אַנדערן האָבן צעלעכערט דעם רייכן עפענדי שורבאַדזשי. מיטן פּנים צו דער ערד איז שורבאַדזשי געבליבן ליגן, און סאַאיד אַ באַרויִקטער, אַן אָפּגעקילטער, האָט געאײַלט צו זיין ברוינער, אָפּצוטראָגן זיך פון דאַנען און אָפּצווישן אַלע שפּורן פון גרויסן מאָרד. אַוועק איז ער צוריק צו זיך, פאַרטאָן זיך שטאַרק אין זיין ווירטשאַפט. און ווען דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך דערוווּסט פון אומגליק און אַלע זענען זיך צונויפגעלאָפן אין באַיאַרע אָנצוקוקן דעם קרבן און אין דאָרף אים ברענגען, איז די איינציקע, וואָס איז געבליבן אין שטוב, געווען סעלמע. איר איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז סאַאיד איז געווען דער, וואָס האָט דעם חשבון געמאַכט, און טיף אין האַרצן האָט עס איר שטאַרק געפרייט: פּטור געוואָרן פון אַ צרה. ליבערשט איינגאַנצן אָן אַ מאַן בלייבן, איידער אַריבערטראָגן די זיסע ריידעלעך און ליבשאַפט פון דעם פאַרהאַסטן שורבאַדזשי...

און ווען דער מוכטאַר פון דאָרף האָט געלאָזט וויסן דער מאַכט אין שטאָט וועגן מאָרד, וואָס קיינער ווייס נישט ווי אַזוי און פאַרוואָס דאָס האָט געטראָפן, האָט זיך די מאַכט געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אויסצוגעפינען דעם מערדער. זי האָט סאַאידן פון אויג נישט אָפּגעלאָזט, ווייסנדיק, אַז פון שטענדיק אָן איז ווייט געווען דער שלום צווישן אים און דעם עפענדי, האָט מען טריט־קענער געבראַכט און מ'האָט געזוכט און געזוכט, ביז מ'האָט איין פאָדעם פון אַן אַבאַיע אויף די דראָטן פון פאַרקאַן געפונען. דאָ איז שוין דער סוד קלאָר געוואָרן, און אַז מ'דאַרף, קומט דער אומגליק אין שטוב אַריין בלויז דורך איין פאָדעם פון דער אייגענער אַבאַיע. געלערנטע האָבן אויסגעפונען, אַז דער פאָדעם איז פון סאַאידס אַבאַיע. נאָכדעם האָט מען אויך גיפּס געגאָסן אין די טריט פון פערד ביים פּלויט און צוגעפּאַסט צו די טריט פון דער ברוינער. אַלץ האָט געשטימט ביז אַ האָר. אַפילו די אייגענע

ברוינע האָט אויך פאַרראַטן. פאַרפאַלן! נישט אַללאַ איז דער, פאַר וועמען וועסט עפּעס באַהאַלטן. און סאַאיד איז לויטן באַפעל פון קאַדי און דער מאַכט אין אַ פינסטערן קאַרצער אַריינגעוואָרפן געוואָרן. עס האָט מער נישט גע־האָלפן דאָס וויינען און קלאָגן פון סעלמען:

— איך בין די שולדיקע, נישט ער... איך האָב געבראַכט דערצו... אין קאַרצער האָט סאַאיד שוין געפילט, אַז זיין סוף איז נאָענט. און מחשבות נאָך מחשבות האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין קאָפּ! אָט צו וואָס עס קען ברענגען אַ פאַרשאָלטענער חלום און ווי אַזוי איז דאָס אַלץ מיט אַמאָל אַזוי גיך גע־שען? צי שוין זשע איז עמעצער, וואָס קיינער זעט אים נישט, געשטאַנען ביי דער זייט און צוגעאיילט: גיכער, גיכער...? און אויבן אויפן שפּיץ באַרג שטייט אַ שטיבל מיט ביימער פאַרפלאַנצט אַרום און אַרום... צוויי זין לויפן אַרום אויף די פעלדער. סעלמע... סעלמע... סעלמע...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אַז זקנים זאָגן, אַז אַלץ, וואָס איז אויף דער וואָר קאָן מען נאָך בייקומען — שלעכט איז אָבער מיט זאַכן, וואָס קומען פאַר אין חלום, דאָ וועט שוין גאָרנישט העלפן, דאַרף מען זיי גלויבן. דערויף האָבן זיי מער געלעבט אויף דער וועלט און באַוויזן מער צו באַנעמען די וועגן פון אַללאַ דעם גרויסן און פאַרטיפן זיך מער אין זיינע מעשים.

פאַרשאָלטענע חלומות! נאָך ערגער פון „עפאַריט" און „איבליס" זייענען זיי. אַלץ איז פון אַללאַ!..

שאַבאַב — חברה לייט, שטאַרקע יונגען.
עפענדי — גוט באַזיצער.
מוכטאַר — עלטסטער פון דאָרף וועלכער איז דער פאַרשטייער פון דאָרף פאַר דער מאַכט.
קאַדי — אַן אַראַבישער שופט
עפאַריט, **איבליס** — נעמען פון שדים.
פאַנטאַזיע — הוליאַנקע.
יאַלאַ עמשי — אַוועק פון דאַנען.
באַיאַרע — פּרדס.

קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ

שלאָפֿן, שלאָפֿסטו ווי אַ לעמעלע,
דאָס נאָס אויף דיינע ליפּן איז זיס,
וואָלט איך זיך נישט געשעמט פֿאַר פֿרעמדע,
לויף איך און קוש דיך געוויס...

אַזוי האָט זיך געזונגען דער יונגער פּאַסטוך מוסאַ יאַסין פֿון דזשימזע. זיין קול האָט געטרילט און געקייקלט זיך איבערן גאַנצן טאָל, ווייט פֿון זיינע שאָף און רינדער.

ניי זענען זיינע לידער, ניי זענען די שליאַכן, אויף וועלכע ער פֿירט זיינע שאָף און שעהנווייז דויערט זיין צעזונגענער גאַנג צום קוואַל.

מוסאַ יאַסין איז נאָך נישט אַלט גענוג צו האָבן אָפּגעשפּאָרט געלט אויף אַן אייגן ווייב: ער איז קוים זיבעצן יאָר אַלט, און ס'האָט אים געצויגן מער צום באַרג און צו טאָל איידער צו אַרבעט אויפֿן פֿעלד. אים איז געפֿעלן זיין אַ פּאַסטעך ביים רייכן ביטאַר עפֿענדי.

ווי גוט עס איז אינעם טיפֿן טאָל! מיט אַ פּייפֿל אין מויל האָט ער זיך אומגעפֿירט מיט די שאָף און רינדער, אין טאָל און אויף באַרג. האָט ערגעץ געגרינט אַ שטיקל ערד, האָט שוין מוסאַ יאַסין צוגעזען, די סטאַדע זאָל כראָמטשען, זעטיקן זיך און אָנפֿילן אייטערס מיט מילך. מיט גרויס הנאה פֿלעגט ער זיך אַוועקלייגן אויפֿן פֿרייען פֿעלד, ליגן כל זמן דאָס גרינע גראָז איז אויף דער ערד צו זען, און אַריינקוקן טיף, טיף אין הימל. אין די וואָלקנס דערזעט ער אַ וועלט אַ נייע: דערפֿער גאַנצע. און דאָרטן אַ געצעלט פֿון ווייסן לייוונט, ווו פֿעלעכלעך פֿון מדבר־חיות זענען אויסגע־שפּרייט אויף וואַנט און אויף דיל, און אין יענעם געצעלט געפֿינט זיך זי, מאחבובאַ, די שענסטע בעסטע מיידל פֿון דער וועלט.

טראָגט עס אים פֿון דער ערד. לאָזט ער איבער שאָף און רינדער און לויפֿט איבערן טאָל, אַהין, אַהין ווו מאַחבובאַ זיין באַשערטע.

אברהם בליי

כאַפּט ער זיין פּייפל אַריין אין מויל און שפּילט אויס:

מאַחבובא, האָסט מיך געפאַנגען,
ווי אַ בין אין אַ בינשטאָק,
נאָר כ'האָב נישט קיין פליגל צו פליען,
איך וועל באַטראַכטן די שטערן ביינאַכט
און טרוימען פון דיר.

דערהערן די שפּעלעך דאָס זיסע געזאַנג, לייגן זיי זיך אויס און הערן צו. און מיט אַמאָל שפּרינגט ער אויף און דערמאָנט זיך, אַז אפשר איז גערעכט דער אַלטער מאַכמוד, וואָס זאָגט, אַז דער וואָס האָט גליק נאָר אין טרוים — דער האָט אומגליק...

טרייבט ער די טשערעדע טיפער און טיפער אינעם טאָל און אַליין שפּרייזט ער פאָרויס, פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט.

*

מאַחבובאַן האָט מוסאַ יאַסין ליב געהאַט מיטן גאַנצן ברען פון האַרצן. ער ווייסט עס וואויל, אַז די שענסטע מיידל פון דאָרף לאַכט זיך אויס פון אים, וויל נישט ווערן זיינע, איר ציט גאָר צו חברה „שאַבאַב". נאָר נאָך פון קליינערהייט אָן האָט ער אין דער שטיל געקושט אירע טריט, און האָט זי נאָר איין מאָל איר מויל געעפנט אַ שמייכל צו טאָן און עס האָבן אַ בלישטש געטאָן צוויי שערענגעס ווייסע ציין, האָט מוסאַ יאַסין מיט אַמאָל דערזען ווי בריליאַנטן גלאַנצן, עס האָט אים געשווינדלט אין די אויגן און אַ ציטער האָט אַרומגעכאַפּט זיין גאַנצן גוף.

— מאַחבובאַ, דו ביסט ווי די שענסטע רויז אין גאָרטן.

— און דו מוסאַ יאַסין, ביסט ווי אַ דאָרן אַ ווישטער.

— נישט שיין אַזוי צו רעדן, מאַחבובאַ, אַ זינד, אַ זינד פאַר אַללאַ! און אַז איך וועל געגנוג געלט אָפּשפּאָרן, וועל איך קומען מיט מתנות פיל צו דיין טאַטן, באַצאָלן פאַר דיר דעם פולן מקח. און זיין וועסטו ביי מיר דאָס שוואַרצאַפּל פון מיין אויג, מאַחבובאַ!..

— משוגענער! — האָט זיך מאַחבובאַ אויסגעלאַכט — זאָלסט נישט

דערוועגן זיך, דו הינטישער זון, פיינט האָב איך דיר ווי אַ שפּין, לויף דיין וועג און פאַרגעס... כאַ כאַ כאַ...

איז מוסאַ יאַסין אַוועקגעגאַנגען צעוויייטיקט, ווי שאַרפע מעסערס וואָלטן זיין לייב געשניטן, און ערגעץ אין אים האָט זיך אַ בענקשאַפט באַזעצט און פאַרנומען אים אינגאַנצן: מאַחבובאַ!

✶

ווען דאָס דאָרף האָט זיך דערוווּסט, אַז מוסאַ יאַסין, ביטאַר עפענדיס פאַסטוך, האָט שוין איינגעצאָלט דעם פאָטער אירן דאָס גאַנצע געלט פאַר מאַחבובאַן, האָט מען זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה, ווי דער שטייגער איז, און יעדער האָט אים זיין פריינדשאַפט אַרויסגעוויזן. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס פאַראַ שטורעם די בשורה האָט געבראַכט מאַחבובאַן אַליין. קיינער האָט נישט געוווּסט, ווי גרויס איז דער ווייטיק: מיט אָט דעם „גיבור״, וואָס קען אַפילו אַ פייגעלע פון בוים נישט אַראָפּשיסן, וועט זי דאַרפן חתונה האָבן? זיין ווייב ווערן אויף שטענדיק? מיט אים, מיט דעם וואָס מער ווי מיט שאָף און רינדער אַרומפירן זיך ווייסט ער נישט? און וואָס וועט זיין מיט אַבו־כאַליבן? איז שוין אַלץ מיט אים געענדיקט? ניין! ס׳קאָן נישט זיין!.. ניין!.. אָבער דאָס פּלוצימדיקע רעווען פון אַן אייזל אין הויף און די קלעפּ, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט פון איר טאַטנס קורבאַטש, האָבן איר דערמאָנט, אַז אַן אַראַבישע טאָכטער איז זי, אַז אַזוי איז געוויס פון אַללאַ באַשערט און זי וועט נישט ווערן ס׳געלעכטער פון גאַנצן דאָרף! האָט זי אין דער שטיל געוויינט, באַוויינט איר ביטער מזל און געהאָפט, אַז אַללאַ דער גרויסער און מוכאַמעד וועלן איר ביי דער זייט שטיין און שלעכטע שעהן אויף גוטע טעג פאַרבייטן. פאַרפאַלן, אַלץ איז פון אַללאַ!

✶

און די סטאַדע שאָף האָט ווידער דערפילט אַ האַנט אַ צאַרטע. ווידער האָט מוסאַ יאַסין זיי געגלעט און מיט זיי אין די טיפענישן פון טאָל זיך געלאָזט. און אַז פאַרשייטע ציגן האָבן זיך אַליין אויפן באַרג געלאָזט אַ ווילדן באָקסער צו פאַרזוכן, האָט מוסאַ יאַסין אַ האַרציקן שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט זאָגן:

— „היט אײערע בײנער, איר װילדע ציגן, אַ גנבֿ איז דער באַרג, און װער װײסט װער עס לױערט אױף אײך הינטערן פּעלדז?״

און מוסאַ יאַסין האָט פֿון גליק געשײנט, פּרײ צעעפֿנט זײן ברוסט און די װאַרעמקײט פֿון דער זון האָט אַלץ מער געװאַרעמט און געװאַרעמט, און די זיסקײט פֿון האַרצן צעגליט: מײנע איז זי מאַחבובאַ!

טיפֿער זענען געװאָרן זײנע טריט אין דעם אַנגעגליטן זאַמד. ער האָט מיט אַמאָל אין זיך דערפֿילט דעם כּח פֿון אַ גיבור, אַפֿילו מיט די „שאַבאַב״ װאָלט ער זיך איצט פֿאַרמאָסטן! און האָט די נאַכט אַ שעפּעלע מיט אַ נײ לעמעלע באַגליקט אױף אַללאַס װעלט, איז מוסאַ יאַסין זיכער געװען, אַז דאָס האָט פֿאַר אים די לבֿנה אַ געשאַנק געשיקט, אַ צושטײער צו זײן גליק. האָט ער דאָס יונגע לעמעלע אין זײן בוזעם געלײגט, ס׳זאָל אים װאַרעם זײן. געגלעט עס איבערן פֿײכטן, זײדן פּעלעכל און מיטן נאָמען מאַחבובאַ גע־רופֿן. איז יעדער טאָג אַ יאָר געװען און יעדער נאַכט אַ יובֿל. און מיט גרױס אומגעדולד האָט ער געװאַרט אױפֿן גליקלעכן טאָג, װען זי װעט שױן טאָקע זײנע װערן, װען די גרױסע „פֿאַנטאַזיע״ פֿון דער חתונה װעט פֿאַרקומען, װען געזאַנג און טאַנץ פֿון גאַנצן דאָרף װעט זיך אױסמישן און פֿאַרשפּרײטן פֿרײד פֿאַר אים, פֿאַר איר, פֿאַר אַלעמען...

זענען בלױז עטלעכע װאָכן אַריבער נאָך דער חתונה, און מוסאַ יאַסין האָט געשײנט. געטרונקען האָט ער בעכערס פֿול מיט גליק. מאַחבובאַס אױגן זענען פֿאַר אים שטענדיק שױן פֿאָרױס געגאַנגען און האָט ער פֿאַרלאָזט ס׳געצעלט כּדי אױף פּאַשע צו גײן, האָט אים אַ שטאַרקע בענקשאַפֿט גע־יאָגט, נאָך און נאָך איר װאַרעמען קערפּער צו פֿילן, אײנאָטעמען װאָס מער פֿון איר אָטעם, גלעטן איר קערפּער און שטאַרק, שטאַרק צו זיך צודריקן...

און װאָס האָט ער געװוּסט, װאָס הינטער זײן פּלײצע טוט זיך? אַז גע־שפּאַנט האָט ער פֿעסט מיט אַ געהױבענעם קאָפּ, געטראָגן בײ זיך אין האַרצן אַלץ װאָס איז אים ליב. און װאָס װײסט אַ יונגער פּאַסטעך פֿון דעם, װאָס שכנים מורמלען צװישן זיך און טײטלען אױף אים מיט די פֿינגער? צי האָט ער דען עמעצן שלעכטס געטאָן? מיט אײגן פֿאַרהאַרעװעטע געלט האָט ער דאָך זײן מאַחבובאַן געקױפֿט!

נאָר נישט פֿאַרן דאָרף װעלן סודות פֿאַרבאָרגן בלײבן. ס׳גאַנצע דאָרף

פון קליין ביז גרויס האָט שוין געהערט פריער אין דער שטיל און נאָכדעם אויפן קול, אַז זינדיק איז זי מאַחבובאַ די פאַלשעניצע, אַז נאַכט איין, נאַכט אויס, ווי נאָר מוסאַ יאַסין גייט אַוועק אויף דער פאַשע מיט די שאָף און רינדער אין טאָל, קומט שטילערהייט אַריין צו איר אין געצעלט אַבו כאַליב דער אויסוווּרף און ערשט איידער דער מאָרגן־שטערן באַווייזט זיך אין הימל, פאַרלאָזט ער ס׳געצעלט און גייט זיין וועג, ווי נישט געווען.

— וואָס אַזוי פרי אויפגעשטאַנען אַבו־כאַליב? און וואָס עפּעס טוסטו אַזוי פרי ביי אונדז אין ווינקל? — האָט אים אַ שכן איינמאָל געפרעגט.

— אַ קעלבל ברודער, איז פון שטאַל אַרויס, איך זוך און זוך נישטאָ! סיידן אַ באַרגיקער האָט פאַרנומען!

— און אפשר שטייט גאָר דאָס קעלבל ביי דיר אין שטאַל? עס קען דאָך געמאָלט זיין, אַז דער באַרגיקער האָט עס שוין צוריקגעבראַכט? כאַ, כאַ כאַ...

און אַז דאָס דאָרף האָט שוין אָפן גערעדט וועגן דער פאַלשעניצע מאַח־בובאַ, וועט זיך שוין געפינען אַ דערבאַרעמדיקע גלויביקע נשמה, וואָס וועט וועלן די זינד פון דאָרף אויסוואָרצלען און מוסאַ יאַסינען די שלעכטע נייעס דערטראָגן.

— נאָר אַ ליגן איז עס! אַ מיאוס לעבן ווילט איר מאַכן צווישן מיר און מאַחבובאַן. נישט פאַרגינערס זענט איר! פאַר אייגענער הארעוואַניע האָב איך זי געקויפט און זי איז אַ הייליקע. אומשולדיק איז זי ווי אַ ווייסע טויב. נישט אמת! נישט אמת, וואָס איר דערציילט!..

אָבער טיף אין הארצן האָט זיך אַ קליין ווערעמל פאַרקליבן, און האָט געטאָטשעט און געטאָטשעט, קאַלט איז אים געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט זענען מאַחבובאַס אויגן. גיך פירט זי אויס יעדן פאַרלאַנג פון איר מאַן. אַזוי גוט איז זי מיט אַמאָל צו אים געוואָרן, און רעדט ער נאָר אויס אַ העכער וואָרט, אַזוי ווערט זי אַ דערציטערטע. און האָט ער אַ ניס געטאָן, האָט זי זיך אַ צאַפּל געטאָן, ווי אַ גיפטיקע שלאַנג, וואָלט איר אַ ביס געטאָן.

— ביסטו אפשר קראַנק, מאַחבובאַ?

— ניין יאַסין, גאָרנישט... גאָרנישט...

— לאָז דיר נישט פאַרדריסן, וואָס בייזע צינגער רעדן, נישט־פאַרגי־

נערס זענען זיי און איך וועל זיי שוין באַווייזן ווער מוסאַ־יאַסין איז אַזוינער!
האָט מאַחבובאַ נאָך מער אירע אויגן צו דער ערד אַראָפּעגלאָזט און געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע און אַ פאַרזאָרגטע.

✶

די נאַכט איז אַ ווינטערדיקע. אַ בליץ נאָך אַ בליץ גיט אַ שנייד אין הימל, דריקן זיך די שאָף איינע צו דער צווייטער און מוסאַ־יאַסין שטייט אָנגעשפּאַרט אָן אַ פעלדז, איינגעגנורעט אין זיין אַבאַיע. נאָר אַ שפּיץ נאָז זעט זיך אַרויס. הילכט אָפּ איין דונער נאָכן צווייטן און מיט אַמאָל האָט אַ גאָס־רעגן אַ פליוך געטאָן פון הימל און אַ שטורעם געבראַכט אין טאָל. ליגן די שעפּעלעך און קרעכצן: מע... מע... און יאַסין שטייט אַ צעווייקטער און טראַכט, אַז נאָך, נאָך אַ ביסל וועט אַ סוף נעמען צו דער נאַכט, אַ צווייטער פאַסטעך וועט אים היינט קומען צו פאַרבייטן און איבערראַשן וועט ער זיין ליבסטע מאַחבובאַ. קומען וועט ער פרי, איינוואַשן זיך, אָנטאָן די נייע קליידער און לכבוד פרייטיק אין מעטשעט גיין, אָפּזאָגן אַ תפילה צו אַללאַ, באַדאַנקען אים פאַר זיין גוטסקייט און נאָכדעם וועט ער לאַנג מיט מאַחבובאַן זיצן, העלפן איר ביי דער אַרבעט, אַ יום טוב וועט היינט זיין און מעג דער רעגן גיסן, און מעג דער בליץ זיך בליצן און דער דונער דונערן. די נאַכט וועט גיך פאַריבער און טרוים וועט וואָר זיין.

אָבער דער, וואָס האָט גליק נאָר אין טרוים — דער האָט אומגליק — האָט דער אַלטער מאַכמוד געזאָגט...

✶

דזשימזע איז נאָך געשלאָפן אַ זיסן שלאָף. נאַכט איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער באַרג, טאָל און דאָרף, מער ווי דאָס ווייטע רעווען פון אַן אייזל אָדער אַ קרעכץ פון אַ קעמל האָט זיך נישט געהערט. ווייט איז נאָך צום מאָרגן־שטערן.

און איינער אַליין האָט געשפּרייזט דער פון רעגן אויסגעווייקטער מוסאַ יאַסין. שנעל זענען געווען זיינע טריט. זיינע באָרוועסע פאַרהאַרטעוועטע פיס האָבן געטאָפּטשעט פון לוזשע צו לוזשע, געקנאָטן האָט ער די וואַרעמע בלאָטע און געאיילט אַהין, צו זיין געצעלט, צו זיין מאַחבובאַן, דאָרטן ווו טרוים איז שטענדיק גליק, ווו ס'איז אַזוי גוט און וואַרעם... און אָט איז ער

שוין ביים שוועל פון געצעלט. נאָר... ווער זענען עס די שדים, וואָס קריכן אים אין פּנים און שטשירען מיט די ציין? וואָס לאַכט פון אים דער אַלטער מאַכמוד? איז עס טרוים אָדער וואָר? וואָס איז אים מיט אַמאָל אַזוי קאַלט געוואָרן אין די פיס? וואָס אַזויפיל היץ אינעם פּנים? וואָס ציטערט אַזוי די האַנט? האַ? וואָס?..

✶

— — — יאָ ברידער, אַזוי איז עס געווען! — האָט נאָכדעם מוסאַ יאַסין פאַר די היטער פון קאַרצער דערציילט — דאָס שאַרפע מעסער איז אַליין אין האַנט געקומען, און וואָס וויס איך פון וועמענס בלוט ס׳מעסער איז רויט געוואָרן, פון מאַחבובאַס דער פאַלשעניצע, צי פון דעם הונטס אַבו־כאַליב? אויסגעמישט האָבן זיך זייערע בלוטן. אַלץ איינס הינטישע בלוט! הינטישע...

— פאַרפאַלן! אַלץ איז פון אַללאַ! און גערעכט איז אויך דער אַלטער מאַכמוד, וואָס זאָגט:

— „ווער עס האָט גליק נאָר אין טרוים — דער האָט אומגליק אין וואָר"...

ביטאַר עפענדי — ביטאַר דער גוט־באַזיצער.

שאַבאַב — יונגען (חברה לייט).

זאַריפֿע און דער רול

אינעם דאָרף „פּאַראַדיז״, נאָענט צום ברעג ים פֿון טאַנטוראַ, האָט געלעבט מיט אירע עלטערן זאַריפֿע, דאָס שענסטע מיידל פֿון דאָרף. ווי אַלע אירע חברטעס, האָט זי זיך פֿאַרנומען דעם גאַנצן טאָג מיט שאָף און רינדער אויך געאַרבעט אין די גערטנער, און אין די פֿעלדער, ווען די ווייץ איז געוואָרן געל און די פּירות צייטיק.

יעדן אָוונט ווען די מיידלעך טרעפֿן זיך ביים ברונעם, ווער מיט די שאָף און רינדער און ווער מיט אַ קרוג וואַסער אויפֿן קאָפּ, פֿלעגן די יונגע „שאַבאַב״ אויך אַרויסקומען אַהין, כדי צו פֿאַרברענגען מיט זיי... דאָס איז דאָך געווען דער איינציקער פּלאַץ וווּ מען האָט געקענט זיך פֿריי באַגעגענען, אומגעשטערט פֿון די עלטערן און זקנים פֿון דאָרף.

איבערהויפּט פֿלעגן די „שאַבאַב״ שענקען ליבע און אַכטונג זאַריפֿען, וועמענס שוואַרצע אויגן האָבן געברענט ווי אַ פֿייער, איר קאָפּ און נאָז מיט די שענסטע עלטסטע מטבעות באַהאָנגען, די נעגל תמיד רויט געפֿאַרבט און אַרום די קנעכל פֿון די פֿיס צוויי שיינע און קלינגענדיקע רינגען.

לאַנג, לאַנג, כמעט ביז זון אונטערגאַנג, פֿלעגט מען אַזוי ביים ברונעם פֿאַרברענגען, דורכוואַרפֿן זיך מיט שיינע ווערטער און דערציילן מעשיות פֿון גבֿורות וואָס האָבן פּאַסירט אָדער באַדאַרפֿט פּאַסירן, לויט זייער אויסרעכענונג און דמיון. און צעשטערט פֿלעגט ווערן דאָס פֿאַרברענגען צוזאַמען, ווען פֿון דערווייטנס האָט מען באַמערקט עמעצן פֿון די זקנים אויפֿן וועג צום ברונעם. יעדערער פֿלעגט פֿאַרשווינדן אין זיין ווינקל, ווי ס׳וואָלט דאָ גאָרנישט פּאַסירט. און אַפֿילו די שעפּעלעך און ציגעלעך ביים ברונעם, האָבן ווי דערפֿילט, אַז עפּעס נישט געווינלעכעס טוט זיך אַרום זיי. ביי די מיידלעך ווידער האָבן זיך פֿאַרשיידענע געפֿילן געמישט: ליבע, גאווה און קנאה. די קנאה פֿון די מיידלעך איז געווען צו זאַריפֿען און איז געשטיגן פֿון טאָג צו טאָג. איבערהויפּט זינט דער צייט, ווען זאַריפֿע האָט געלאָזט פֿילן,

אַז זי שטאָלצירט מיט דער ליבע פֿון די „שאַבאַב“ צו איר. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די קנאה האָט זיך געשטאַרקט וואָס ווייטער אַלץ מער און איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שנאה און דאָס האָט צו נקמה געפֿירט.

און אַזוי האָבן די מיידלעך אָנגעהויבן וואָס אָפּטער צו ריידן וועגן זאַאַ־ריפֿעס חוצפּה, און כמעט אין איין און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אַלע אָפּגערעדט צו ווייזן איר איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, אַז נישט תּמיד וועט זי זיין די הערשערין איבער דער יוגנט אין דאָרף.

✶

טעג און וואָכן זענען פֿאַרביי. דער ווילן אָנצולערנען זי האָט געדריקט אויף די הערצער פֿון די מיידלעך און וואָס אַ טאָג, אַלץ נעענטער איז געוואָרן צום גרויסן הייליקן יום טוב נעבי מוסאַ. אַלע דערפֿער האָבן זיך גענומען גרייטן צום גרויסן טאָג. די קעמלען האָט מען אויסגעפּוצט מיט נייע מעשענע גלעקלעך אַרום די העלדזער, וואָס שפּיגלען קעגן דער זון, מיט רויטע „טאַרבושן“ אויף יעדן האָרב; זעקלעך זענען אָנגעפּילט געוואָרן מיט כּל טוב אויפֿן וועג ביז צום קבר פֿון גרויסן נביא און אויך אויף דאָרטן אויפֿן פּלאַץ. טויזנטער, אַ וועלט אַ גאַנצע נעמען זיך צענויף און לאָזן זיך ווייל גיין אויפֿן גרויסן שטייגער. די ביקסן און שווערדן גוט געריי־ניקטע און געאיילטע. די אַסילעס שטייען מיט געהויבענע קעפּ, די זאָטלען און די פּאַסקעס מיט גוטן וואַקס געשמירט. אַלץ איז גרייט צום באַפֿעל פֿון אָנפֿירער זיך לאָזן אויפֿן וועג צו דער גרויסער „פֿאַנטאַזיע“. און מיט אומגעדולד האָבן די מענטשן פֿון די דערפֿער, גרויס און קליין, געוואַרט אויפֿן הייליקן יום טוב.

און פֿאַר יונגוואַרג האָט דער טאָג גאָר אַנאַנדער חשיבות געהאַט. נאָר דער, וואָס האָט אַ ליבנדיק בענקענדיק האַרץ, קען פֿילן, וואָס עס לעבן דורך די מיידלעך און ייִנגלעך דאָרטן אַרום דעם קבר, ווען זיי באַגעגענען זיך און וואַרפֿן זיך דורך, ווער מיט אַ וואָרט און ווער מיט אַ קוק, אַזוי, אַז עס בלייבט אַן אָנדענקונג אויף יאָרן לאַנג. און אויך דער דאָרף „פּאַראַדיז“ האָט זיך גענומען גרייטן צום גרויסן טאָג.

✶

און געפילט האָבן אַלע מיידלעך פון דאָרף, אַז פאַרשטערט וועט פאַר זיי זיין דער גרויסער יום טוב, אויב זי, זאַאַריפע, וועט דאָרטן זיין. זיי אַלע האָבן געפילט, אַז כאָטש זי איז נישט פיל שענער פון זיי, פאַרמאָגט זי, אָבער, אַזאַ קראַפט, וואָס ציט צו זיך אַלעמען.

אין די לעצטע אָוונטן פאַר דעם יום טוב, ווען זיי פלעגן זיך טרעפן ביים ברונעם, האָט יעדערע פון זיי געשטיקט אין זיך די פאַרשווערונג קעגן זאַאַריפען. געוווּסט האָבן זיי אַלע וווּיל, אַז דאָרטן ווו זאַאַריפע וועט זיין, וועט קיינער פון די שאַבאַב מיט זיי אַפילו קיין וואָרט נישט אויסרעדן. און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון נקמה, וואָס איז טיף ביי זיי אין האַרצן געלעגן. און די שעפּעלעך! פון קיין שנאה און נקמה האָבן זיי קיינמאָל נישט געוווּסט, נאָר אויך זיי האָבן דערפון איצט געליטן. פאַר־לאָזט זענען זיי געוואָרן ביים ברונעם, די צייט וואָס זייערע פאַסטושקעס פלעגן אָוועקגעבן אויף גלעטן און לאַסטשען זיי, האָבן זיי איצט פאַרביטן און פאַרנומען זיך מיט שלעכטע מחשבות. אַזוי ווי יתומים, וואָס קיינער קוקט זיך אויף זיי נישט אום, האָבן זיי זיך געפילט. אַפילו די שטעכערס און קליעשטשעס האָט קיינער ביי זיי נישט אַרויסגענומען פון צווישן דער וואָל.

און די צייט שטייט נישט. נאָך אַ טאָג איז פאַרביי און אַלץ נעענטער צום גרויסן טאָג, אַלץ שטאַרקער דאָס געפיל פון קנאה און אַלץ ברענענדיקער דאָס געפיל פון נקמה.

און זי, די אומשולדיקע זאַאַריפע, האָט פון גאָרנישט געוווּסט. גע־מערקט האָט זי יאָ, אַז אירע חברטעס האָבן גאָר אַנדערש אָנגעהויבן מיט איר צו רעדן. נאָר אַז דאָ איז פאַר איר אַ נעץ פאַרשפּרייט, איז איר אַפילו אויפן זינען ניט אַרויף...

און אָט זענען בלויז פיר טעג געבליבן צום יום טוב. דאָס גאַנצע דאָרף האָט שוין צוגעגרייט פון כל טוב, דער ריח פון „תאַבון" האָט זיך געפילט אויף מיילן ווייט איבער אַלע פעלדער און וויסטעס און געלאָזט וויסן, אַז דאָ באַקט מען גוטע זאַכן פאַר „נעבי מוסאַ".

די קעמלען געשאָרן און באַפּוצט מיט נייע גלעקער און טאַרבושן,

שוועדן געפּוצט און געריייניקט. אַלץ אין דאָרף קאָכט און רודערט. נאָר די זקנים און קינדער, וואָס על פּי רוב בלייבן זיי איבער אָפּצוהיטן דאָס דאָרף, האָבן מיט טרויער צוגעקוקט ווי אַלץ גרייט זיך און איז מונטער. און דערמאָנט האָבן זיך די זקנים אין יענע אַלטע צייטן ווען זיי זענען געווען די אָנפירער פון דער „זאַראַ נעבי מוסאַ", ווען אַלץ איז געגאַנגען אונטער זייער קאָמאַנדע. אַך יענע צייטן! און איצט?..

✶

צוויי טעג פאַרן פאַרלאָזן דאָס דאָרף צו „נעבי מוסאַ" איז רייף געוואָרן דער באַשלוס פון די מיידלעך דורכצופירן זייער פּלאַן פון נקמה.

יענעם אָוונט ביים ברונעם האָט זאַאַריפע ווי נישט געפּילט, אַז אַ נעץ איז דאָ פאַרשפּרייט פאַר איר אין וועלכער זי וועט זיך שטאַרק פאַרפּלאָנטערן.

— פאַרטאָג וועלן מיר אַלע גיין צו די זאַרורי ביימער אָנצורייסן פולע קאָשיקעס און דאָרטן ביים קבר פון הייליקן נביא וועלן מיר „קאַיעפען", אַזוי ווי עס קענען די מיידלעך פון פאַראַדיז! האָבן די מיידלעך זיך ביים ברונעם גערעדט — און דו זאַאַריפע, גייסטו מיט? — האָט זיך אָנגערופן פאַטמע, איינע פון די שענסטע מיידלעך, וועלכע האָט מער פון אַלעמען געהאַלטן זאַאַריפען פאַר איר קאָנקורענטין — אַוודאי, אַוודאי וועל איך גיין! האָט זאַאַריפע אומשולדיק געענטפערט.

פאַרטאָג, ווען די זון איז נאָך געשלאָפן און די לבנה האָט שוין געהאַלטן ביים אויפגיין, האָבן אַלע מיידלעך פון דאָרף מיט קאָשיקעס אין די הענט אַרויסגעלאָזט זיך אויף דער ווייטער שטרעקע צו די זאַרורי ביימער.

די פייגעלעך האָבן געפּישטשעט און געטראָגן אין די פּיסקלעך קערנד־לעך פאַר די קליינינקע פייגעלעך אין די נעסטן, אַלץ איז פריש געווען און די לופט האָט נאָך מיט טוי געשמעקט.

שטיל, שוויגנדיק, נישט ריידנדיק איינע צו דער צווייטער קיין וואָרט האָבן די מיידלעך מיט די באָרוועסע פיס געשפּאַנט איבער גרודעס ערד, שטעכערס און זאַמד. קענטיק, אַז אַלע פון זיי, חוץ זאַאַריפען, האָבן געוווסט, וואָס דאָס שטילשוויגן באַדייט... און ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען צום פּלאַץ.

די ביימער זענען געווען פול מיט פרוכט, אָבער צו הויך זענען זיי געווען. דערלאַנגען צו די זאַרורי מיט דער האַנט איז געווען אוממעגלעך. האָבן זיי

באַשלאָסן, אַז איינע פון זיי מוז אַרויפקלעטערן אויפן בוים און טרייסלען, און די איבעריקע וועלן אויך איר קאַשיק אָנפילן.

אַלע מיט אַמאָל האָבן אַרויסגעזאָגט זייער פאַרלאַנג צו קלעטערן אויפן בוים, נאָר ווען זאַאַריפע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז אויך זי וויל קלעטערן אויפן בוים, האָבן זיי גלייך מסכים געווען און געלאָזט זי אַרויפקלעטערן. זי האָט זיי איבערגעלאָזט איר קאַשיק און אָנגעזאָגט, מ׳זאָל אים אָנפילן פונקט ווי זייערע. זי האָט געטרייסלט און געטרייסלט, און די זאַרורי איז געפלויגן אויף רעכטס און אויף לינקס. דער ווינט, פון זיין זייט, האָט צו־געהאָלפן צו טרייסלען. מיט גרויס פלינקייט האָבן די פאַראַדיזער מיידלעך די פרוכט געקליבן פון דער ערד און געלייגט אין די קאַשיקעס. און זי, זאַאַריפע, האָט לחלוטין נישט געפילט און נישט געזען, אַז אַנשטאָט זאַרורי ווערן אין איר קאַשיק שטיינער געלייגט.

נאָכן אָנפילן אַלע קאַשיקעס, האָבן זיי זאַאַריפעס קאַשיק פון אויבן מיט פרוכט באַדעקט, זי זאָל נישט זען די שטיינער. און זי האָט טאַקע באמת פון גאָרנישט געוווּסט. עטלעכע שעה זענען זיי אַלע געבליבן זיצן אונטערן בוים אויפצועסן די „פיטעס" מיט די גרינסן, וואָס זיי האָבן מיטגע־בראַכט פון דער היים און דערביי האָט מען גערעדט פון דעם הייליקן טאָג און די „שאַבאַב", וועלכע וועלן דאָרטן זיין פון גאַנצן לאַנד אין אַזאַ צאָל, וואָס זיי קענען אַפילו נישט איבערציילן, אַ וועלט ממש! און נאָך פון אַזוינע זאַכן האָבן זיי איינע דער אַנדערער דערציילט. זאַאַריפע האָט זיך אויך אין דעם שמועס באַטייליקט און נאָך אַלץ נישט געפילט, אַז איר שטייט אַ גרויסער אומגליק פאָר...

און נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָפּגערוט און די זון האָט זיך גערוקט צו מערב, האָבן די מיידלעך באַשלאָסן, אַז ס׳איז שוין צייט אומצוקערן זיך אַ היים. איינע דער אַנדערער האָט געהאָלפן דעם קאַשיק אויפצוהויבן און אויפן קאָפּ אַרויפצושטעלן. נאָר זאַאַריפע, וואָס האָט אַלעמען געהאָלפן, איז געבליבן די לעצטע. קיינער איז ניט געבליבן, ווער ס׳זאָל איר דעם קאַשיק אויפן קאָפּ שטעלן, ווייל אַלע מיט זייערע קאַשיקעס אויפן קאָפּ האָבן זיך נישט געקענט איינבויגן, און זאַאַריפעס קאַשיק איז געווען דער שווער־סטער!..

איז זי געבליבן אַ צעטומלטע, און נאָך אַלץ גאַרנישט פילנדיק, האָט זי אָנגעהויבן אינאײנעם מיט אירע חברטעס צו זוכן אַן עצה, וואָס צו טאָן, ביז מען האָט אָנגענומען די עצה פון פּאַטמען.

— ווּעסט צוואַרטן דאָ, זאַאַריפּע, — האָט פּאַטמע געזאָגט — און מיר וועלן אַוועקגײן אויף אַ ווײלע. אײנע פון אונדז וועט זיך אומקערן העלפן דיר אויפהויבן דעם קאָשיק אויפן קאָפּ און בײדע וועט איר זיך אומקערן צו אונדז, און אַזוי וועלן מיר טאָן דעם גאַנצן וועג ביז מיר וועלן קומען אַ היים. און כדי דו זאָלסט אונדז אַלע מאָל זען, וועט אײנע פון אונדז די גאַנצע צייט מיט אַ „קעפּיע" פּאָכען אין דער לופטן — אַזוי האָט זי געזאָגט, און אַלע האָבן זיך געלאָזן אויפן וועג צוריק אַ היים.

ניט מיט גרויס חשק איז זאַאַריפּע אַלײן אין פעלד געבליבן. נאָר זי האָט קײן אַנדערע ברירה נישט געהאַט, זי וועט דאָך נישט איבערלאָזן דאָ איר זאַרורי און אַלײן אַהײם גײן!

אָבער אומזיסט איז געווען איר וואַרטן. נאָר אײן מאָל האָט זי אַ רויטע קעפּיע געזען און דאַן איז עס פאַרשוווּנדן ווײט, ווײט...

אומשולדיקע זאַאַריפּע! זי האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, אַז אירע חברטעס האָבן זי אויסגעלאַכט. זיי האָבן, לכתחילה, גאַרנישט געטראַכט, אַז עמעצער פון זיי וועט זיך אומקערן, ווי אָפּגערעדט.

און זי האָט געוואַרט און געוואַרט, ביז די זון האָט אָנגעהויבן צו פאַרגײן. די קלײנע פעלד־פליגעלעך האָבן איר אין די אויערן געזשומעט און ווי איר אָנגעזאָגט, אַז אַ גרויסער אומגליק שטייט איר פאַר, ביז ס'איז אין גאַנצן טונקל געוואָרן און אויף איר געדאַנק איז פּלוצלינג געקומען דער „רול" און פון גרויס שרעק האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. שטיל האָט זי געווײנט, די טרערן געוואָלט אין זיך שטיקן, קײנער זאָל ניט הערן און נישט וויסן פון איר. גלײך איז זי אַרויף צוריק אויפן בוים. זי האָט בײ זיך באַשלאָסן, אַז ס'איז נישטאָ קײן אַנדער אויסוועג ווי איבערצונעכטיקן אויפן בוים און פאַרטאָג זיך לאָזן אַ היים, מיט, אָדער אָן דער זאַרורי.

אָבער, אָט דערמאָנט זי זיך פּלוצלינג אָן אַבעדן, פון נאָענטן דאָרף, וועלכער האָט אין אָנהײב זומער פאַראַיאָרן אַלײן געאַקערט דאָס פעלד מיט אַ פּאָר שײנע שוואַרצע אָקסן, ווען פּלוצלינג איז דער רול ווי פון הינטער

דער ערד אַרויסגעוואַקסן. די ערד האָט זיך געשפּאָלטן און ער, אַבעד, איז צוזאַמען מיט די אָקסן און אַקער אין דער ערד פאַרשוווּנדן ביז צום היינטיקן טאָג. אומזיסט איז געווען דאָס זוכעניש פון די דאָרף־מענטשן. מן הסתם איז ער, אַבעד, אַ זינדיקער געווען — האָבן אַלע געזאָגט, און וווהין ער איז אַוועק, פון דאָרטן קערט זיך קיינער מער נישט אום!.. און נאָך אַזוינע מחשבות פון יענעמס און פון אייגענע זינד האָבן אָנגעהויבן פאַרביילויפן ביי איר אין קאָפּ, ווען פּלוצלינג, אַך, ווי איר האַרץ קלאַפּט! אָט גייט עמעצער אַהער!.. אָט נענטערט ער זיך צו איר! אָ, ווי שרעקלעך ער זעט אויס!.. אָנגעטאָן אין שוואַרצן מיט אַן „אַבאַיע״ פון איין שטיק געמאַכט, מיט לאַנגע פייערדיקע נעגל וואָס זענען שאַרפער ווי אַן אָנגעשאַרפט מעסער, אויגן ווי צוויי שטיקער פייער, הערנער אין קאָפּ און גרויסע שוואַרצע וואָנצעס. פון פאָרנט ווי אַ מענטש, און פון הינטן באַוואַקסן מיט אַן עק מיט האָר. און נאָך איין מינוט און אָט איז ער דאָ! שוין, ער קריכט שוין אויפן בוים. האָט ער מיט גרויס אימפּעט זי אַ כאַפּ געטאָן ביי דער טאַליע און מיט איר פאַרשוווּנדן ווייט איבער פעלדער און וויסטענישן, איבער בלאָטעס און בערג, ביז וואַנען זיי זענען געקומען צו אַ גרויסער הייל אונטער אַ גרויסן באַרג. אַליין פון זיך האָט זיך אַ גרויסער שטיין אויפגעהויבן ביים אַריינגאַנג און אַליין פון זיך צוגעדעקט, ווען זיי זענען אַריין אין הייל.

*

אַ פאַרחלשטע איז זאַאַריפע אין דער הייל אַריין, און ווען זי האָט דער־וואַכט, האָט זי נישט געוווּסט, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, זי האָט אַפילו נישט געדענקט פון ווען אָן זי געפינט זיך דאָ. ערשט איצט האָט זי גענומען זיך אַרומצוקוקן און זיך דערזען אין אַ גרויסן פּאַלאַץ, שיין באַלויכטן, אַלץ אינעם צימער, כלים און מעבל פון סאַמע גאָלד און זילבער. דער דיל מיט פוך געבעט און אויף די ווענט הענגען די קערפּערס פון פאַרשיידענע טויטע חיות און פייגל, אַזעלכע חיות וואָס זי האָט קיינמאָל אין איר לעבן נישט געזען. און אַרום איר אויף דעם דיל דרייען זיך אַרום אַ הינטעלע און אַ קעצעלע, וועלכע ווייזן אַרויס זייער פרייד וואָס זי איז דאָ. אין מיטן פון צימער שטייט אַ גרויסער שיין געדעקטער טיש און אויף אים כל טוב,

עסנוואַרג אַזאַ, וואָס זי האָט נאָך אין איר גאַנצן לעבן נישט געזען.

זי האָט נאָך נישט באַוויזן אײנגאַנצן צו זיך צו קומען, ווי פּלוצלינג איז דערשינען ער אַליין, דער רול. ער איז גלייך צו צו איר, מיטן שאַרפן נאָגל האָט ער איר אַ קראַץ געטאָן הינטערן קין. אַ ציטער איז אַ דורך איר לייב, נאָר זי האָט געשוויגן. שרייען און אַפילו אויסריידן אַ וואָרט האָט זי מורא געהאַט.

— דו, זאַאַריפּע, געפעלסט מיר! וועסטו זיך אויפפירן גוט, טאָן אַלץ, וואָס מ׳וועט דיר הייסן, וועל איך פון דיר קיין סעודה נישט מאַכן, דיך וועל איך האַלטן פאַר זיך! דו געפעלסט מיר!

אַזוי האָט געזאָגט דער רול זאַאַריפּען — און דערביי האָט ער אַ שנעל געטאָן מיט אַ נאָגל אין טיש, האָבן זיך גלייך פאַר אים באַוויזן דאָס הינטעלע מיטן קעצעלע, געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין און געוואַרט מיט אָפענע מיילער אויף זייער האַרס באַפעל.

— געדענקט זשע! — האָט ער זיי געזאָגט — אין אייערע הענט גיב איך זי איבער, איר וועט מיר ערוב זיין פאַר איר, זי מוז אויספירן אַלע מיינע באַפעלן, און ווי וועט זיין צו אייך, אויב עפּעס וועט זיין נישט ווי איך וויל!..

— מיר האָבן אַלץ געהערט און אַלץ אין אַכט גענומען, מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס דו, אונדזער האַר, הייסט אונדז! — האָבן מיטאַמאָל געענטפערט ביידע, סיי דאָס הינטעלע און סיי דאָס קעצעלע.

— געדענקט זשע! און דערביי איז ער גלייך פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק זיי אין דער הייל.

*

טעג און וואָכן זענען פאַרביי און צו די ליידן פון זאַאַריפּען איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען. איר אַרבעט אויפצוראַמען דעם פּאַלאַץ און צוצוגרייטן עסן האָט זי אויס מורא אויסגעפירט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. זי אַליין האָט זיך, אָבער, נישט געקענט צווינגען צום עסן, נישט זי האָט געגעסן און נישט זי האָט געטרונקען. אַלץ, האָט זיך איר געדוכט, איז געווייקט אין בלוט. היינט דאָס בענקעניש. איז זי טאַקע מאָגערער געוואָרן פון טאָג צו טאָג, קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס! אָך! די ערד פון איר דאַרף וואָלט זי איצט געקושט און אַפילו אירע חברטעס איז זי גרייט איצט מוחל צו זיין,

אַבי פריי צו ווערן און אַרויס פון דעם גיהנום, פטור צו ווערן פון דער שרעק, און פון דעם רולס ליבע.

אין די עטלעכע וואָכן געפאַנגענשאַפט ביים רול איז זי פון גרויסן זאָל אין ערגעץ נישט אַרויס. דאָרטן איז זי געשלאָפן און דאָרטן האָט זי די טעג פאַרבראַכט, תמיד אונטער דער שטרענגער השגחה פונעם הינטעלע מיטן קעצעלע.

איינמאָל האָט פאַסירט, אַז ביידע פאַראַמאַל, סיי דאָס הינטעלע און סיי דאָס קעצעלע, זייענדיק זיכער, אַז זאַאַריפע וועט זיי נישט אַפּנאַרן, זענען אַן דעם וויסן פון זייער האַר, אַרויס אויף אַ שפּאַציר אין די פעלדער צווישן די בערג. זאַאַריפע האָט באַמערקט זייער אַוועקגיין. ווען זיי האָבן זיך נישט צוריקגעקערט, איז איר איינגעפאַלן אויפצועפענען אַ טיר פון זאָל כדי צו זען, וואָס עס טוט זיך אַרום און אַרום. צוערשט האָט זי געוומען זוכן אַ פּלאַץ, ווו זי זאָל קענען רעדן הויך און זיך אַליין אויספרווון צי קען זי נאָך רעדן. האָט זי געעפנט איין טיר, און נאָך דעם אַ צווייטע, אַ דריטע, טירן אָן אַ צאָל, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ גרין געמאָלטן צימער מיט טויזנטער צוגעדעקטע פעסער, און עפּעס אַ מאָדנע קראַפט האָט זי אַ צי געטאָן, זי זאָל עפענען אַ דעקל פון אַ פעסל און זען, וואָס עס געפינט זיך דאָרט.

— וואָס איז דאָ! ווער ליגט עס דאָ אינעם פעסל!

— שרעק זיך נישט, זאַאַריפע, שאַ! דאָס בין איך, אַבעד, דערקענסט מיך נישט?!

— אַבעד! אַבעד! — האָט זי אויסגעשריגן פאַר שרעק.

— שווייג! — אַז ניט וועלן מיר ביידע אומקומען — האָט אַבעד געזאָגט — לאָמיר בעסער אַ טראַכט טאָן ווי אַזוי מיר זאָלן קענען אַרויס פון דאַנען. אָבער איצט איז שוין צו שפּעט. באַלד וועט מען זיך כאַפּן, אַז דו ביסט נישטאָ און דאַן זענען מיר ביידע פאַרלאָרן! גיי איצט אַוועק און קום מאָרגן, אָבער זאָלסט צוזען, אַז דו זאָלסט אַרויסגיין און קומען אין דער פאַסיקער צייט, ווען דאָס הינטעלע מיטן קעצעלע שלאָפן אָדער זענען אינגאַנצן נישטאָ. דער רול קומט אַלעמאָל נישט פריער ווי נאָך זון־אונטערגאַנג.

זאַאַריפע האָט צוריק פאַרדעקט דאָס פעסל, און מיט אַ ציטערדיק האַרץ,

פול מיט בענקשאַפט און האָפענונג, האָט זי זיך דורך אַלע טירן צוריקגעקערט אינעם גרויסן זאַל, נאָך אַלץ נישט טרעפנדיק דאָס הינטעלע מיטן קעצעלע. איר האַרץ איז שוין געווען אײנגאַנצן דאָרטן ביי דעם פּעסל, וווּ עס קען זיין אַ מעגלעכקייט אַרויסצוראַטעווען זיך פון דעם דאָזיקן גיהנום.

*

עס האָט נישט לאַנג געדויערט. אַז זי האָט זיך צוריקגעקערט, זענען דאָס הינטעלע מיטן קעצעלע אַריינגעקומען פאַרסאַפּעטע און אַרומגעקוקט זיך, צי זאַאַריפע איז דאָ אין צימער. און זעענדיק, אַז זי איז דאָ און אַז אַלץ איז ווי עס געהערט צו זיין, האָבן זיי פריי אָפּגעאָטעמט און ס'איז קענטיק געווען, אַז זיי זענען געבליבן צופרידן, אַז זיי קענען זיך פאַרלאָזן אויף זאַאַריפען. אין אָוונט, ווי דער שטייגער איז, קומט דער רול. ער איז זייער בייז געווען. קענטיק, אַ דורכפאַל געהאַט היינט, אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען זאַאַריפען מיט אירע שיינע שוואַרצע אויגן און שלאַנקן קערפּער, איז ער גלייך מילדער געוואָרן. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און זי אַזוי שטאַרק געקושט אַז זי האָט געפילט, אַז אָט אָט ברעכט ער איר איבער אַלע ביינער, — אָפּגערעדט שוין פון דעם שרעק און עקל, וואָס זי האָט געפילט, ווען ער האָט מיט זיינע לאַנגע און האַריקע הענט און נעגל באַרירט איר קערפּער. אָבער איין געדאַנק האָט זי געשטאַרקט און געמוטיקט, און דאָס איז געווען דאָס היינטיקע באַגעגעניש מיט אַבעדן אין פּעסל.

דער רול האָט וואָס ווייטער אַלץ מער ליב באַקומען זאַאַריפען און אויף זיין שטייגער האָט ער עס אַרויסגעוויזן אַלץ אָפטער און אָפטער. אָבער וואָס מער זיין ליבע צו איר איז געשטיגן, אַלץ מער האָט זי געחלומט פון דעם גליקלעכן טאָג, ווען זי וועט זיך באַפרייען.

עטלעכע טעג זענען פאַרביי און זי האָט נאָך אַלץ קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט זיך ווידער צו טרעפן מיט אַבעדן. דאָס הינטעלע מיטן קעצעלע האָבן זי געהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ, איבערהויפּט נאָך דעם ווי זיי האָבן צוגעזען זייער האַרס באַנעמען זיך מיט איר.

נאָר אָט איז געקומען דער לאַנג דערוואַרטעטער טאָג. פרייטיק איז עס געווען. זענען נאָך אַמאָל דאָס הינטעלע מיטן קעצעלע אַרויס אויף אַ שפּאַציר

צווישן די בערג, ווייל זיי זענען געווען זיכער, אַז זאַאַריפע וועט זיי נישט אָפּנאַרן.

דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן צו קלאַפּן, אַ שטראַל פון האָפענונג האָט אַריינגעשיינט אין איר נשמה, און נישט לאַנג וואַרטנדיק, האָט זי זיך געלאָזט צו יענעם צימער פון די פעסער.

— אַבעד! אַבעד! איך בין דאָ! — האָט זי געזאָגט אויפהייבנדיק דאָס דעקל פון פעסל.

— אַך, זאַאַריפע, דו שענסטע מיידל פון דער וועלט! פאַרוואָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט דיין קומען? איך האָב גערעכנט, אַז דער רול האָט דיך שוין לאַנג אויפגעגעסן — האָט אַבעד געזאָגט. זי האָט אים דערציילט, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען די עטלעכע טעג און אויך פון דעם רולס שטאַרקער ליבע צו איר. האָט עס אַבעדן שטאַרק געקרענקט, וואָרעם, ער אַליין האָט אויך געוווּסט, ווי שטאַרק און ווי לאַנג זאַאַריפע האָט אים ליב!

— הער, זאַאַריפע — האָט אַבעד געזאָגט — איך אַליין קען פונעם פעסל נישט אַרויסקריכן. נאָר אַן אַנדערער קען עס מאַכן דורך דעם פּולווער, וואָס איז אין דעם צימער באַהאַלטן. שיטסט נאָר אַ ביסעלע פון דעם אַריין אינעם פעסל, אַזוי עפנט זיך דאָס אַליין און איך גיי אַרויס. נאָר דורך דעם פּולווער קענען מיר געהאָלפן ווערן. געגונג איז נאָר אַ ביסעלע פון דעם אַ שאָט צו טאָן אויפן הינטעלע מיטן קעצעלע און זיי שלאָפן באַלד איין אויף לאַנג און מיר וועלן קענען אַנטלויפן פון דאַנען, מיטנעמענדיק מיט זיך אָט דעם פּולווער, וואָס וועט אונדז זיכער צוניץ קומען אויפן וועג. נאָר איך וויל דיר נישט זאָגן ווו דער פּולווער געפינט זיך, ביז וואַנען דו וועסט מיר נישט צוזאָגן, אַז ווען מיר ראַטעווען זיך בלייבסטו מיין ווייב אויף שטענדיק.

— אַבעד! אַבעד! ווי קען איך? — האָט זאַאַריפע געזאָגט — דו ווייסט דאָך, אַז אַן אַראַבישע טאָכטער בין איך און איך בין דאָך „בעדעל" צו מיין ברודער!

— דיין ברודער האָט זיך שוין מן הסתם פאַר דער צייט אָפּגעזאָגט פון האָבן אַ ווייב מיטן אויסטויש פון דיר און אַנאַנדער ווייב געקראָגן, אָדער מאַכמודן פאַר זיין שוועסטער מיט געלט באַצאָלט. איר זענט דאָך רייך! — האָט געשטאַמלט אַבעד. זאַאַריפע האָט איינגעזען, אַז זי האָט קיין אַנדער

ברירה נישט, האָט זי מסכים געווען. און דאַן האָט איר אַבער אַזוי געזאָגט:

— דו הייב אויף דאָס דעקל פון צענטן פעסל, אין דער צענטער שורה אויף דער לינקער זייט, וועסטו דאָרטן זען אַ קליין פושקעלע מיט רויטן פולווער, שיט אַריין פון דעם אַ ביסעלע אין פעסל און שטיי און קוק צו, וואָס ווייטער וועט ווערן!..

האָט זי אַזוי געטאָן און מיטאַמאָל האָט זיך דאָס פעסל אַליין געעפנט. אַבער איז אויפגעשטאַנען, אויסגעגלייכט זיך די ביינער, אַרומגעכאַפּט זאַאַריפען און האָט זי שטאַרק געדריקט צו זיך און געקושט.

✶

נאָכדעם האָט זאַאַריפע פאַרלאָזט דעם צימער און זיך אומגעקערט צו איר פּלאַץ איבערצונעכטיקן די לעצטע נאַכט, ווייל ערשט אויף מאָרגן האָבן זיי אָפּגערעדט צו באַפרייען זיך פון זייער גיהנום.

נישט קיינער, — נישט דער רול, נישט דאָס הינטעלע און נישט דאָס קעצעלע — האָבן געפילט, אַז עפּעס טוט זיך דאָ אַרום זיי. דער רול איז געקומען פאַרנאַכט, ווי געוויינלעך, און ווי אין די לעצטע אָוונטן, פאַרבראַכט מיט זאַאַריפען קעגן איר ווילן.

און אויף מאָרגן, ס'האָט בלויז אַ האַלבע שעה געדויערט, זינט דער רול האָט פאַרלאָזט דעם פּלאַץ, האָט זאַאַריפע מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און מיט ציטערדיקע הענט אַרויסגענומען דאָס פושקעלע מיטן פולווער פון אַ באַהאַלטענעם אָרט, אַ שאָט געגעבן אויפן הינטעלע מיטן קעצעלע און זיי זענען גלייך איינגעשלאָפן אין אַ טיפן שלאָף. אַבער האָט אויף איר שוין אינעם צווייטן צימער געוואַרט. זי האָט גלייך געעפנט די טיר און אַבער איז אַרויס. ווי נאָר ער האָט דערזען, אַז דאָס הינטעלע מיטן קעצעלע שלאָפן אין אַ טיפן שלאָף, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט, גענומען ביי איר דאָס פושקעלע מיטן רויטן פולווער און צוזאַמען האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג. זיי זענען צוגעקומען צום אַריינגאַנג פון דער הייל, וווּ דער גרויסער שטיין איז געלעגן. האָט אַרעד אַ ביסעלע פולווער אויפן שטיין אַ שאָט געטאָן און דער שטיין האָט זיך גלייך אָפּגערוקט און זיי זענען אַרויס. דער שטיין האָט זיך גלייך צוריקגעקערט און איז געבליבן ווי פריער.

אויסגעהערט די געשיכטע, וואָס זאַאַריפּע האָט דערציילט. און זי האָט דער־ציילט אַלץ פון אָנהייב ביזן סוף. דאָס גאַנצע דאָרף איז געגאַנגען כּאַדראַם. און מען איז געקומען אָנקוקן זאַאַריפען און אויסצוהערן איר שרעקלעכע געשיכטע.

נאָר די מיידלעך, די שולדיקע אין דער גאַנצער מעשה, האָבן אויסגע־מיטן צו קומען אַפילו נאָענט צו איר שטוב.

באַמערקט ווי דער רול מיטן הינטעלע און קעצעלע לויפן זיי נאָך. אָט, אָט זענען זיי שוין נאָענט צו זיי.

— אַבעד, מיר זענען פאַרלאָרן! — האָט זאַאַריפּע אויסגעשריגן מיט אַ ציטערדיק קול — דער רול מיט זיינע העלפערס זענען נאָענט!

אַבעד האָט אַרויסגעכאַפּט דעם פּולווער, אַ שאָט געטאָן הינטער זיך, און אין איין מינוט האָט אַ ברייטער טייך גענומען פליסן אין מיטן פעלד. און ווען דער רול מיט זיינע העלפערס זענען צוגעקומען, האָבן זיי זיך דערזען אויף דער צווייטער זייט טייך. אַבעד און זאַאַריפּע זענען ווייטער געגאַנגען זייער וועג.

— טרינקט אויס דעם טייך! — האָט דער רול אַ באַפעל געגעבן דעם הינטעלע און קעצעלע.

זיי האָבן געטרונקען און געטרונקען, אָט באַלד וועט מעגלעך זיין אַרי־בערצוגיין. נאָר פּלוצלינג האָט ביי איינעם און נאָכדעם ביים צווייטן גע־פּלאַצט דער בויך און אויס מיטן טרינקען.

דער רול האָט זיי גלייך די בייכער פאַרנייט, און זיי האָבן ווידער גענומען טרינקען. ענדלעך, ווען מען האָט שוין געקענט אַריבערגיין, זענען שוין די אַנטלאָפענע געשטאַנען נאָענט צום דאָרף „פאַראַדיז".

— פאַרפאַלן, — האָט געזאָגט דער רול צו זיינע העלפערס. איך וועל זיך שוין אין דער היים מיט אייך אָפּרעכענען!

דאָס הינטעלע מיטן קעצעלע האָבן שוין גוט פאַרשטאַנען, וואָס עס דער־וואַרט זיי דאָרטן אין דער היים.

און זאַאַריפּע מיט אַבעדן זענען שוין אַריין צו איר ברודער אין שטוב. דער ברודער און זיין מוטער זענען פון פרייד און פון שרעק אין חלשות געפאַלן. לאַנג האָט געדויערט, ביז וואַנען זיי זענען צו זיך געקומען און

זיי האָבן פֿאַר זיך דערזען די שײַן פֿון דער זון און עס האָט זיי בײדן מיט אַמאָל ביים האַרצן פֿאַרכאַפּט. זיי האָבן געשפּאַנט ווײַטער, נישט האָבנדיק אַפילו קיין מעגלעכקייט זיך אַרומצוקוקן, ווי שײַן די וועלט איז אַרום זיי. זיי זענען געגאַנגען שעהן נאָך שעהן, פֿון צייט צו צייט נאָר זיך אַרומגעקוקט פֿון הינטן צי יאָגט מען זיי נישט נאָך. זיי האָבן זיך אָפּגערוט אונטער אַ בוים, אָנגעזאַמלט אַ ביסל קרעפֿטן און ווײַטער געגאַנגען. פּלוצלינג האָט זאַאַריפּע

זאַאַריפּעס ברודער האָט שוין פֿון לאַנג חתונה געהאַט און קיין שום שטערונג איז איצט נישט געווען צו זאַאַריפּעס חתונה מיט אַבעדן.

דאָס איז געווען די שענסטע חתונה, וואָס דאָס דאָרף געדענקט. פֿון דער גאַנצער געגנט זענען זיך באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע צונויפֿגעפֿאָרן אויף דער חתונה פֿון די צוויי וווּנדערלעכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך צוריק־געקערט פֿון וואַנען קיינער קומט נישט צוריק.

די מיידלעך פֿון דאָרף, כאָטש זיי זענען דאָס מאָל געקומען, האָבן זיי זיך שלעכט געפֿילט און באַדויערט, וואָס זיי האָבן געטאָן.

צו זאַאַריפּעס גליק איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען.

✶

אָבער דער רול האָט נישט געשוויגן. נישט אַזוי גרינג וועט ער זיך אונטערגעבן. ער האָט גענומען זוכן מיטלען ווי אַזוי זאַאַריפּען נאָך אַמאָל אין זײַנע הענט אַרײַנכאַפּן.

אין איין שיינעם אָוונט, ווען אַלע מיידלעך צוזאַמען מיט זאַאַריפּען זענען מיט די שאָף און רינדער פֿון ברונעם געגאַנגען, ווען די מענער האָבן זיך פֿון די פֿעלדער אומגעקערט, האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן דער רול, פֿאַרשטעלט ווי אַ מענטש, און האָט פֿאַרקויפֿט פּאַטשערקעס, פֿינגערלאַך, שפּילקעס, שפּי־געלעך און קייטלעך זייער ביליק. די מיידלעך האָבן פֿון גאָרנישט געוווּסט און זיך געלאָזט גיין צו אים אָנצוקוקן די סחורה, וואָס ער פֿאַרקויפֿט, נאָר זאַאַריפּע האָט אים גלייך דערקענט. האָט זי אויפֿגעהויבן אַ געשריי און אַלע פֿון דאָרף זענען זיך צוזאַמענגעלאָפֿן. זאַאַריפּע האָט זיי דערציילט, ווער איז אָט דער סוחר, האָבן זיי אַרומגערינגלט דאָס גאַנצע דאָרף אַרום און אַרום, אַלע מיט גרויסע „נאַבוטן" אין די הענט און צענויפֿגענומען שטעכערס און שטיקלעך האָלץ, געכאַפּט דעם רול און אַרײַנגעשליידערט אים אין דעם אונ־

טערגעצונדענעם שייטער מיט האָלץ און דער רול איז פֿאַרברענט געוואָרן.

אַבעד און זאַאַריפע זענען אַוועק צו דער הייל, אויפגעעפנט זי און וואָכן לאַנג האָבן זיי געפירט דאָס גאָלד און זילבער און צירונג, וואָס איז דאָרטן געווען.

און זאַאַריפע איז באַוווסט געוואָרן איבער דער גאַנצער געגנט און איבער דער גאַנצער וועלט ווי די שענסטע און רייכסטע פרוי.

רול — אַ נאָמען פון אַ שד.

תאַבון — אַן אויוון, וואָס מ׳הייצט מיט מיסט און מיט שטרוי.

נעבי מוסא — דער נביא מוסא (משה).

זיאַראַ נעבי מוסא — עולה רגל זיין צום נביא מוסא.

זאַרורי — קליינע ווילדע עפּעלעך.

קאַיעפען — פאַרברענגען.

קעפיע — קאָפּ טיכל.

בעדעל — אויסטויש. (לויטן מנהג האָט דער עלטסטער ברודער דאָס רעכט אויסצובייטן זיין שוועסטער מיט אַנאַנדערנס שוועסטער. אַזוי אַרום צאָלט ער נישט פאַר קיין ווייב).

נאַבוט — אַ שטעקן מיט אַ קאָפּ.

אומגליק...

שוין עטלעכע טעג, ווי דאָס דאָרף פּאַראַדיז ביי טאַנטורע, גייט אַרום אָן אַ קאָפּ. נישט מען קען עפּעס טאָן בייטאָג, נישט עס נעמט אָן אויג צו שלאָפן ביינאַכט. יעדער אומגליק איז דאָך שלעכט, נאָר ווי איז צו דעם אומגליק, וואָס מען ווייסט נישט פונוואַנען עס קומט? און ווער ווייסט ווען עס וועט נעמען אַ סוף דערצו?

ביי פּעליסן איז די גרויסע קאַלב מען פון טשערעדע נישט געקומען, אַט איז זי אַרויסגעלאָפן ווי אַלעמאָל אַ פרייליכע, און אַט האָט זי זיך פּלוצ־לינג אַוועקגעלייגט לעבן אַ פּאָר פּאַרדאַרטע דערנער, אויסגעגלאָצט מיט די אויגן, פאַרוואָרפן מיטן עק און שוין ניטאָ. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס לאָזן בלוט פון אַן אויער, דאָס איינרייבן די שלייפן ביים קאָפּ. אַט — געלעבט, און — שוין טויט!

ביי עזאזי איז לאַטיפע די יינגסטע ווייב, אַט די וואָס איז ערשט נישט לאַנג פון דאָרף געקומען, אַזש פונעם געגנט פון די בערג — ליגט זי שוין דריי טעג און רעדט פון שלאָף, נישט צו דערוועקן זי.

ביי אַבו־ראַיאַן איז די יונגע קעמלטע, דאָס שיינדל, מיט וועלכן דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך געריהמט, געגאַנגען צו קינד. אויף דעם דור האָט שוין נישט איינער געוואַרט, די גרעסטע סומעס געלט פּאַרויס פאַרגעלייגט עזאַזין פאַר אַ קינד פון דער ווייסער, האָט זי דווקא געהאַט צוויי קעמעלעך, נאָר ביידע טויטע.

נישט אַנדערש, ווי מען קען פון זינען אַראָפּ!

גייט אַרום דאָס גאַנצע דאָרף אָן אַ קאָפּ. מען לויפט צו קאַדי, מען לויפט צום שייך, מען טראַכט, מען אַמפּערט זיך, דער קאָפּ ווערט אַזש אויפגעריסן. וואָס־זשע איז פּלוצלינג געשען מיטן דאָרף? איבערן שוועל האָט מען מורא געהאַט אַריבערצוגיין, און קיינער האָט נישט געוווּסט ווען עס איז נאָענט און וואָס איז דער נייער אומגליק, וואָס לויערט אויף זיי?

האָט די אַלטע מעדזשידע גערעדט צו זיך אַליין, אַז אַלע האָבן געהערט:

— זאָל מיר נישט באַשטראָפט ווערן פאַר דערמאָנען דעם נאָמען, נאָר נישט אַנדערש, ווי דער עפאַריט האָט זיך פאַרקליבן אין אונדזער דאָרף פאַראַדיז, אַללאַ, אָ אַללאַ!

האָבן זיך די דאָרפישע אָנגעהויבן צוצורוקן איינער צום צווייטן, ווייל עס איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַ שרעק. מיט עפאַריט שפּילט מען זיך נישט!

פאַרנאַכט, נאָך איידער די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין, ווען עזאַזי האָט אין אַ בלעך געקלאַפּט און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אַ ווידערקול האָט אַזש אָפּגעקלונגען פון די בערג פון סאַמאַריך, האָבן שוין זקנים פון דאָרף געוווּסט, אַז דאָס פאַרלאַנגט פון זיי דאָס דאָרף זיי זאָלן זיך צענויפנעמען און אַריינטראַכטן זיך אין דער זאַך. דאָס אומגליק ווערט דאָך גרעסער פון טאָג צו טאָג!

האָט איינער נאָכן צווייטן פון די עלטסטע פון דאָרף מיושבדיק און מיט געציילטע טריט געלאָזט זיך צום גרויסן זאַרורי־בוים, וואָס שטייט שוין מכמה דורות אינמיטן דער מיקשע פון רויטע קאַווענעס. און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צו זעצן די זון און מען האָט זי געזען אַ ברענענדיק־רויטע, ווי זי טרינקט זיך ערגעץ אויף די שפּיץ בערג — זענען שוין אַלע געווען אויפן אָרט. קיינער האָט אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, אַלע האָבן געשוויגן. געוואַרט האָט מען אויפן עלטסטן אַבו־יאַני, ער זאָל דאָס ערשטע וואָרט אַרויסזאָגן.

און ווען דער אַלטער אַבו־יאַני האָט אַ טיפן קרעכץ געטאָן, האָבן אַלע ווי איינער געקרעכצט אויף אַ קול און אַרויסגעלאָזט דעם קרעכץ צווישן די צווייגן פון דעם גרויסן, אַלטן זאַרורי־בוים.

פון דערווייטנס האָט אַן אייזל גערעוועט און קליינע פליגעלעך האָבן געשזשומעט אין אויער.

— נישט גוט, נישט גוט, ברידער, — האָט דער אַלטער אַבו־יאַני געזאָגט.

— ביי פעליסן אַ קאַלב — האָט גלייך אַ צווייטער געזאָגט, — ביי אַבו־ראַיאַן די יונגע, ווייסע קעמלטע, ביי עזאַזין די יינגסטע ווייב און...

— גענוג, ברידער, — זאָגט אַבו־יאַני — צו וואָס אויסרעכענען דאָס

שלעכטע, דאָס אומגליק איז גרויס, און ווו ליגט דער סוד? לאָמיר בעסער בעטן ביי אַללאַ, ער זאָל אונדז אַריינגעבן כוח און שאַרפן אונדזער מוח, זאָלן מיר דערגיין די סיבה און ראַטעווען אונדזער דאָרף, וואָס טרינקט זיך אין אומגליק...

האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל אויסגעלייגט אויף דער ערד מיטן פּנים צו מזרח און שטילערהייט געזאָגט פּסוקים פון קאָראַן.

און אַז זיי האָבן שוין זייערע תּפילות אָפּגעזאָגט, זענען זיי מיט אַמאָל רעדעוודיק געוואָרן און איינער נאָכן צווייטן האָט אַרויסגעזאָגט זיינע השערות וועגן די סיבות פון אומגליק.

— דעם נאָמען פון אַללאַ פאַרשוועכט!

— אַ גאַסט אפשר באַליידיקט!

— אפשר האָט וועער פון זינדיקע שאַרפע געטראַנקען געטרונקען!

— און אפשר איז גאָר אַ פרוי דערביי פאַרמישט?

ביים לעצטן האָט שוין דער אַלטער דזשעמאַלי, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן, האָט ער זיך אַ שטאַרקן טשוכע געטאָן אין דער פּלייצע און געזאָגט:

— זאָל איך, ברידער, נישט געשטראָפט זיין פאַר מיין שוויגן און זאָל אַללאַ, דער גרויסער, און מוכאַמעד דער הייליקער, מיר נישט פאַר אומגוט דאָס נעמען, צו אַלט בין איך, איך זאָל קענען מיט זיך אין קבר מיטנעמען זינד, און זינדיק איז אויך דער, וואָס ווייסט פון צווייטנס זינד און שווייגט. יאָ, ברידער, נישט אַזוי גרינג איז צו ברעכן אַ האַרץ פון אַ יונגן פריינט. יאָרן־לאַנג ווי עזאַזי טיילט זיך מיט מיר מיט פרייד און מיט לייד, נאָר מיר קען ער דערציילן, ווי עס ברייטערט זיך זיין האַרץ פון גרויס ליבשאַפט צו זיין יינגסטער ווייב לאַטיפע. טאָלן מיט בערג קען מען אויסוואַנדערן און אַ צווייטע ווי זי נישט געפינען — פלעגט ער זיך פאַר מיר אַלע מאָל אַ שטאָלצער באַרימען — און וואָלט ער דען מיר געגלויבט, ווען איך דערצייל אים, אַז צו מיינע אויערן איז דערגאַנגען דער שרעקלעכער סוד, אַז אַ פאַל־שעניצע איז זי לאַטיפע, אַז אַ באַרגיקן האָט זי נאָך אין אירע יונגע יאָרן איר האַרץ געשענקט און עס איז נישט דאָס ווייטקייט צום ברונעם, וואָס דויערט אַזוי לאַנג איר צוריק קומען. עס זענען די פעלדזן, וווהין זי גייט,

עס איז צום ים, צו איר געליבטן, וואָס וואַרט און לויערט אויף איר און טיילט זיין וואַרעמקייט מיט אַט דער פּאַלשעניצע. צי וואָלט עס עזאַזי געגלויבט, ווען ער שיינט אַלע מאָל פון גליק, און צי וואָלט דען נישט זיין האַרץ גע־פּלאַצט פון פּיין, ווען ער וואָלט יאָ געגלויבט? יאָ, ברידער, ווי אַלט איך בין, אַזוי זינדיק בין איך אויך, שוין לאַנג ווי די זינד איז אַריבער מיין שוועל, נאָר ווי קען איך איצט שווייגן? ווי קען איך צוזען ווי מיין דאָרף, דאָס ליבלינג פון מיין אויג, גייט אונטער.

ביי די לעצטע ווערטער, האָט דער אַלטער דזשמאַלי אַ טרער געלאָזט, און אין דער אסיפה פון די זקנים איז געוואָרן אַ טומל. אַלע האָבן מיט אַמאָל גערעדט. קיינער האָט נישט געוווסט און נישט געהערט, וואָס דער צווייטער זאָגט. מען האָט זיך געאַמפּערט, נישט ווּיסנדיק, ווער מיט ווּעמען און פאַר וואָס.

און ערשט ווען ווילדע שאַקאַלן האָבן זיך אויף די פעלדער הונגעריקע צעלאָזט אין אַ קינדעריש רחמנות־געוויין, האָבן זיך די זקנים געלאָזט צוריק אין דאָרף, און נאָך איידער זיי זענען געקומען, איז שוין דאָס גאַנצע דאָרף געגאַנגען כּאַדראַם און אַלע האָבן שוין געוווסט דעם סוד פון אומגליק. נישט אַנדערש ווי דער ווינט וואָלט זיי איבערדערציילט פריער די סודות פון הינטערן זאַרורי־בוים.

און אַז דאָס דאָרף האָט זיך דערוווסט פון דעם, האָט זיך געטאָן חושך! מען האָט געקלאַפּט און געשטורמט אינעם שטיבל פון עזאַזי. מען האָט זיך געריסן אינעווייניק אָפּצורעכענען זיך מיט דער פּאַלשעניצע, מיט דער, וואָס האָט אויף דעם גאַנצן דאָרף אַן אומגליק געבראַכט, און עזאַזי, ווי אַ ווילדער איז געשטאַנען ביי דער טיר, מיט זיינע פויסטן, און גערעוועט, ווי אַ גע־קוילעטער שעפּס, אַליין נישט ווּיסנדיק, וואָס ער שרייט. און דער קאָפּ האָט אים געדרייט און די אויגן האָבן זיך אים פון גרויס ווייטיק איבערגעקערט. מען האָט געזען, אַז אָט גייט דער גוטער עזאַזי פון זינען אַראָפּ. און דער טומל אין דאָרף ווערט גרעסער און גרעסער...

*

קיינער ווייסט נישט, צי לאַטיפע האָט אַליין אויסגעהויכט מיט דער נשמה, צי עמיצער אַנדערש איז געווען דער, וואָס האָט איר פּאַלשע נשמה

אַוועקגענומען און פֿאַר ווילדע הינט געוואָרפֿן — און דאָס ווייסט אָבער דאָס גאַנצע דאָרף, אַז זי, די פֿאַלשעניצע, איז נישטאָ מער, פֿאַרשווינדן איז זי ווי קיינמאָל געווען, אַז עזאַזי האָט פֿאַרלוירן זיין געדאַנק און לאַכט מיט פֿאַר־גלאָצטע אויגן מיט אַ קול פֿון אַ הייזעריקן האָן. און אַז פֿאַרשוווּנדן איז דערמיט דאָס אומגליק פֿון דאָרף פֿאַראַדיז.